STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11654

MENTSH UN VUNDER

Jules Verne

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ז ש ו ל ו ו ע ר ן

מענטש און ווונדער

ר אָ מ אַ ן

ייִדיש: מ. גרין.

צווייטער טייל.

פ אַ ר ל אַ ג א. ג י ט ל י ן
ו אַ ר ש ע,

Printed in Poland.

Druk. Sikora i Mylner. Warszawa, Nowolipki 6.

קאַפּיטל זיבעצן.

„לעשן! לאָמיר לעשן דאָס פייער"! — האָט מען גע־שריען פון אַלע זייטן.

די מאַטראָזן זענען געקומען צו זיך. זיי האָבן פאַר־שטאַנען, ווי גרויס די געפאַר איז. עס האָבן זיך געפונען צווישן זיי קלוגע און פראַקטישע מענטשן, וועלכע האָבן גע־ווּסט וואָס צו טאָן אין אַזאַ פאַל. איינער פון אונדזערע מאַטראָזן האָט אַמאָל געדינט ביי די פייערלעשער אין לאָנדאָן און ער האָט געוווּסט ווי אַזוי מען איז זיך נוהג מיט אַ שריפה.

נאַטירלעך, איז דאָס ערשטע געשריי געווען: „וואַסער!" מען האָט באַלד אַראָפּגעלאָזן אַ לאַנגע קישקע אין ים און מען האָט זי צוגעבונדן צו דער פייערפּאָמפּע. אויף דער „ראַפינא", ווי אויף יעדער גוטער שיף, מוז זיך געפינען אַ פייערפּאָמפּע און אַלע אינסטרומענטן צו לעשן אַ פייער. מען האָט אָנגעהייבן צו פּאָמפּען דאָס וואַסער אין קעמערל נומער פופצן.

דער געוועזענער פייערלעשער האָט געפרעגט דעם נעגער:

„געפינט זיך אין קעמערל גומער פופצן נאָר איין פאַס ראָם?"

„עס געפינט זיך דאָרט נאָך אַ פאַס מיט פעך, וואָס מען האָט ערשט נישט לאַנג אַריינגעקייקלט אַהין, ווייל אין דעמדאָזיקן קעמערל איז עס אַ ביסל קילער."

„וואָס נאָך געפינט זיך דאָרט?"

„צוויי פעסלעך פוטער".

„ס'איז ביטער", — האָט דער געוועזענער פייערלעשער אַ זאָג געטאָן.

דאַן האָט ער זיך געווענדט צו דעם שיפקאַפּיטאַן און צום ערשטן אָפיציר און האָט זיי געפרעגט:

„געפינען זיך ערגעץ אויפן שיף פעסלעך מיט פולווער?"

דאָס איז געווען זייער אַ וויכטיקע פראַגע. ווען עס געפינט זיך נישט קיין פולווער אויף דער „ראַפּינאַ", איז נאָך דאָ אַ האָפנונג עס צו לעשן. געפינט זיך אָבער פולווער אויף איר, איז די שיף מיט די מענטשן פאַרלאָרן.

„מיר האָבן זייער ווייניק פולווער", — האָט דער קאַפּיטאַן געענטפערט קורץ.

מיר האָבן אַלע געוווּסט, אַז אויף דער „ראַפּינאַ" האָבן זיך געפונען פון פופציק ביז זעכציק פעסלעך פולווער, ווען מיר זענען געפאָרן קיין אַפריקע. פולווער איז געווען ביי אונדז אַ הויפּטאַרטיקל. מלך דשינגא האָט געדאַרפט האָבן פולווער און ביקסן פאַר זיינע סאָלדאַטן. מיר האָבן דאַן גע־רעכנט, אַז דער שיפקאַפּיטאַן האָט אַוועקגעגעבן דעם שוואַרצן מלך דאָס גאַנצע פולווער.

דידאָזיקע ידיעה האָט אַלעמען צוגעגעבן פרישן מוט צו

ארבעטן ביים לעשן דאָס פייער. קוים האָבן מיר נישט קיין פולווער אויפן שיף, איז נאָך דאָ אַ האָפענונג זי צו ראַטעווען.

אַלע האָבן געאַרבעט מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג. ליידער, איז אונדזער מי געווען אומזיסט! שניימאַן, דער נעגער האָט רעכט געהאַט. אין קעמערל האָט זיך געפונען אַ פעסל פעך, וואָס האָט זיך באַלד אָנגעצונדן. דאָס פייער איז געוואָרן שטאַרקער, דער רויך איז געוואָרן געדיכטער. עס איז געוואָרן אומעגלעך אַראָפצוגיין אונטן.

דאָך האָבן די מאַטראָזן פון דער „ראַפינאַ" נישט פאַר־צווייפלט. זיי האָבן נאָך אַלץ געהאַט אַ האָפענונג, אַז עס וועט זיי געלינגען צו ראַטעווען די שיף, וואָס האָט דערווייל גע־ברענט נאָר פון איין זייט, פון הינטן דאָרט, וווּ דער רודער געפינט זיך. ווער עס האָט נאָר געהאַט הענט, דער האָט גע־פּאָמפּעט, געשעפּט וואַסער און געגאָסן, ווו מען האָט געקענט, ווו מען האָט געפונען אַ פענסטערל, אַ שפּאַלט, אַ לאָך, אַן עפענונג.

ס'האָט אָבער נישט געהאָלפן. ביזאַהער האָבן מיר געזען דעם רויך אַרויסגיין נאָר פון דעם קעמערל נומער פופצן, באַלד אָבער האָבן זיך אָנגעהייבן צו ווייזן דינע פעדעם רויך פון דעם גאַנצן אונטערדעק. דאָס פייער האָט זיך פאַרברייטערט ווייטער און האָט דאָרט געפונען פעסלעך מיט פולווער, אייל... גאָר אַ ווויל מאַטעריאַל צום ברענען.

אַלע פנימער זענען געוואָרן בלייך, אַ־ע הענט האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן. די מאַטראָזן האָבן אָנגעהייבן צו קוקן איינער אויפן אַנדערן מיט שרעק און פאַרצווייפלונג. זייערע שטומע בליקן האָבן געזאָגט:

„אומזיסט אונדזער אַרבעט, מיר זענען פאַרלאָרן!"

די ליפן האָבן עס נאָך נישט געוואַגט אַרויסצוזאָגן,

אָבער יעדער האָט עס געפילט, יעדער האָט עס געוווּסט, אַז די געפאַר איז זייער גרויס, אַז די „ראַפּינאַ" איז פאַרלאָרן און די מענטשן זענען פאַרלאָרן מיט איר.

דער רויך איז געוואָרן געדיכטער און געדיכטער. פריער האָט מען געזען נאָר דינע פעדעם רויך אַרויסגיין פון די שפּאַלטן פונם דעק: דידאָזיקע דינע פעדעם זענען געוואָרן דיקער און דיקער. ערטערווייז האָבן זיך אויפגעהייבן גאַנצע זיילן. ענדלעך איז דער גאַנצער הינטערשטער טייל פון דער שיף געווען באַדעקט און איינגעהילט אין רויך. דער הינ-טערשטער זעגלבוים איז געוואָרן איינגעהילט אין רויך, ווי אין אַ קאָלדרע. עס איז געווען דייטלעך, אַז אַלע אונטערשטע קאַמערן ברענען שוין.

אַ מאָדנע זאַך! אין דער צייט, וואָס דער גאַנצער הינטערשטער טייל פון דער שיף האָט געברענט, האָט מען פון פאָרנט גאָרנישט געפילט נישט קיין רויך און נישט קיין פייער. מיר זענען אַרומגעגאַנגען אויפן דעק פון פאָרנט גאַנץ רויִק, גלייך ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען.

איך בין באַלד געוואָר געוואָרן, פאַרוואָס דאָס איז: צווישן דעם הינטערשטן טייל פון דער שיף, וווּ עס האָבן זיך געפונען די שפּייזקאַמערן און דעם פאָדערשטן טייל, וווּ עס האָבן זיך געפונען די שטאַלן פאַר די נעגערס, זענען געווען די קאַמערן, וווּ עס זענען געלעגן די פעסער מיט וואַסער. ווען דאָס פייער איז צוגעקומען צו דעם אָרט, האָט עס גע-פונען פאַר זיך אַ ים מיט וואַסער. דערפאַר האָט עס גע-ברענט אַזוי לאַנגזאַם. און אין דער צייט, וואָס דאָס פייער האָט געברענט אין דעם הינטערשטן טייל פון דער שיף, איז אויפן פאָדערשטן טייל פון דער שיף געווען גאַנץ רויִק.

די מאַטראָזן האָבן אָבער זייער גוט געוווּסט, אַז דאָס

וועם לאַנג נישט דויערן. דער רויך איז געוואָרן אַלע מאָל שטאַרקער, געדיכטער און שרעקלעכער. ווען עס זאָל געווען זיין אַ שטיקעלע ווינט אויפן ים, וואָלטן מיר אויף קיין פאַל נישט געקענט אײַנשטיין אויפן פּאָרקאַסל. עס איז אָבער קיין ווינט נישט געווען. דער רויך איז אַרויפגעגאַנגען גלייך צום הימל און מיר האָבן געקענט זען, ווי דאָס פייער ווערט אַלע-מאָל שטאַרקער אונטן אין די קאַמערן.

ביז אַהער האָבן מיר געזען נאָר רויך און דאַמף. דער דאַמף איז געקומען פונם וואַסער, וואָס מיר האָבן אָנגעגאָסן אין די קאַמערן און אויפן דעק. פּלוצלונג האָבן זיך אָנגע-הייבן צו ווייזן רויטע פייערדיקע צונגען. זיי זענען אַרויסגע-גאַנגען פון אַלע שפּאַלטן פונם דעם.

„מיר זענען פאַרלאָרן! לאָזט אַראָפּ דעם באָט"! האָט מען געשריען פון אַלע זייטן — „לאָמיר זיך ראַטעווען אויף די באָטן!"

ווער עס האָט זיך צוגעקוקט צו אַ האַפן, דער האָט גע-וויס באַמערקט, אַז אויף יעדער שיף געפינען זיך עטלעכע קליינע שיפלעך אָדער באָטן, אין וועלכע מען קען זיך ראַ-טעווען אין אַ נויט.

אויף דער „ראַפינאַ" זענען געווען דריי אַזעלכע באָטן. דאָס ערשטע איז געווען אַ קליינס, אָבער אַ שטאַרקס און אַ שנעלס. אין דעם באָט האָבן געקענט אַרײַנגיין צען מענטשן. דאָס צווייטע באָט איז געווען די „פּינאַסע", אַ גרויס שווער באָט, אין וועלכן עס האָבן געקענט געפינען אָרט פון דרייסיק ביז פערציק מענטשן. דאָס דריטע באָט האָט געהייסן ד אָ ס ג ר ו י ס ע ב אָ ט. דאָס איז געווען אַ גאַנצער סקונער, אין וועלכן עס וואָלטן געקענט אַרײַן אַלע מאַטראָזן פון דער „ראַפינאַ" מיט פּראָוויאַנט, מיט וואַסער און מיט אַלעם גוטן.

ווען דער קאַפּיטאַן, דער ערשטער אָפיציר און די מאַט-ראָזן פון דער „ראַפּינאַ" וואָלטן געווען מיושבדיקע מענטשן און נישט קיין באַנדיטן, וואָלטן זיי געדאַרפט זיך איבערלייגן און זיך באַראַטן, וואָס זיי זאָלן איצט טאָן און ווי אַזוי אַלע זאָלן זיך ראַטעווען. אין אַ נויט מוז מען זיך האַלטן צוזאַמען. יעדער מוז זאָרגן פאַר אַלעמען און אַלע זאָלן זיך זאָרגן פאַר איינעם. נאָר אויף אַזאַ אופן קען מען זיך ראַטעווען.

אָבער די מענטשן פון דער „ראַפּינאַ" זענען געווען רוצחים. איצט אין דער נויט האָבן זיי אַרויסגעוויזן, ווי ווילד און פאַרדאָרבן זיי זענען. יעדער האָט געטאָן, וואָס ער האָט געוואָלט. יעדער האָט געוואָלט נאָר זיך ראַטעווען און האָט פאַרגעסן, אַז „איינער איז קיינער".

ווען מען איז צוגעקומען צום צווייטן באָט, די „פינאַסע", ווי די מאַטראָזן פלעגן זי רופן, און מען האָט געוואָלט זי אַראָפּלאָזן אין וואַסער, האָט מען דערזען, אַז די פלאַנקע איז צעבראָכן אונטן אין באָדן. דאָס איז געשען אויפן טייך, אין דער צייט, ווען מען פלעגט אויף איר איבערפירן די שקלאַפן און דעם פּראָוויאַנט פון מלך דשינגאַס לאַגער אויף דער „ראַפּינאַ". דעמאָלט האָט זי זיך אָנגעשלאָגן אָן אַ שטיין און האָט באַקומען אַ לאָך אין באָדן.

דער קאַפּיטאַן האָט געוווּסט דערפון און האָט געהייסן זי רעפּערירן. אַלע זענען אָבער געווען אַזוי באַשעפטיקט, אַז מען האָט פאַרגעסן אָן איר און איצט איז שוין געווען צו שפּעט. קליאַטשע האָט דערקלערט, אַז עס דאַרף ביי אים צו-נעמען אַ גאַנצן טאָג אַרבעט, כדי צו מאַכן זי שטאַרק און פעסט, אַז זי זאָל קענען אויסהאַלטן אַ לאַנגע נסיעה.

עס איז אַלזאָ געבליבן נאָר דאָס „גרויסע באָט" און דאָס צווייטע, וואָס האָט געהייסן דעם „קאַפּיטאַנס שיפל". איצט

האָט מען שוין אָנגעהייבן זיך איבערצולייגן און בּאַראַטן, וואָס מען זאָל טאָן.

„צען אויפן קאַפּיטאַנס שיפל און די איבעריקע אין דעם גרויסן באָט״!״ — האָט דער קאַפּיטאַן אויסגערופן.

אַלע האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צום גרויסן באָט. זיי האָבן זיך זייער ווייניק געקימערט וועגן דעם, וואָס דער קאַ-פּיטאַן האָט זיי געהייסן. זייט מען האָט אַנטדעקט, אַז עס איז אויסגעגאַנגען דאָס וואַסער אויף דער „ראַפּינאַ״, האָט דער קאַפּיטאַן פאַרלאָרן זיין גאַנצע מאַכט און קיינער האָט אים שוין נישט געהערט. דאַסמאָל אָבער האָט מען אים געמוזט פאָלגן, ווייל יעדער האָט געוווּסט, אַז אין „שיפל״ קענען העכסטנס אַריינגיין צען מענטשן.

אַלע האָבן זיך דעריבער אַ וואָרף געטאָן צום גרויסן באָט. איך בּין געשטאַנען אין דער אינדערמיט פון דער מענגע און בּין געלאָפן מיט זיי. מען האָט אָנגעהייבן אָפּצובינדן די שטריק און צוצוגרייטן די מאַשינעס אַרופּצולאָזן דאָס באָט. דאָס איז נישט געווען קיין לייכטע אַרבעט. דאָס „גרויסע באָט״ איז גע-ווען זייער שווער. מען האָט געמוזט עס אַראָפּלאָזן זייער פאַר-זיכטיק: עס איז דאָך אונדזער איינציקע רעטונג.

אַזוי ווי איך האָב נישט געקענט מיטהעלפן אַראָפּצולאָזן דעם באָט, ווייל איך בּין נאָך געווען צו יונג און צו אומדערפאַרן אין אַזאַ אַרבעט — (דאָס האָבן געדאַרפט טאָן אַלטע געאיבטע מאַט-ראָזן), האָב איך אָנגעהייבן צו זוכן מיט די אויגן מיין פריינט בען בּראַסן, און האָב אים נישט געזען צווישן דעם עולם אַרום מיר. איך האָב גערעכנט, אַז ער איז אַוועקגעגאַנגען מיט קאַפּיטאַן, ווייל ער וויל פאָרן מיט אים אויפן שיפל.

איך האָב מיך נישט געוואָלט צושיידן מיט בען בּראַסן און האָב בּאַשלאָסן אים אויפצוזוכן און צו פאָרן מיט אים: ער

איז דאָך געווען דער איינציקער גוטער און אנשטענדיקער מענטש אויף דער „ראפינא". איך בין דעריבער געגאנגען אים זוכן.

דאָס גרויסע באָט איז געהאָנגען אין פראָנט פון דער „ראפינא", דאָס קליינע באָט אָבער, דאָס „שיפל" איז געהאָנגען פון הינטן, דאָרט, ווו דער רודער געפינט זיך. איך האָב דעריבער געמוזט דורכגיין די גאנצע שיף, איך זאָל קענען צוקומען צום אָרט, ווו דאָס שיפל איז געהאָנגען. איך האָב געמוזט דורכגיין דורכן געדיכטן רויך, וועלכער האָט ארויסגעזעצט פון די פענסטערלעך און פון די שפאלטן פונם דעק.

איך האָב געמוזט מיך אָנהאלטן אָן פאָרענץ פון שיף. עס איז געווען געפערלעך צו גיין. דער רויך האָט מיך גע- שטיקט. די ברעטער אונטער מיינע פיס זענען געווען הייס ווי פייער. מיט שווערער מי איז עס מיר געלונגען דורכצוגיין ביז צום עק פון דער שיף. דאָרט איז אויך געווען א רויך. ער איז אָבער נישט געווען אזוי שטארק, אז מען זאָל נישט קענען זען איינער דעם אנדערן.

איך האָב דערזען מיט שרעק און שטוינען, אז דאָרט זענען געשטאנען זעקס מענטשן און האָבן זיך געאיילט אראָפ- צולאָזן דאָס קליינע „שיפל". דריי פון זיי האָב איך באלד דערקענט. דאָס זענען געווען: דער קאפיטאן, דער ערשטער אָפיציר און קליאטשע. די איבריקע דריי זענען געווען מאטראָזן פון דער „ראפינא". איך האָב געזען, ווי זיי זענען געווען בלייך און האָבן געציטערט. עס איז געווען קלאָר, אז זיי זע- נען שטארק איבערגעשראָקן און האָבן עפעס מורא פאר אן אנדער זאך, אויסער דעם פייער.

ווען איך בין צוגעקומען צו זיי, האָבן זיי שוין אראָפגע- לאָזן דאָס קליינע באָט. איך האָב געזען ווי דער ערשטער אָפיציר האָט געטראָגן אונטערן אָרעם דעם קאָמפאס פון דער

שיף און די ים-קאַרטן. אַזויווי עס זענען דאָ לאַנדקאַרטעס, וווּ עס איז פאַרצייכנט געוואָרן יעדער ברעג, יעדער טייך און יעדע שטאָט, אַזוי זענען דאָ ים-קאַרטן, וווּ עס איז פאַרצייכנט יעדע אינדזל, יעדער טייך און אַלע געפערלעכע ערטער אין ים. יעדער שיפקאַפּיטאַן מוז האָבן ביי זיך אַזעלכע ים-קאַרטן, ער זאָל וויסן צו יעדער צייט, וווּ ער געפינט זיך.

די דריי מאַטראָזן, וואָס זענען געווען מיטן שיפקאַפּיטאַן, האָבן אָנגעהייבן צו וואַרפן אין באָט אַלערליי נייטיקע זאַכן: קעסטלעך מיט סוכאַרעס, אַ פעסעלע ראָם, אַ פעסל איינגעזאַלצן פלייש און אַ פעסעלע וואַסער.

אַזוי ווי איך האָב נישט געפונען מיין פריינט בען בראַסן צווישן זיי, האָב איך געוואָלט צוריקגיין צו די איבריקע מאַטראָזן, וועלכע האָבן געאַרבעט ביים גרויסן באָט. פלוצלונג האָב איך דערזען, ווי דער שיפקאַפּיטאַן, דער ערשטער אָפיציר, קליאַטשקע און די דריי מאַטראָזן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אין קליינעם באָט.

איך בין געבליבן שטיין, ווי פאַרשטיינערט.

„וואָס זאָל דאָס הייסן?" האָב איך געפרעגט, — „זיי אַנטלויפן! זיי ווילן נישט וואַרטן, ביז אַלע וועלן זיך ראַטעווען? זיי ווילן נישט מיטנעמען נאָך פיר מאַטראָזן, ווי מען האָט אָפּגערעדט? דער שיפקאַפּיטאַן האָט דאָך אַליין געזאָגט, אַז צען מענטשן זאָלן זיך אַרויפזעצן אויפן קליינעם באָט און די איבריקע זאָלן זיך אַריינזעצן אין דעם גרויסן באָט?

איך האָב אַמאָל געלעזן, אַז ווען עס מאַכט זיך אַן אומגליק אויפן ים, דאַרף דער שיפקאַפּיטאַן זיין דער לעצטער ויך צו ראַטעווען. זאָל ער גאָר פריער זיך אַליין ראַטעווען און זאָל אונדז אַלעמען איבערלאָזן אויף הפקר?

עס האָט מיך אָנפאַנגס געוווּנדערט, וואָס די איבריקע

שווינן, וואָס מען לאָזט דעם שיפקאַפּיטאַן אַנטלויפן. איך האָב עס מיר אָבער באַלד דערקלערט. די מאַטראָזן ווייסן גאָרנישט, אַז ער אַנטלויפט. אין שרעק און אין איילעניש ווייסן זיי גאָרנישט, נוּ דער שיפקאַפּיטאַן מיט דעם ערשטן אָפיציר זענען אַהינגעקומען. אין שרעק און אין איילעניש האָבן זיי פאַרגעסן, ווי וויכטיק עס איז צו האָבן מיט זיך אַ ריכטיקן קאָמפּאַס. ווי קען מען זיך לאָזן אויפן ים אָן אַ קאָמפּאַס — דער שיפקאַפּיטאַן האָט אַלזאָ צוגעגנבעט דעם קאָמפּאַס ביי זיינע אייגענע מאַטראָזן!

דאָס איז דאָך אַ רציחה! אַ שיפקאַפּיטאַן זאָל זיך אויפפירן אַזוי געמיין! דאָס איז נאָך נישט געהערט געוואָרן אויף דער וועלט!

איך בין געשטאַנען אייניקע מינוט און האָב מיר קיין עצה נישט געקענט געפינען, וואָס צו טאָן. זאָל איך פּראָטעסטירן, שרייען, רופן דעם שיפקאַפּיטאַן און אים זאָגן, אַז ער טוט שלעכט? — דאָס וועט נישט העלפן. ער וועט מיך אויסלאַכן. מאַכן אַ געוואַלד און רופן די איבריקע מאַטראָזן, איז אויך געווען אומעגלעך: דאָס פייער האָט געררישט, געקנאַקט, אַזוי, אַז קיינער וואָלט מיך נישט געהערט. איך וואָלט געמעגט שרייען, ווי הויך.

אויסערדעם, וואָלט מיין געשריי זייער ווייניק געהאָלפן, ווען די איבריקע מאַטראָזן וואָלטן מיך אַפילו דערהערט. דער שיפקאַפּיטאַן מיט זיינע מענטשן האָבן זיך אַזוי געאיילט, אַז קוים זענען זיי אַריינגעקומען אין באָט, האָבן זיי באַלד איבערגעשניטן די שטריק, מיט וועלכע דאָס באָט איז געווען צוגעבונדן צו דער שיף, און די דריי מאַטראָזן האָבן אַריינגעשטעקט אין וואַסער די רודערס און האָבן זיך דערווייטערט פון דער שיף.

„וואס איילן זיי זיך אַזוי?‟ — האב איך זיך געפרעגט, — פאַרוואס, אַנטלויפן זיי? פאַרוואס ציטערן זיי אַזוי? דא מוז זיין עפּעס אַ סוד?‟

יא, דאס איז באמת געווען א סוד, א שרעקלעכער סוד! איך בין דאס באלד געוואר געווארן און א קאַלטער פראסט איז מיר אריבערגעגאנגען איבערן לייב. דער שיפקאַפּיטאַן אליין האט מיר אויסגעזאגט דעם שרעקלעכן סוד, ער האט דערביי ארויסגעוויזן ווי געמיין, העסלעך און פארדארבן ער איז. איך האב עס פריער געוווּסט. אַזוי געמיין אבער האב איך אים נישט געהאַלטן.

איך האָב מיך אָנגעשפּאַרט אויפן פּאַרענץ פון דער שיף און האָב נישט ווילנדיק אויסגערופן:

„הער קאַפּיטאַן, איר אַנטלויפט? איר לאָזט אונדז אַליין?‟

דער קאַפּיטאַן האָט זיך צעלאַכט מיט זיין גראָבן געלעכטער.

„אַ! דו ביזט עס, בילי? גוט, וואָס דו ביזט דאָ! — זאָג זיי, אַז זיי זאָלן געבן פּאַרזיכטיק אַראָפּלאָזן דאָס גרויסע באָט. די ברעטער אין דער רעכטער זייט זענען אַ ביסל צעפוילט. ווען זיי וועלן נישט זיין פּאָרזיכטיק, קענען זיי עס נאָך צעברעכן.‟

„פאַרוואָס האָט איר עס פריער נישט געזאָגט?‟

דער שיפקאַפּיטאַן האָט זיך געמאַכט, גלייך ווי ער הערט נישט, וואָס איך פרעג אים און האָט ווייטער געזאָגט:

„הער נאָר בילי, זאָג זיי, אַז זיי זאָלן זיך צואיילן, זיי טאָרן נישט פאַרלירן קיין מינוט. עס געפינען זיך אויפן שיף צ ע ן פ ע ס ל ע ך פ ו ל ו ו ע ר!‟...

מיט דידאַקטיקע ווערטער האָט ער אַ ווונק געטאָן צו די מאַטראָזן און זיי האָבן אָנגעהייבן אַוועקצוטראָגן פון דער

שיף. אין אייניקע מינוט אַרום זענען זיי שוין געווען אַ פּאָר הונדערט שריט פון דער „ראַפּינאַ".

„יאָ, אָט דאָס איז דער סוד!" — האָב איך אויסגערופן. — „איצט פאַרשטיי איך אַלץ. איך האָב גוט געהערט, ווי דער מאַטראָז, וועלכער איז אַמאָל געווען אַ פייערלעשער אין לאָנדאָן, האָט געפרעגט, צי עס געפינט זיך נישט קיין פולווער אויפן שיף. דערפאַר האָבן מיר מורא געהאַט. כּל זמן עס איז נישטאָ קיין פולווער, האָבן מיר נאָך צייט זיך צו ראַטעווען. אַזאַ גרויסע שיף, ווי די „ראַפּינאַ" ברענט נישט אָפּ מיטאַמאָל. מען קען שטעלן פון איין זייט משאבות, וועלכע זאָלן לעשן דאָס פייער און פון דער צווייטער זייט קען מען אַרבעטן און אָנגרייטן אַלץ צו אונדזער רעטונג. אַז עס געפינען זיך אָבער צען פעסלעך פולווער אויפן שיף, קענען מיר דאָך צו יעדע מינוט צעריסן ווערן אויף שטיקלעך מיט דער „ראַפּינאַ" צוזאַמען.

אָבער פונוואַנען האָט זיך גענומען אַזויפיל פולווער אויף דער „ראַפּינאַ"? די מאַטראָזן זענען דאָך געווען איבערצייגט, אַז אויפן שיף געפינט זיך גאָרנישט קיין פולווער, אָדער זייער ווייניק?

ווען דער שיפקאַפּיטאַן האָט געשאַכערט און ציגיינערט מיטן שוואַרצן מלך, האָט איינער דעם אַנדערן געוואָלט באַשווינדלען. איך האָב שוין פריער דערציילט, אַז מען האָט אַרויפגעקייקלט אויפן דעק צען פעסלעך ראָם און מען האָט זיי איבערגעגעבן דעם מלך. אונטער די הענט אָבער האָט מען בײַ אים אַראָפּגעגנבעט אַ פעסל און מען האָט עס צוריק אַרײַנגעקייקלט אין קאַמער.

דאָסזעלבע איז געשען מיט די פעסלעך פולווער. דער שיפקאַפּיטאַן מיט זיינע עטלעכע געטרייע מאַטראָזן האָבן

זיך געפרייט, וואָס ער האָט אָפּגענאַרט דעם מלך און האָט ביי אים אַוועקגעגנבעט צען פּעסלעך פּולווער. ער האָט גע־הייסן זיי באַהאַלטן ערגעץ אין אַ ווייטן ווינקעלע צווישן די קאַמערן, ווו עס האָבן זיך געפונען די נעגערס.

איצט זענען די פּעסלעך פּולווער געווען דאָס גרעסטע אומגליק פאַר דער „ראַפּינאַ".

ווען איך האָב דערהערט פון קאַפּיטאַן, אַז אויפן שיף געפינען זיך עטלעכע פּעסלעך פּולווער, בין בין געבליבן שטיין, ווי פאַרשטיינערט. איצט דערציייל איך עס אייך אַפילו גלייכ־גילטיק, דעמאָלט אָבער בין איך געווען אַזוי דערשראָקן, אַז איך בין שיער נישט אַריבערגעפאַלן איבערן פּאָרענץ פון דער שיף.

אפשר האָט ער מיך אָפּגענאַרט?" — האָב איך געטראַכט, ווי איך בין געקומען צו זיך. — „אפשר האָט ער אונדז גע־וואָלט איבערשרעקן? — אָבער ניין! אין אַזאַ צייט שפּאַסט מען נישט. דאָס איז די סיבה, וואָס ער איז אַזוי אַנטלאָפן מיט זיינע געטרייע פריינט. די איבעריקע מאַטראָזן ווייסן דער־פון נישט".

„איצט בין איך געלאָפן ווי אַ משוגענער. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די פּעסלעך פּולווער ליגן ערגעץ נישט ווייט, אַז יעדע מינוט קענען זיי זיך אָנצינדן, אויפרייסן די שיף און צערייסן אונדז אויף שטיקלעך. איך בין געלאָפן צום פאָרקאַסל, צום אָרט, ווו די מאַטראָ ן האָבן געאַרבעט אַרום גרויסן באָט. עס איז נישט געווען קיין לייכטע אַרבעט אַראָפּ־צולאָזן אַזאַ גרויסן און שווערן באָט אין וואַסער. ווען די מאַטראָזן וואָלטן נאָך געווען רויק און וואָלטן געאַרבעט מיושבדיק, וואָלטן זיי עס געקענט מאַכן פיל שנעלער. יעדער

איז אָבער געווען דערשראָקן, יעדער איז געווען אויפגערעגט און בייז, און יעדער האָט געוואָלט זיך ראַטעווען.

די אַרבעט איז דעריבער געגאַנגען זייער לאַנגזאַם. איך בין צוגעלאָפן צו זיי און האָב אָנגעהייבן צו זוכן מיין פריינט בען בראַס. איך האָב אים דערזען. איך האָב אָבער נישט געקענט צוקומען צו אים. איך האָב נישט געקענט זיך דורכשלאָגן דורכן עולם.

איך האָב נישט געוווּסט, וואָס צו טאָן: זאָל איך אויסזאָגן אַלעמען דעם שרעקליכן סוד, וואָס איך בין נאָר וואָס געוואָר געוואָרן פון שיפקאַפּיטאַן אָדער נישט? דאָס איז געווען אַ וויכטיקע פראַגע. איך האָב מיך איבערגעלייגט, אַז איך זאָל עס אויסזאָגן נאָר בען בראַסן.

„זיי זענען ווילדע און פאַרדאָרבענע מענטשן,״ — האָב איך מיר געטראַכט — „קוים וועלן זיי געוואָר ווערן, אַז אויפן שיף געפינט זיך פולווער, וועלן זיי ווערן גאָר ווילד און וועלן נאָך צעברעכן דאָס גרויסע באָט אין גרויס איילעניש און דאַן זענען מיר אַלע פאַרלוירן.״

אַזוי ווי איך האָב נישט געקענט צוקומען צו בען בראַסן, האָב איך מיך דערווייל געשטעלט אַרבעטן גלייך מיט אַלעמען און האָב פון צייט צו צייט אַ קוק געטאָן אויף אים אין דער האָפענונג, אַז איך וועל קענען אים געבן אַ ווינק, ער זאָל צוקומען צו מיר.

געאַרבעט האָב איך, נאַטירלעך, זייער שלעכט. איך האָב נישט געוווּסט, וואָס עס טוט זיך מיט מיר און איך האָב געציטערט: אָט, אָט וועט עס אויפשיסן און מיר וועלן אַלע צופליען אין דער לופטן. די מאַטראָזן, וועלכע זענען געשטאַנען לעבן מיר, האָבן עס באַמערקט און האָבן מיך אַוועקגעטריבן. זיי האָבן געזען, אַז איך שטער זיי אין דער אַרבעט.

איך בין אוועקגעגאַנגען אָן אַ זייט און האָב געקוקט צו בען בראַסן. ער האָט אָבער געאַרבעט מיט אַלע זיינע כּוחות און איז אַזוי געווען פאַרטיפט אין זיין אַרבעט, אַז ער האָט מיך נישט באַמערקט. איך בין געשטאַנען, ווי אויף הייסע קוילן. איך האָב געציטערט און האָב נישט געוווסט ווהין מיך אַהינ־צוטאָן.

ענדלעך איז עס געלונגען אַראָפּצולאָזן דאָס גרויסע און שווערע באָט. אַלע האָבן אויפגעלעבט. מען קען דאָך פאַרט ראַטעווען דאָס לעבן. אייניקע האָבן זיך באַלד אָנגעכאַפּט אָן די שטריק און האָבן זיך אַראָפּגעגליטשט אין באָט. אַנדערע, קליגערע האָבן זיך נישט געאיילט. זיי זענען געלאָפן ברענגען פּראָוויאַנט, סוכאַרעס, געזאַלצן פלייש און וואַסער.

איך בין געשטאַנען אויפן דעק, נישט ווייט פון דעם אָרט, ווו מען האָט אַראָפּגעלאָזן דעם באָט און האָב מיך גע־וואָלט דורכשלאָגן צו בען בראַסן, וועלכער איז געשטאַנען פון דער אַנדערער זייט. עס איז נישט לייכט געווען זיך דורכ־צושלאָגן צו אים דורך די מאַטראָזן, וועלכע האָבן זיך געריסן צום באָט.

אין דער מינוט, ווען איך האָב געוואָלט זיך דורכשלאָגן צו אים מיט גוואַלד, האָבן עטלעכע מאַטראָזן געבראַכט אַ פעסל. איך האָב נאָר אַ קוק געטאָן אויפן פעסל, און איך האָב באַלד געוווסט, וואָס עס געפינט זיך אין אים. עס איז געווען אַ פעסל ראָם! איך האָב געזען, אַז עס איז גוט שווער: אַ באַווייז, אַז עס איז פול, נאָך נישט אָנגעהייבן. זיי האָבן גע־ווּסט, וואָס צו נעמען. דאָס איז געווען איינס פון די גרעסטע פעסער ראָם, וועלכע מיר האָבן געהאַט אויף דער „ראַפּינאַ.״

איך האָב גערעכנט, אַז אייניקע וועלן זיך שטעלן פּראָ־טעסטירן און וועלן זאָגן, אַז אנשטאָט דאָס פאַס ראָם זאָל מען

בעסער מיטנעמען אַ פּאַס מעל אָדער סוכאַרעס. איך האָב מיך אָבער אָפּגענאַרט. קיינער האָט נישט פּראָטעסטירט. פּאַרקערט, עס זענען נאָך צוגעלאָפן אייניקע צו העלפן אַראָפּלאָזן דאָס פּאַס ראָם אין באָט. זיי האָבן פאַרגעסן, די אומגליקלעכע, אַז אויף אַזאַ נסיעה אויפן וועלט־ים איז ברויט און וואַסער ווייטיקער פון ראָם.

אַזוי ווי דאָס פּאַס איז געווען זייער שווער, האָט מען עס געמוזט אַראָפּלאָזן זייער פאָרזיכטיק. מען האָט גענומען אַ שטריק, מען האָט אים צוויי מאָל אַרומגעוויקלט אַרום פּאַס און מען האָט עס אָנגעהייבן אַראָפּצולאָזן אין באָט.

איך ווייס נישט, וואָס איז געווען די סיבה: צי דער שטריק איז געווען פאַרפוילט אָדער די מאַטראָזן האָבן זיך געאײַלט און האָבן נישט גוט אַרומגענומען דאָס פּאַס מיט דעם שטריק — אָבער דער פּאָרענץ פון דער שיף האָט זיך צעבראָכן פון דער לאַסט פון שווערן פּאַס. קוים האָט מען אַריבערגעשטעלט דאָס פּאַס איבערן פּאָרענץ, האָט עס זיך אַרויסגעריסן פון די שטריק און איז אַראָפּגעפאַלן אויף די ווענט פון גרויסן באָט.

עס האָט זיך דערהערט אַ מוראדיקער קלאַפּ. די ברעטער פון באָט האָבן זיך אָפּגעבראָכן! דער שיפקאַפּיטאַן איז געווען געדעכט. די ווענט פון גרויסן באָט זענען געווען פאַרפוילט און דאָס שווערע פּאַס האָט זיי אינגאַנצן צעבראָכן. דאָס וואַסער פון ים האָט אויפגעשפּריצט אין דערהויך. ביי אַ מינוט זענען אַלע געשטאַנען ווי פאַרשטיינערט. נאָכדעם האָט מען גענומען שרייַען:

„מיר זענען פאַרלוירן! דאָס באָט גייט אונטער!"

איצט האָט זיך אָנגעהייבן אַ שרעקלעך לויפן און קלעטערן. צוויי מאַטראָזן פון באָט זענען אַריינגעפאַלן אין וואַסער. זיי זענען אָבער באַלד אַרויסגעקראָכן מיט אַ געשריי

און האָבן זיך אָנגעכאַפּט אָן די שטריק. אַלע וואָס האָבן זיך געאײַלט און האָבן זיך פריער אַראָפּגעלאָזן אין באָט, האָבן איצט געקלעטערט צוריק אויפן שיף. דאָס באָט האָט אָנגע- הייבן זיך אָנצופילן מיט וואַסער און זיך אַראָפּצולאָזן אויף אונדזערע אויגן.

„צוּרעכט מאַכן! אויסבעסערן! אַרויפשלעפּן דאָס באָט אויפן דעק!" — האָט מען געשריגן מיט ווילדע קולות.

זיי האָבן געמיינט, אַז מען קען נאָך העלפן, אַז מען קען נאָך פאַריכטן דאָס באָט. זיי האָבן גערעכנט, אַז עס איז נאָך דאָ גענוג צייט. זיי האָבן נישט געוווסט דעם שרעק- לעכן סוד, וואָס איך האָב געוווּסט.

דאָס באָט איז אָבער מיט יעדער מינוט געוואָרן אַלץ מער אָנגעפילט מיט וואַסער און האָט אָנגעהייבן לאַנגזאַם צו זינקען. עס איז שוין געווען אוממעגלעך עס אַרויפצושלעפּן אויפן דעק. אין צען מינוט איז עס פאַרשוווּנדן געוואָרן אין די שוואַרצע וואַסערן פון אַטלאַנטישן וועלט-ים.

„אַ פּאַראָם! אַ פּאַראָם!"—האָט מען אָנגעהייבן צו שרייען.— „לאָמיר מאַכן אַ פּאַראָם!"

קאַפּיטל אַכצן.

„מיר זענען פאַרלוירן!" — האָט מען געשריען.

„שטייט נישט ליידיק! טוט עפּעס! אַ פּראָם! אַ פּראָם!" — האָבן געשריען אַנדערע.

„צו דער אַרבעט!" — האָבן געשריען די דריטע.

דאָס איז געווען דאָס איינציקע מיטל זיך צו ראַטעווען.

איצט האָט זיך אָנגעהייבן אַן אַרבעט. יעדער האָט געכאַפּט, וואָס ער האָט געקענט: אַ האַק, אַ מעסער, אַ זעג, אַ שפּיז, אַ שטריק, אַ שטיק אייזן, אַ האַמער, אַ שטיק האָלץ און מען האָט אָנגעהייבן צו האַקן, צו רייסן, צו קלאַפּן און צו האַמערן.

מען האָט אָנגעהייבן צו האַקן דעם פּאַרקאַסל, אָפּצורייסן פון אים די ברעטער און די קלעצער. אייניקע האָבן געהאַקט און געריסן, אַנדערע האָבן צונויפגעבונדן די ברעטער און די קלעצער מיט שטריק; ווידער אנדערע האָבן זיך גענומען אונטערזעגן דעם זעגלבוים. איך קען נישט זאָגן, אַז זיי האָבן גע-

אַרבעט אָן אַ פּלאַן. ווי זיי האָבן זיך נישט צוזאַמענגערעדט, האָבן זיי דאָך אַליין געאַרבעט און געטאָן אַלץ מיט אַ געוויסן סדר.

זיי האָבן אַזוי אויסגערעכנט: דעם זעגלבוים וועלן זיי צעזעגן אויף צוויי טייל. זיי וועלן לייגן די קלעצער פונם זעגלבוים ווייט איינעם פון דעם אנדערן. אויף די קלעצער וועלן זיי אַרויפלייגן ברעטער, וועלכע זיי וועלן צושלאָגן צו די קלעצער. אויף אַזאַ אַרט וועט דער פּאַראָם באַלד פאַרטיק ווערן. דער פּלאַן איז געווען אַ ריכטיקער. אַזויאַרום וואָלט מען געקענט האבן אַ גרויסן פּאַראַם, אויף וועלכן אַלע וואָלטן געקענט אַרויפגיין.

אַזוי ווי זיי האָבן אַזוי געאַרבעט, האָט דער פראַנצויז לע-גראָ אויפגעהייבן דעם קאָפּ און האָט אַ קוק געטאָן אויפן ים. זיין שאַרפער מאַטראָזן-אויג האָט דערזען דאָס קליינע באָט, אין וועלכן דער שיפקאַפּיטאַן מיט זיינע מענטשן זענען אַנטלאָפן. ער איז אויפגעשפּרונגען, ווי אַן אָפּגעבריטער און האָט אָנגעהייבן צו שרייען מיט זיינע שטאַרקע לונגען:

„גיך אַהאָי! גיך אַהאָי! ווו אַנטלויפט איר?"

„דער שיפקאַפּיטאַן איז אַנטלאָפן!"—האָבן זיך געכאַפּט די איבעריקע.

וואָס האָט עס אָבער געהאָלפן? דער שיפקאַפּיטאַן מיט זיינע מענטשן האָבן זיך אפילו נישט אומגעקוקט אויף די געשרייען פון די מאַטראָזן. זיי זענען ווייטער געפאָרן. ווען דאָס גרויסע באָט וואָלט נישט געווען אונטערגעגאַנגען, וואָלטן די מאַטראָזן נאָכגעיאָגט דעם קאַפּיטאַן און וואָלטן אים געוויס צוריקגעבראַכט. איצט אָבער איז עס געווען אומעגלעך.

די מאַטראָזן האָבן געקריצט מיט די ציין פאַר רציחה. ווען זיי וואָלטן געכאַפּט דעם קאַפּיטאַן, וואָלטן זיי אים צע-

דיסן אויף שטיקער. זיי זענען געשפרונגען, האָבן געטאַנצט פאַר צאָרן און פאַרדרוס, האָבן געשריען, געשאָלטן און גע־זידלט זייער קאַפּיטאַן און זייער ערשטן אָפיציר מיט קליאַטשען צוזאַמען. וואָס האָט עס אָבער געהאָלפן? דער קאַפּיטאַן מיט זיינע מענטשן זענען שוין געווען ווייט. מען האָט געזען גאַנץ דייטלעך, ווי אַלע זעקס מענטשן, וועלכע זענען געזעסן אין „שיפל", האָבן געאַרבעט מיט אַלע זייערע כוחות צו אַנטלויפן פון דער „ראַפּינאַ".

ווען די מאַטראָזן האָבן זיך אַ ביסל באַרויקט, האָבן זיי זיך גענומען צו דער אַרבעט. אין דער צייט פון אַ האַלבע שעה האָבן זיי אונטערגעזעגט דעם גרויסן און שווערן זעגלבוים. ער איז געפאַלן מיט אַ שרעקלעכן קראַך און האָט צעבראָכן דעם פאָרענץ, האָט אַראָפּגעריסן אַ שטיק פון דער שיף און איז געבליבן הענגען אינדערלופטן. די שטריק און די רייען האָבן אים צוגעהאַלטן.

דאָס האָבן מיר געדאַרפט. די רייען זענען אונדז איצט צוניץ געקומען. מיט זיי האָט מען געקענט מאַכן דעם פּאַראַם גרעסער און ברייטער. מיר האָבן נישט פאַרגעסן, אַז אויפן פּאַראַם דאַרפן אַרויפגיין זיבעציק מענטשן.

אין אַ קורצער צייט זענען די שטיקער פון זעגלבוים און די רייען געלעגן אין וואַסער. באַלד האָט מען אָנגעהייבן זיי צו באַדעקן מיט ברעטער און מיט ליידיקע פעסער. אַ ליידיק פאַס שווימט זייער גוט אויפן וואַסער און קען אויס־האַלטן אַ שווערע משא.

ענדלעך איז דער פּאַראַם פאַרטיק געוואָרן. מיר האָבן שוין געהאַט פאַר זיך אַ בריק, אויף וועלכער עס האָט זיך געפונען גענוג פּלאַץ פאַר אַלעמען. איצט האָט מען אָנגעהייבן צו טראַכטן וועגן פּראָוויאַנט. מען האָט אָנגעהייבן צו שלעפּן

פון שיף, וואָס מען האָט נאָר געפונען אונטער דער האַנט. ווען די שפּייזקאַמערן וואָלטן נישט געברענט, וואָלט מען געקענט אַרויפנעמען אויפן פּאַראָם גענוג פּראָוויאַנט אויף עטלעכע וואָכן. עס איז אָבער געווען אוממעגלעך צוצוקומען צו די שפּייזקאַמערן. די קיך האָט שוין געברענט.

דאָס פייער וואָלט זיך פאַרברייטערט ווייטער און עס וואָלט שוין ווייטער געברענט, ווען מען זאָל נישט געווען גיסן קיין וואַסער אויפן דעק, איינצוהאַלטן דאָס פייער. אינעווייניק האָבן די פעסער מיט וואַסער איינגעהאַלטן דאָס פייער און האָבן נישט דערלאָזן, אַז עס זאָל זיך אַזוי שנעל פאַרשפּרייטן און פון דרויסן האָבן מיר געגאָסן וואַסער. דאָס אַלץ צוזאַמען האָט איינגעהאַלטן דאָס פייער אויף אַ געוויסער צייט.

די גאַנצע צייט, וואָס מען האָט געבויט דעם פּאַראָם, האָב איך נישט געקענט צוקומען צו בען בראַסן. עס איז געווען גענוג וואָס צו טאָן און צווישן אונדז ביידע האָט זיך שטענדיק געפונען דער פּאַראָם. ענדלעך, ווען דער פּאַראָם איז פאַרטיק געוואָרן און מען האָט אָנגעהייבן צו זאַמלען פּראָוויאַנט, האָב איך מיך דורכגעשלאָגן דורכן עולם און בין צוגעקומען צו מיין פריינט. איך האָב אים אָנגענומען ביי דער האַנט און האָב אים אַוועקגעפירט אָן אַ זייט.

„ווייסט איר, בען, פאַרוואָס דער שיפקאַפּיטאַן איז אַנטלאָפן? — האָב איך אים געפרעגט.

„ער איז אַ באַנדיט! אַ גזלן! אַן אויסוואורף!" — האָט בען בראַס אויסגערופן בייז.

„ניין, בען, דאָ איז עפּעס אַנדערש. איך האָב געזען, ווי ער איז אַנטלאָפן. ער האָט גערעדט מיט מיר. ער האָט מיר געזאָגט, אַז אויפן שיף געפינען זיך צען פעסלעך פולווער..."

בען בראַס איז בלייך געוואָרן און האָט אַ ציטער געטאָן. איינינקע מינוט האָט ער נישט געוווסט וואָס צו טאָן און וואָס צו זאָגן. ענדלעך איז ער געקומען צו זיך און געשעפטשעט:

„עס איז אמת, בילי? ביזטו זיכער, אַז ער האָט עס געזאָגט?"

„געוויס, בען! איך האָב עס אַליין געהערט פון אים."

„צען פעסלעך פולווער! געוואַלד!"

„אפשר האָט ער געוואָלט אונדז איבערשרעקן", — האָב איך געכאַפּט צוריק. — „ווען עס זאָל זיך געפינען אַזויפיל פולווער אויפן שיף, וואָלט זי שוין לאַנג אויפגעשפּרונגען אין דער לופט."

„ניין, בילי, ניין! ער האָט דיך נישט אָפּגענאַרט", — האָט בען בראַס געזאָגט. — „ער האָט געזאָגט דעם אמת. איך ווייס, אַז מען האָט באַשווינדלט דעם דשינגאן. מען האָט אים איינגעצײַלט אַ סך זאַכן... אַך! מיר זענען פאַרלאָרן!"

בען בראַס האָט זיך פאַרטראַכט. ער איז געשטאַנען אַ צמישטער. זיין קאָפּ האָט געאַרבעט. ער האָט עפּעס געטראַכט. ער האָט זיך עפּעס איבערגעלייגט.

פלוצלונג האָט ער מיך אָנגעכאַפּט ביי ביידע הענט און האָט אָנגעהייבן מיך צו שלעפּן מיט זיך צום עק פון שיף, דאָרט, ווו דער פאַדערמאַסט שטעקט אַרויס איבערן וואַסער. דאָס איז געווען דער אָרט, ווו מיר פלעגן אָפט זיצן ביידע און רעדן און דערציילן איינער דעם אַנדערן אונדזערע ליידן און אַנגסטן.

קיינער האָט אונדז נישט באַמערקט. יעדער אויפן שיף איז געווען באַשעפטיקט מיט זיך און האָט פאַרגעסן אין די אַנדערע. זיי האָבן שוין אַפילו אויפגעהערט צו גיסן וואַסער

אויפן דעק. יעדער האָט זיך איצט געאײלט זיך אַראָפּצולאָזן אויפן פּאַראָם.

ווען איך און בען בראַס זענען צוגעקומען צום עק פונם שיף, האָט בען בראַס געזאָגט:

„הער נאָר, בילי, זאָג קיינעם נישט, וואָס דו האָסט געהערט פונם שיפקאַפּיטאַן. קוים וועלן זיי וויסן, אין וואָס פאַר אַ געפאַר זיי געפינען זיך, וועלן זיי אויפעסן איינער דעם אַנדערן. מיר מוזן אויך זוכן זיך צו ראַטעווען, איך וויל אָבער זיך נישט ראַטעווען מיט זיי צוזאַמען. לאָמיר מאַכן עפּעס פאַר זיך אַליין. לאָמיר אַליין זיך מאַכן אַ קליינעם פּאַראָם און לאָמיר זיך ראַטעווען אויף אים. זע, בילי, אָט דעם זעגלבוים קען מען זייער לייכט אַראָפּלאָזן אין וואַסער. מען דאַרף אים נאָר אַ ביסל אונטערזעגן און אויפהייבן די אײַזערנע קליאַמערעס, וועלכע האַלטן אים און ער וועט באַלד אַראָפּפאַלן אין וואַסער. ברעטער האָבן מיר גענוג. מיר קענען צעהאַקן און צעברעכן דעם פּאַרענץ. שנעל, בילי, לאָמיר אַרבעטן!"

בען בראַס האָט באַלד געבראַכט צוויי העק און מיר האָבן אָנגעהייבן צו אַרבעטן. אין איין־צוויי מינוט איז דער זעגלבוים שוין געלעגן אין וואַסער. אַ שטאַרקער שטריק האָט אים אָבער פעסט געהאַלטן, ער זאָל נישט אַוועקשווימען. דאַן האָבן מיר אָנגעהייבן צו האַקן און צו ברעכן דעם פּאַרענץ.

בען האָט צוגעבונדן אַ פעסטן שטריק צום שיף און האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויפן קלאָץ. דאָרט האָט ער אָנגעהייבן צונויפבינדן די ברעטער און מאַכן פון זיי אַ סאָרט בריקל. איך בין געשטאַנען אויפן דעק, האָב געהאַקט, געזעגט און געבראָכן און האָב אים אַלץ אַראָפּגעוואָרפן. בען איז געווען

אַ גוטער און שנעלער אַרבעטער. עס איז געווען קלאָר, אַז ער פאַרשטייט, ווי צונויפצובינדן אַ פּאַראָם.

ווען אַלץ איז געווען פאַרטיק און מיר האָבן געהאַט אַ פּאַראָם, אויף וועלכן עס וואָלטן געקענט אַרויפגיין פון אַכט ביז צען מענטשן, האָט ער מיר געהייסן זיך אַראָפּלאָזן צו אים:

„קום אַראָפּ, בילי! מיר טאָרן נישט פאַרלירן קיין אויגנבליק."

איך האָב מיך אומגעקוקט און האָב דערזען, ווי אַלע רייסן זיך, שלאָגן זיך און איילן זיך אַראָפּצוקריכן אויפן גרויסן פּאַראָם. איך האָב געזען, ווי דער דעק פונם שיף ווערט ליידיק. באַלד וועל איך זיין דער איינציקער, דער לעצטער אויף דער ברענענדיקער „ראַפּינאַ".

בין איך אָבער דער איינציקער? געפינען זיך מער נישט קיין מענטשן אויף דער אומגליקלעכער שיף? זענען דען די נעגערס נישט קיין מענטשן? — עטלעכע הונדערט מענער, פרויען און קינדער ליגן פאַרשפּאַרט, פאַרשלאָסן אין שטאַלן, וועלכע וועלן באַלד אָנהייבן צו ברענען?

איך האָב אייך דערציילט אַלץ, וואָס דער שיפקאַפּיטאַן, זיין ערשטער אפיציר און די מאַטראָזן האָבן געטאָן זייט מיר זענען געוואָר געוואָרן, אַז די „ראַפּינאַ" ברענט. וואָס האָבן אָבער געטאָן די אומגליקלעכע נעגער? האָבן זיי געשוויגן? האָט זיך ווער דערמאַנט אָן זיי? האָט זיך ווער געקימערט וועגן זיי?

ניין! אָן זיי האָט מען גאָר פאַרגעסן. איך אַליין האָב מיך ערשט דערמאָנט אָן זיי, ווען איך בין געווען דער איינציקער, ווען עס איז געקומען אין קאָפּ, אַז עס געפינען זיך דאָך אויף דער „ראַפּינאַ" עטלעכע הונדערט אומגליקלעכע מענטשן, וועלכע זענען פאַרמשפּט צו שטאַרבן מיט אַ שרעקלעכן טויט.

פּלוצלונג איז נאָך געווען אַ האָפֿנונג צו ראַטעווען די שיף, האָט קיינער נישט געקענט טראַכטן פֿון זיי. אַלע זײַנען געווען באַשעפֿטיקט מיטן לעשן דאָס פֿײַער. שפּעטער, ווען מען האָט זיך איבערצײַיגט, אַז עס איז אוממעגלעך צו לעשן דאָס פֿײַער, האָט יעדער געטראַכט בלויז פֿון זיך, און נישט געהאַט אין זינען די אומגליקלעכע נעגערס.

די אומגליקלעכע נעגערס האָבן אָבער געוווּסט, אַז עס איז פֿאָרגעקומען עפּעס נײַס אויפֿן שיף. זיי האָבן געהערט, ווי מען לויפֿט אַרום אויפֿן דעק. זיי האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז עס איז געשען אַ גרויס אומגליק. זיי האָבן געהערט, ווי מען האַקט, מען זעגט, מען ברעכט און מען האַמערט. וואָס האָבן זיי אָבער געקענט העלפֿן? וואָס האָבן זיי געקענט טאָן? — זיי האָבן געשריען. זיי האָבן געליאַרעמט, זיי האָבן געריסן די ווענט. זיי האָבן געבעטן, זיי האָבן געדראָט און זיי האָבן פּראָבירט אויסברעכן די טירן.

עס איז געווען קלאָר, אַז זיי האָבן שוין געפֿילט דאָס פֿײַער פֿון דער שׂרפֿה. זייערע געשרייען האָבן געוויזן דערויף: „אַנאַ! אַנאַ! וואַסער! וואַסער!" זיי האָבן געבעטן זייער פּאָרציע וואַסער. ווי ווייניק וואַסער מען האָט זיי אין די לעצטע פּאָר טעג געגעבן, האָט מען זיי דאָך געגעבן וואַסער. הײַנט אָבער האָט מען זיי אינגאַנצן פֿאַרגעסן.

זיי האָבן נאָך נישט געוווּסט, די אומגליקלעכע, ווי גרויס עס איז די געפֿאַר, אין וועלכער זיי געפֿינען זיך; זיי האָבן נאָך נישט געזען דעם רויך און דאָס פֿײַער אין הינטערשטן טייל פֿון דער שיף. זיי האָבן נאָר געבעטן אַ ביסל וואַסער צו שטילן דעם פּײַנלעכן דורשט.

דאָס האָט געדויערט אַ גאַנצן טאָג. קיינער האָט זיך אויף זיי נישט אומגעקוקט, קיינער האָט זיך נישט געקימערט

װעבן זיי, און קײנער האָט נישט געװאָלט הערן זײערע געשרײען.

ערשט אין דער לעצטער מינוט, װען איך בין געבליבן שטײן אַלײן אױפֿן דעק, האָב איך דערהערט זײערע װילדע אומענטשלעכע געשרײען. עס האָט מיר פֿאַרקלעמט בײַם האַרצן און איך האָב געטראַכט:

„װאָס טוט מען מיט זײ? זאָל איך עס דערלאָזן, אַז זײ זאָלן פֿאַרברענט װערן לעבעדיקערהײט? קען מען דען צוזען, װי אַנדערע מענטשן װערן פֿאַרברענט?"

בען בראַס איז געװען גערעכט. אין דעם מאָמענט האָט זיך אָנגעצונדן דער הינטערשטער זעגלבױם. ער האָט אָנגעהײבן צו ברענען, װי אַ ליכט, און זײַן רױט פֿײַער האָט באַלױכטן אַ גרױסע שטרעקע פֿון ים. עס איז שױן געװען טונקל און דאָס פֿײַער אױפֿן שיף האָט אױסגעװיזן נאָך שרעקלעכער.

איך בין צוגעלאָפֿן צום עק פֿון דער „ראַפּינאַ", װוּ בען בראַס האָט געװאַרט אױף מיר אױף אונדזער קלײנעם פּראַם. איך האָב אים דערצײלט, אַז איך װיל אַרױסלאָזן די נעגערס פֿון זײערע שטאַלן.

„האָסט רעכט, בילי", — האָט בען בראַס געזאָגט.—„האָסט רעכט! לאָז זײ אַרױס! איך האָב אױך געטראַכט דערפֿון! מאַך עס אָבער שנעל! דאָס פּולװער!"

איך האָב נישט געװאַרט ביז בען זאָל ענדיקן זײַנע רײד. איך האָב געכאַפּט די האַק און בין צוגעלאָפֿן צו די טירן פֿון די קאַמערן, װוּ די אומגליקלעכע נעגערס זענען געװען פֿאַרשפּאַרט, און האָב אָנגעהײבן צו האַקן די אײזנס און די שלעסער. איך האָב געהאַקט מיט אַלע כּוחות. די מאַטראָזן פֿון דער „ראַפּינאַ" האָבן זײ גוט באַװאָרנט.

און אָט איז עס מיר געלונגען. איך האָב צעבראָכן און צעהאַקט די טיר. די נעגערס אינעװײניק האָבן געהערט, װי מען

גייט זיי באַפרייען פון זייערע שטאַלן און זיי האָבן אָנגע־הייבן צו שטופּן און צו דרענגען די טיר. איך האָב מער נישט געוואַרט, איך בין געווען זיכער, אַז זיי וועלן זיך שוין דורכ־דרענגען. זיי וועלן זיך שוין אַליין באַפרייען. אַ האַלבע אַרבעט האָב איך אָפּגעטאָן, דאָס איבעריקע וועלן זיי שוין אַליין מאַכן.

איך מוז זאָגן דעם אמת, אַז איך האָב מורא געהאַט פאַר זיי. די אומגליקלעכע זענען געווען אַזוי ווילד, אַזוי בייז און צערייצט, אַז זיי וואָלטן מיך געקענט צערייסן אויף שטיקער. איך בין געלאָפן צו דעם אָרט, ווו אונדזער פּאַראָם האָט זיך געפונען, האָב מיך אָנגעכאַפּט אָן שטריק און בין אַראָפּגע־שפּרונגען. בען בראַס האָט מיך אויפגעכאַפּט אין זיינע אָרעמס.

אין דער צייט, וואָס איך האָב געאַרבעט ביי די שטאַלן פון די נעגערס, איז בען בראַס נישט געשטאַנען ליידיק. ער האָט אויסגעהאַקט און אויסגעבראָכן גאַנצע ברעטער פון דער נאָז פון שיף און האָט זיי אַרויפגעלייגט אויף אונדזער קליינעם פּאַראַם. ער האָט ערגעץ אויסגעזוכט אַ רודער און אַ שפּיזל וואָס געפינט זיך תמיד אויף יעדער שיף.

דאַן האָט ער אָפּגעשניטן דעם זעגל און דעם שטריק פון זעגלבוים און האָט עס אויך אַראָפּגעוואָרפן אויפן פּאַראַם : עס זאָל אונדז דינען פאַר אַ געלעגער און אַ קאָלדרע. ער האָט נאָך באַקומען עטלעכע נוצלעכע קלייניקייטן און האָט זיי מיטגענומען אויפן פּאַראָם.

אונדזער פּאַראָם איז געווען גענוג שטאַרק צו האַלטן זיך אויפן וואַסער אין אַ שטיל רויִק וועטער, — אַ שטורעם וואָלט עס געוויס נישט אויסגעהאַלטן. פאַרוואָס האָט בען בראַס געמאַכט א באַזונדערן פּאַראָם פאַר זיך ? פאַרוואָס איז ער מיט מיר נישט אַרויפגעלאָפן אויפן גרויסן פּאַראָם גלייך מיט

אַלעמען ?—דאָס האָב איך תחילת נישט געקענט וויסן. ערשט שפּעטער בין איך עס געוואָר געוואָרן. בען בראַס האָט בעסער געקענט זיינע חברים, ווי איך.

קוים בין איך געווען אויף אונדזער פאראם, האָט בען בראַס אָפּגעשניטן דעם שטריק, מיט וועלכן ער איז געווען צוגעבונדן צו דער „ראַפּינאַ" און האָט אים אָפּגעשטויסן פון דער שיף.

„נעם דעם רודער, בילי, און העלף מיר אָפּטרייבן דעם פּאַראָם פון דער „ראַפּינאַ", — האָט בען בראַס געזאָגט. — „זע, דאָס פייער ווערט אַלעמאָל שטאַרקער. דער פּולווער וועט זיך באַלד אָנצינדן און וועט צערייסן די שיף אויף שטי-קער. לאָמיר אַנטלויפן!"

מיר האָבן אָנגעהייבן צו אַרבעטן מיט די רודער און זיך צו דערווייטערן פון דער שיף. באַלד האָבן מיר דערזען דעם גרויסן פּאַראָם. אויף דאָרט האָבן די מאַטראָזן געאַרבעט מיט אַלע קרעפטן און האָבן געזוכט צו אַנטלויפן פון דער אומגליקלעכער שיף.

וויפיל מענטשן האָבן זיך געפונען אויפן גרויסן פּאַראָם? דאָס האָבן מיר נישט געקענט וויסן. עס איז אונדז נישט איינ-געפאַלן זיי צו ציילן און מיר האָבן גאָר קיין צייט נישט געהאַט דערצו. יעדער פון אונדז האָט געהאַט גענוג צו טאָן פאַר זיך.

דער אונטערשטער טייל פון דער שיף האָט איצט גע-ברענט גאַנץ העל. עס איז שוין געווען גוט פינסטער, ווען מיר זענען אָפּגעפאָרן פון דער „ראַפּינאַ", דאָס פייער אָבער האָט העל באַלויכטן דעם ים. מיר האָבן געקענט זען אַ גרויסע שטרעקע אַרום אונדז. מיר האָבן געזען דייטלעך, ווי די מענטשן

אויפן גרויסן פּאַראָם האָבן געאַרבעט מיט אַלע קרעפטן צו אַנטלויפן פון דער אומגליקלעכער שיף.

„צום גרויסן פּאַראָם, בילי!" האָט בען בראַס אויסגעשריגן, — „לאָמיר צורודערן צו זיי! איך וויל נישט, מיר זאָלן בלייבן גאַנץ אַליין אינדערמיט פונם אַטלאַנטישן וועלט־ים.

מיר האָבן געררודערט מיט אַלע כּחות. מיר האָבן געזען ווי די מאַטראָזן אויפן גרויסן פּאַראם אַרבעטן אויך מיט אַלע כּחות צו אַנטלויפן.

„בען בראַס, זיי אַנטלויפן פון אונדז!"—האָב איך אויסגערופן.—„זיי וועלן אונדז נישט אַרויפנעמען צו זיך."

„ניין, בילי, זיי אַנטלויפן נישט פון אונדז," — האָט בען בראַס געענטפערט, — „זיי אַנטלויפן פון דער „ראַפינאַ". זיי האָבן אויך מורא פאַרן פולווער, וואָס געפינט זיך אויף איר".

„זיי ווייסן דאָך אָבער גאָרנישט, צי עס געפינט זיך אויף איר פולווער?"

„זיי ווייסן נישט, וויפיל פולווער עס געפינט זיך אויפן שיף; זיי ווייסן אָבער, אַז עס געפינט זיך אויף איר פולווער. ווען זיי זאָלן נישט געווען מורא האָבן פאַרן פולווער, וואָלטן זיי נאָך לענגער געבליבן אויפן דעק און וואָלטן נאָך מיטגענומען פיל נייטיקע זאַכן."

בען בראַס איז געווען גערעכט. איך האָב געמיינט, אַז איך בין דער איינציקער, וועלכער ווייס פון דעם שרעקלעכן סוד. איך בין אָבער נישט געווען דער איינציקער. עס זענען נאָך געווען מענטשן אויף דער „ראַפינאַ", וועלכע האָבן געוווּסט פון אָט דעם סוד. אַ סך מאַטראָזן האָבן געוווּסט, אַז עס געפינט זיך ערגעץ פולווער אויף דער „ראַפינאַ".

אַזוי ווי מיר האָבן זיך איצט נאָכגעיאָגט נאָכן גרויסן פּאַראָם, האָבן מיר נישט געקענט קוקן אויפן שיף. פּלוצלונג

האָבן מיר דערזען, אַז די מענטשן אויפן גרויסן פּאַראַם האָבן זיך עפּעס אָנגעהייבן צו רירן און צו מאַכן מיט די הענט. עס איז געווען דייטלעך, אַז זיי האבן זיך עפּעס דערשראָקן, אַז זיי האבן עפּעס דערזען, אַז עפּעס אַ נײַ אומגליק איז געשען.

„וואָס איז שוין נייס?״— האב איך געפרעגט.—„וואָס איז שוין ווידער געשען?

בען בראַס האָט מיר נישט געענטפערט. איך האב אַ קוק געטאָן אויף זיין געזיכט און האב מיך דערשראָקן. זיין געזיכט איז געווען ערנסט און שטרענג. עס איז געווען דייט-לעך, אַז ער איז אויך אומרויִק, אַז ער האט אויך עפּעס מורא. איך האָב געזען, אַז ער ארבעט מיט אַלע קרעפטן, אום צו אַנטלויפן פון דער „ראַפּינאַ״.

„וואָס זאָל עס באַדייטן?״ — האָב איך מיך אַליין גע-פרעגט.—„מיר זענען שוין ווייט פון דער „ראַפּינאַ״. ווען דאָס פּולווער זאָל זיך אפילו אָנצינדן און די „ראַפּינאַ״ זאָל אויפ-שפּרינגען אין דער לופט, קען עס אונדז שוין נישט שאָדן. פאַרוואָס ציטערט ער אַזוי! פאַרוואָס ציטערן די מענטשן אויפן גרויסן פּאַראָם? — וואָס האָבן זיי אַזעלכעס דערזען? פאַרוואָס זע איך גאָרנישט?״

איך האָב אָנגעהייבן מיך אַרומצוקוקן אין אַלע זייטן און האָב באַלד דערזען, פאַרוואָס בען בראַס און די מאַטראָזן אויפ׳ן גרויסן פּאַראַם האָבן זיך אַזוי דערשראָקן.

ביז אַהער בין איך געווען אַזויפיל באַשעפטיקט מיטן רודערן און מיט די מאַטראָזן אויפן גרויסן פּאַראַם, אַז איך האָב גאָר פאַרגעסן אָן דער „ראַפּינאַ״ און אן די אומגליקלעכע נעגער, וועלכע זענען געבליבן אויף איר. מען איז דאָך נישט מער, ווי אַ מענטש. דאָס לעבן איז ליב. איך האָב אין די

לעצטע עטלעכע מינוטן נאָר געטראַכט פון זיך. איצט אָבער, ווען איך האָב געזוכט די סיבה, פאַרוואָס בען בראָס און די מאַטראָזן אויפן גרויסן פּאַראָם האָבן זיך אַזוי דערשראָקן, האָב איך אויפגעהייבן דעם קאָפּ און האָב אַ קוק געטאָן אויף דער „ראַפּינאַ", און אָט האָב איך באַלד דערזען און פּערשטאַנען, פאַרוואָס זיי האָבן זיך אַזוי דערשראָקן.

דאָס פייער אויף דער „ראַפּינאַ" איז געוואָרן אַלעמאָל שטאַרקער און שרעקלעכער. דער גרויסער זעגלבוים מיט אַלע זיינע שטריק האָבן זיך אָנגעצונדן און האָבן איצט געברענט מיט העלע, רויטע פלאַמען. די שטריק זענען געווען אויסגע־שמירט מיט פעך, ווי עס קומט פאַר אויף אַלע שיפן, און זיי האָבן דעריבער געברענט נאָך העלער. פון דעק זענען אַרויסגעשפּרונגען רויטע פלאַמען. די גאַנצע שיף האָט געברענט. עס איז נאָר געבליבן דער פּראָנט, דער פאָרקאַסל אָדער די נאָז, ווי אַנדערע רופן עס.

דאָרט איז געווען דער טויט. דאָרט האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ סצענע, וועלכע איך וועל נישט פאַרגעסן, ווען איך וועל אַפילו ליגן אין בעט און וועל אַרויסלאָזן דעם לעצטן אָטעם. אַ קאַלטער פראָסט גייט מיר דורך איבערן לייב יעדעס מאָל, ווען איך דערמאַן מיך אָן דערדאָזיקער סצענע. עס איז מיר אומאַנגענעם צו רעדן פון איר. עס איז מיר אומאַנגענעם צו דערציילן. איך שוידער און ציטער, ווען איך רעד דערפון...

עטלעכע הונדערט נעגערס: מענער, פרויען און קינדער, זענען באַפאַלן, ווי די פליגן אַ גלאָז האָניק, דעם פאָדערשטן טייל פון דער „ראַפּינאַ". זיי האָבן געשפּרונגען, געטאַנצט, גע־וויינט, געשריען, זיך געריסן, געקלעטערט אויף די ווענט, אויף די שטריק, אויפן פאָרענץ און ווו זיי האָבן נאָר געקענט, אַבי זיך צו דערווייטערן פון פייער.

ווען עס זאָל נישט געווען זיין אזא שרעקלעכע ווירק־לעכקייט, וואָלט מען געקענט מיינען, אַז דאָס איז אַ פינאַל פון אַ טעאַטערשטיק, ווען אַלע אַקטיאָרן קומען זיך צונויף אויף דער בינע און די גאַנצע סצענע ווערט באַלויכטן פון אַ רויט בענגאַלישן פייער. אָך! דאָ איז אויך געווען אַ פייער, אָבער נישט קיין טעאַטערפייער. דאָס איז געווען אַן העכט רעאַל פייער, פון וועלכן עס האָבן זיך געוואָלט ראַטעווען די אומ־גליקלעכע אַקטיאָרן פון טויט.

דאָס פייער האָט געברענט אַזוי העל, אַז מען האָט גע־קענט זען יעדן באַזונדער. איך האָב זיי געזען גאַנץ דייטלעך. זייער הויט איז דאָסמאָל אָבער געווען נישט שוואַרץ, נאָר — רויט. זייערע פנימער, זייערע נאַקעטע לייבער, זייערע שוואַרצע געקרויזטע האָר — אַלץ איז איצט געווען בלוטרויט! מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס זענען גאָרנישט קיין מענטשן, נאָר גייסטער, רוחות!

איך בין געבליבן שטיין אויפן פּאָראָם, ווי אַ פאַרשטיי־שטיינערטער. איך האָב נישט געקענט אָפּרייסן מיינע אויגן פון די אומגליקלעכע מענטשן. איך האָב געזען דייטלעך, ווי זיי האָבן געמאַכט מיט זייערע הענט, זענען אַרומגעלאָפן, ווי משוגע, האָבן געטאַנצט, געשפּרונגען, געשריען און געליאַרעמט.

ווי איך האָב נישט פאַרשטאַנען זייער לשון, האָב איך דאָך געוווּסט, אַז זיי בעטן הילף. זייערע געשרייען זענען געווען אַזוי האַרצרייסנדיק, אַזוי יאָמערלעך־פּיינלעך, אַז איך האָב עס נישט געקענט אויסהאַלטן און האָב אויסגערופן:

„לאָמיר זיי ראַטעווען!"

בען בראָס האָט נישט געענטפערט און האָט ווייטער גערודערט מיט זיין גאַנצער קראַפט. איך האָב אַוועקגעוואָרפן

דאָס שטיק ברעט, מיט וועלכן איך האָב ביז אַהער געראָדערט, און האָב געקוקט אויף דער שרעקלעכער שוידערלעכער אומבאַשרייבלעכער סצענע.

אַך! עס איז מיר געווען אומעגלעך זיך אָפּצורייסן פון איר!

איך האָב געזען, ווי פרויען האָבן אויפגעהייבן זייערע הענט אינדערהייך. זיי האָבן עפּעס געהאַלטן אין זייערע הענט. זיי האָבן אויסגעשטרעקט זייערע הענט ווייט, ווייט איבערן וואַסער און האָבן געשאָקלט מיט זיי. זיי האָבן געהאַלטן זייערע קינדער.

לויט זייערע גרימאַסן האָב איך פאַרשטאַנען, וואָס זיי בעטן:

„האָט, ווייניקסטנס, מיטלייד מיט אונדזערע קליינע קינדער! ראַטעוועט אונדזערע קינדער! לאָז שוין זיין מיט אונדז, וואָס עס וועט זיין, נאָר די קינדער — די קינדער ראַטעוועט!!!"

די שטאַרקע נעגערס האָבן געמאַכט שרעקלעכע פויסטן, און האָבן אונדז געדראָט, אַז זיי וועלן אונדז צערייבן אויף מעל, די שוואַכערע אָבער האָבן אויסגעשטרעקט זייערע הענט און האָבן געבעטן, מען זאָל זיי ראַטעווען. אַזוי ווי אונדזער קליינער פּאַראָם איז איצט געווען גאָרנישט ווייט פון דעם גרויסן פּאַראָם, אויף וועלכן עס האָבן זיך געפונען די מאַטראָזן, האָב איך געהערט דייטלעך, ווי אייניקע גראָבע שטימען האָבן אויסגערופן:

„וואָס איז דאָס? ווער האָט עס געטאָן? ווער האָט זיי אַרויסגעלאָזן?"

דערביי האָט מען געזידלט און געשאָלטן דעם הונט, וועלכער האָט אַרויסגעלאָזן די נעגערס. ערשט איצט האָב איך אָנגעהייבן צו פאַרשטיין, אַז איך האָב געמאַכט אַ פעלער,

וואָס איך האָב אַרויסגעלאָזט די נעגערס. ווי שלעכט און ווי פאַרדאָרבן די מאַטראָזן פון דער „ראַפּינאַ" זענען געווען, זענען זיי דאָך געווען גערעכט. אויף דער „ראַפּינאַ" האָבן זיך געפונען מער ווי פירהונדערט נעגערס. וואָס וועלן מיר טאָן, ווען אַט די פירהונדערט וועלן זיך אַריינוואַרפן אין וואַסער, וועלן צושווימען צו אונדז און וועלן מיט געוואַלט אַרויפקריכן אויף אונדזער פּראַם?

איך מוז אָבער זאָגן דעם אמת, אַז איך האָב נישט קיין חרטה, וואָס איך האָב זיי אַרויסגעלאָזן פון די שטאַלן. איך האָב עס נישט געקענט אויסהאַלטן, איך האָב עס נישט געקענט איבערטראָגן. דער געדאַנק, אַז עטלעכע הונדערט מענטשן, ווי איך, זאָלן פאַרברענט ווערן לעבעדיקערהייט פאַר אונדזערע אויגן, איז געווען שרעקלעך! איך האָב אפילו זייער גוט געוווסט, אַז איך האָב דערמיט זייער ווייניק געהאָלפן די אומגליקלעכע, זיי מוזן דאָך שטאַרבן. וואָס איז דער אונטערשייד, צי זיי וועלן פאַרברענט ווערן אָדער דערטרונקען ווערן? — דאָס געפיל פון מענטשלעכקייט, מיין יונג, נישט פאַרדאָרבן האָרץ האָט מיר אָבער געזאָגט, אַז עס איז דאָך גלייכער, אַז זיי זאָלן זיין פריי און זאָלן זוכן אַ מיטל זיך צו ראַטעווען.

איצט אָבער האָב איך איינגעזען, אַז זייער רעטונג קען ווערן אונדזער טויט. עס איז געווען דייטלעך פון זייערע גרימאַסן, אַז זיי ווילן זיך אַריינוואַרפן אין וואַסער און נאָכשווימען אונדזער פּראַם... וואָס וועלן מיר דאַן טאָן? וואָס וועלן מיר טאָן, ווען זיי וועלן אונדז אַריינוואַרפן אין וואַסער און וועלן צונעמען אונדזער פּראַם? זיי זענען ווילדע, זיי זענען צערייצט, זיי זענען אויפגערעגט און וועלן טאָן, וואָס זיי וועלן נאָר קענען.

דאָס איז געווען די סיבה, וואָס די מאַטראָזן אויפן גרויסן פּאַראָם און אַפילו בען בראַס האָבן זיך אַזוי דערשראָקן און האָבן אָנגעהייבן צו אַרבעטן מיט אַלע זייערע קרעפטן, אַבי צו אַנטלויפן פון אָט דעם אָרט און פון אָט דער שרעקלעכער שיף.

איך און בען בראַס זענען געווען אין דער גרעסטער געפאַר. אונדזער פּאַראָם איז געווען נענטער צו דער „ראַפּינאַ", ווי דער גרויסער פּאַראָם. ווען די נעגערס וועלן אַריינשפּרינגען אין וואַסער און וועלן אונדז נאָכשווימען, וועלן זיי קודם צוקומען צו אונדז.

בען בראַס האָט דאָס זייער גוט געוווסט. דערפאַר האָט ער איצט געוודערט ווי אַ גזלן, צוצוקומען וואָס גיכער צום גרויסן פּאַראָם און גיין מיט אים צוזאַמען. איך האָב פאַרשטאַנען, פאַרוואָס ער טוט עס און האָב אים געהאָלפן, ווי ווייט איך האָב געקענט.

עס איז אונדז ענדלעך געלונגען. ווען מיר זענען צוגעקומען גאַנץ נאָענט צום גרויסן פּאַראָם, האָט בען בראַס געזאָגט:

„הער נאָר, בילי, ווען מען וועט אָנהייבן צו פרעגן, ווער עס האָט אַרויסגעלאָזן די נעגערס, זאָלסטו שווייגן, אָדער זאָגן, אַז דו ווייסט נישט, — איך וועל שוין ענטפערן פאַר דיר. איך ווייס שוין, ווי צו רעדן מיט מיינע העכט!"

און אָט האָבן מיר טאַקע דערהערט אַ גראָבע שטימע, וועלכע האָט אונדז געפרעגט:

„ווער זענט איר? וואָס טוט איר דאָ? אהאַ! איר זענט עס! בראַס און דער יונג בילי! — האָט איר עס אַרויסגעלאָזן די נעגערס? פאַרוואָס האָט איר עס געטאָן?"

„מיר האָבן עס נישט געטאָן", — האָט בען בראַס גע-

ענטפערט — „מיר זענען דאָך גאָרנישט געווען אויפן שיף. די נעגערס האָבן, אפנים, אַליין אויפגעבראָכן די טירן פון זייערע שטאַלן.״

„דאָס קען נישט זיין!״ — האָבן מאַנכע געשריען. — „די טירן זענען געווען גוט באַוואָרנט. זיי וואָלטן אויף קיין פאַל נישט געקענט צעברעכן די טירן פון אינעווייניק.״

„איר פאַרגעסט, אַז איר האָט אונטערגעזעגט דעם פּאַדער-זעגלבוים״ — האָט בען בראָס געענטפערט. — „איר האָט צעהאַקט די גאַנצע שיף. די טירן פון זייערע קעמערלעך זענען געוואָרן לויז און די נעגערס האָבן זייער לייכט געקענט זיי אויסברעכן.״

„זו ביזטו געווען, בען בראָס?״ — האָט אַן אַנדערע שטימע געפרעגט.

„איך האָב מיר געמאַכט אָט דעם קליינעם פּראָמדל, ווייל איך האָב מורא געהאַט, אַז עס וועט נישט זיין גענוג אָרט אויפן גרויסן פּראָם. וואָס וועט עס דען שאַדן, ווען מיר וועלן האָבן מיט אונדז נאָך עטלעכע ברעטער.״

די מאַטראָזן זענען געווען צופרידן מיט זיין דערקלערונג. זיי האָבן אויך איינגעפונען, אַז וואָס מער ברעטער און קלעצער מיר וועלן האָבן מיט זיך, איז אַלץ בעסער פאַר אונדז. זיי האָבן זייער גוט פאַרשטאַנען, אַז עס איז נישט קיין קלייניקייט צו שווימען אויפן אַטלאַנטישן אָקעאַן, אויף עטלעכע ברעטער, וועלכע זענען צוגעבונדן אָדער צוגעשלאָגן צו אַ פּאָר קלעצער.

מען האָט אונדז דעריבער געלאָזט צובינדן אונדזער פּראָם צום גרויסן פּראָם. מען האָט אונדז מער נישט געפרעגט, ווער עס האָט ארויסגעלאָזן די נעגערס. עס איז אויך קיין צייט נישט געווען צו פרעגן. אַלע אויגן האָבן איצט

געקוקט אויף איין פונקט — אויף דער ברענענדיקער שיף.

מיר האָבן געזען, ווי די נעגערס זענען געשטאַנען אויף די ברעגעס פון שיף, האָבן יעדע מינוט געוואָלט אַריינשפּרינגען אין וואַסער און האָבן עס דאָך נישט געטאָן. עס איז געווען דייטלעך, אַז זיי האָבן מורא פאַר עפּעס, זיי ציטערן פאַר עפּעס. זיי ווילן אַריינשפּרינגען אין וואַסער, זיי קענען עס אָבער נישט. זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט אַזוי געדיכט ביים פאָרענץ פון שיף, אַז זיי האָבן אויסגעזעען פון דער ווייטן, ווי אַ פאָלק סאָלדאַטן, וועלכע וואַרטן אויף דעם באַפעל פון זייער קאָמאַנדיר.

„אָבער פאַרוואָס וואַרפן זיי זיך נישט אַריין אין וואַסער?" — האָט געפרעגט איינער פון די מאַטראָזן. — „דאָס פייער אויף דער „ראַפינאַ" קומט צו אַלעמאָל נענטער און נענטער צו זיי. ווען זיי וועלן נישט אַראָפּשפּרינגען אין וואַסער, וועלן זיי פאַרברענט ווערן. אויף וואָס וואַרטן זיי נאָך? פאַרוואָס שפּרינגען זיי נישט אַריין אין וואַסער?"

„אפשר קענען זיי נישט שווימען", — האָט אַן אַנדער מאַטראָז געענטפערט."

„דאָס קען נישט זיין!" — האָט אויסגערופן אַ דריטער.— „צווישן עטלעכע הונדערט געזונטע מענטשן געפינען זיך געוויס עטלעכע, וועלכע קענען גוט שווימען."

„די נעגערס פון מערב-אַפריקע שווימען אַלע זייער גוט",— האָט דערקלערט אַן אַנדערער. — „אין די ערטער געפינען זיך אַ סך וואַסערן, און ווו עס געפינען זיך וואַסערן, דאָרט קענען די מענטשן שווימען."

„אַלזאָ, פאַרוואָס שווימען זיי פאָרט נישט? פאַרוואָס שפּרינגען זיי נישט אַריין אין וואַסער?"

אויף אָט דער פראַגע האָט קיינער נישט געקענט ענטפערן.

מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז ס'איז דאָ עפּעס אַ סיבה, פאַרוואָס די נעגערס וואַרפן זיך נישט אין וואַסער. אָבער קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען די סיבה.

באַלד איז אונדז אָבער קלאָר געוואָרן, פאַרוואָס די נעגערס האָבן מורא זיך אַרייַנצוואַרפן אין וואַסער.

„זעט נאָר! אָט איז עס! — די הייפיש! זיי האָבן מורא פאַר די הייפיש!"...

די „ראַפּינאַ" האָט איצט העל געברענט, דער שטח וואַסער צווישן דער „ראַפּינאַ" און אונדזער פּאַראָם איז געווען געפאַרבט רויט, גלייך ווי עס וואָלט געווען פון געשמאָלצענעם גאָלד. דער ים איז געווען שטיל און רויק. עס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט די שיף מיטן פייער. עס האָט זיך אונדז אויסגעוויזן, אַז עס ברענט גאָר אונטן, אין וואַסער, נישט אויבן אויפן וואַסער.

מיר האָבן ביז אַהער זיך נישט צוגעקוקט צום וואַסער אונטער אונדז. מיר האָבן אַלץ געקוקט אויפן שיף און האָבן זיך נישט צוגעקוקט צום וואַסער. ערשט איצט האָבן מיר אַ קוק געטאָן אויפן ים, און אַ געוואַלדיק בילד האָט זיך אונדז פאָרגעשטעלט.

דער ים איז געווען פול מיט הייפיש. זיי האָבן יעדע מינוט אַרויסגעשטעקט זייערע גרויסע קעפּ און האָבן געקוקט אויפן פייער מיט זייערע בייזע, ווילדע אויגן. זיי זענען אַרומגעשווומען, אַרומגעלאָפן אומגעדולדיק פון איין אָרט צו דעם אַנדערן. עס איז זייער מעגלעך, אַז זיי זענען געווען פאַרוווּנדערט און דערשטוינט: אַזאַ טעאַטערשטיק האָבן זיי נאָך קיינמאָל נישט געזען אין זייער לעבן. זיי האָבן נישט געקענט פאַרשטיין, פאַרוואָס איז דער גאַנצער ים פינסטער, נאָר אין איין אָרט איז ער באַלויכטן מיט אַ העלן רויטן פלאַם.

עס איז זייער מעגלעך, אַז צווישן די האַיפיש האָבן זיך געפונען אַנדערע ים-באַשעפענישן, וועלכע זענען געקומען זען, וואָס פאַר אַ וווּנדער דאָ איז געשען. מיר האָבן געזען, ווי קעפּ האָבן זיך אַרויסגעשטעקט פון וואַסער, זענען פאַרשווונדן געוואָרן און האָבן זיך ווידער באַוויזן. גרויסע מיילער מיט שאַרפע ציין האָבן זיך געעפנט און מיר האָבן געהערט, ווי שאַרצע ציין קלאַפּן אָן ציין...

עס זענען אָנגעקומען אַזויפיל פיש, אַז טיילמאָל האָט זיך אונדז אויסגעוויזן, אַז דער גאַנצער ים איז פול מיט זיי. תחילת האָבן זיי זיך אַרומגעדרייט נאָר אַרום שיף; ווען זיי האָבן אָבער דערזען, אַז די שיף איז צו הויך פאַר זיי, האָבן זיי אָנגעהייבן צוצוקומען צו אונדזער פּראָם. אייניקע זענען צוגעקומען אַזוי נאָענט, אַז זיי האָבן זיך אָנגעשלאָגן אָן אונדזערע ברעטער און קלעצער. מיר האָבן געמוזט זיי אָפּטרייבן מיט שטיקער האָלץ און מיט שפּיזן, וועלכע מיר האָבן מיטגענומען פון דער „ראַפּינאַ".

„טויט זיי נישט!" — האָט אויסגערופן דער פראַנצויז לע-גראָ. — „טרייבט זיי נאָר אַוועק. זיי וועלן אונדז ראַטעווען פון די נעגערס!"..

דאָס איז געווען די סיבה, פאַרוואָס די נעגערס זענען נאָך אַלץ געשטאַנען אויפן שיף און האָבן מורא געהאַט זיך אַרייַנצוואַרפן אין וואַסער. זיי האָבן זייער גוט פאַרשטאַנען, אַז קוים שפּרינגען זיי אַריין אין וואַסער, וועלן זיי אַרייַנפאַלן אין די גרויסע מיילער פון די הייפיש.

ווען איך האָב צעבראָכן די אייזנס פון די טירן פון זייערע קעמערלעך און האָב זיי אַרויסגעלאָזן, האָב איך געטראַכט, אַז עס איז מעגלעך, אַז אייניקע פון זיי זאָלן זיך זיך דאָך ראַטעווען. איצט האָב איך איינגעזען, אַז איך האָב

גאָרנישט געטאָן פאַר זיי. מיין אַרבעט איז געווען אומזיסט. זיי שטייט פאָר אַ שרעקלעכער טויט: זיי מוזן פאַרברענט ווערן אָדער אַריינפאַלן אין די ציין פון די פרעסיקע הייפיש.

עס איז פאַרגאַנגען אייניקע צייט און די אומגליקלעכע נעגערס האָבן נישט געוווּסט, וואָס זיי זאָלן טאָן. זיי האָבן זייער גוט פאַרשטאַנען זייער לאַגע. זיי האָבן זייער גוט געוווּסט, אַז זיי מוזן זיך אויף עפּעס אַנטשליסן. זיי האָבן געמוזט עפּעס טאָן.

עס איז נישט לייכט זיך צו שיידן מיטן לעבן. די ווילדע חיה קעמפט אויך פאַרן לעבן מיט אַלע אירע כוחות. ווען איינער טרינקט זיך, ראַנגלט ער זיך מיטן וואַסער ביז צולעצט. ער האָט שוין נישט קיין האָפענונג געראַטעוועט צו ווערן, ער ווייס, אַז ער איז פאַרלאָרן און דאָך ראַנגלט ער זיך און רייסט זיך אַרויסצושטעקן דעם קאָפּ פון וואַסער. אין אַזאַ לאַגע זענען געווען די נעגערס. פון איין זייט איז געווען דאָס שרעקלעכע פייער, פון דער אַנדערער זייט דאָס וואַסער, דער ים מיט זיינע ווילדע, בלוטדורשטיקע איינוווינער — די הייפיש.

פאַר דער צייט איז דאָס פייער געוואָרן גרעסער און שרעקלעכער, מיר האָבן געזען, ווי דאָס פייער איז צוגעקומען אַלץ נענטער און נענטער צו די אומגליקלעכע נעגערס. איך האָב נישט געקענט פאַרשטיין, פאַרוואָס דאָס פולווער האָט זיך נאָך נישט אָנגעצונדן און האָט נישט צעריסן די אומגליקלעכע שיף אויף שטיקלעך. איך מוז אייך זאָגן דעם אמת: איך האָב עס איצט געוואָלט, איך האָב עס פאַרלאַנגט. ווייל איך האָב געוווּסט, אַז קוים וועט די שיף אויפשפּרינגען אין דער לופט, וועלן די אומגליקלעכע נעגערס ווייניקסטנס שטאַרבן מיטאַמאָל. איך האָב זיי איצט געווּנטשן דעם טויט.

ליידער, האָט זיך דער פולווער נישט אָנגעצונדן אַזוי גיך. אויסער דעם האָט דער קאַפּיטאַן באַהאַלטן די צען פּעסלעך פולווער, וועלכע ער האָט געגנבעט ביים מלך דשינגאַ ערגעץ גאַנץ טיף אין אונטערדעק פון דער „ראַפּינאַ". דאָס פּייער האָט נאָך נישט דערגרייכט צו זיי. די „ראַפּינאַ" האָט דערווייל געברענט נאָר פון אויבן.

דאָס פּייער איז צוגעקומען נענטער און נענטער צו די נעגערס. מיר האָבן געזען, ווי אַלע זענען געשטאַנען גאַנץ נאָענט צום פּאָרענץ פון דער „ראַפּינאַ" פלוצלונג האָבן מיר געהערט — פליוך! די נעגערס האָבן אָנגעהייבן צו שפּרינגען אין וואַסער. תחילת האָבן עס געטאָן נאָר די נעגערס, וועלכע זענען געשטאַנען נענטער צום פּייער; קוים אָבער איז דער ערשטער אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער, האָט מען אים באַלד נאָכגעטאָן. איינער נאָך דעם אַנדערן איז מען אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער.

איך בין נישט בכוח צו באַשרייבן דידאַזיקע סצענע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט פאַר אונדזערע אויגן. קנאַפּע פינף הונדערט שוואַרצע קערפּערס האָבן געשווומען אין וואַסער, האָבן זיך געראַנגלט, געשריען און געיאָמערט. אין מאַנכע ערטער האָט מען זיך געהאַלטן צו דריי — פיר צוזאַמען; ווו נישט ווו האָט מען זיך אַרומגענומען און מען האָט זיך באַמיט צו שווימען. זייערע געשרייען און זייערע געוואַלדן זענען געווען אַזוי שרעקלעך, אַז די הייפיש האָבן זיך די ערשטע עטלעכע מינוט דערשראָקן פאַר זיי און זענען זיך צעלאָפן.

דאָס האָט אָבער געדויערט נישט לאַנג. באַלד זענען די הייפיש אַרויפגעשווומען אויפן וואַסער און עס האָט זיך אָנגעהייבן אַ שרעקלעכע מענטשנפרעסעריי. מיר האָבן געזען, ווי עטלעכע הייפיש האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן אויף אַ גרופּע

נעגערס, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען. מיר האָבן גע־
געהערט דאָס טויטגעשריי פון די אומגליקלעכע, מיר האָבן
געקענט זען, ווי דער ים איז ערטערווייז געוואָרן רויט. דאָס
איז געווען בלוט, פריש, וואַרעם מענטשלעך בלוט.

ווי שרעקלעך, ווי פיינלעך און ווי מאָנאָטאָניק דידאַקטיש
סצענע איז געווען, האָבן די מאַטראָזן אויפן פּאַראָם דאָך נישט
געפילט קיין מיטלייד מיט די אומגליקלעכע, ווייל זיי האָבן
געוווּסט, אַז זייער טויט איז אונדזער לעבן. איך און בען
בראָס זענען געווען די איינציקע, וועלכע האָבן שרעקלעך גע־
ליטן פון דערדאָזיקער קאַטאַסטראָפע. איך האָב געוויינט, ווי
אַ קליין קינד יעדעס מאָל, ווען איך פלעג זען, ווי אַ שוואַרצער
קאָפּ פון אַ נעגער שטעקט אַרויס פון וואַסער און אַ ווילדער
פרעסיקער הייפיש וואַרפט זיך אַרויף אויף אים, — אַ געשריי —
דאָס וואַסער הייבט אָן צו קאָכן און צו שוימען. — דאַן ווערט
אַלץ שטיל און עס טרעטן אַרויס אויפן וואַסער רויטע פלעקן,—
דאָס בלוט פונם אומגליקלעכן.

איך קען נישט וויסן, וויפל הייפיש עס האָבן זיך פאַר־
זאַמלט אויף דערדאָזיקער סעודה. איך ווייס נאָר, אַז זיי זענען
דאָך נישט געווען בכוח אַלעמען אויפצופרעסן. איך האָב שוין
דערציילט, אַז דער הייפיש איז גאַנץ קלוג און ווייס אויף
וועמען אָנצופאַלן. זיי זענען תחילת אָנגעפאַלן אויף די שוואַ־
כערע: אויף פרויען און קינדער. פאַר די שטאַרקע מענער
האָבן זיי מורא געהאַט. די קלוגע פיש האָבן שוין גוט פאַר־
שטאַנען, ווער עס איז שטאַרק און געזונט און קען זיך
ווערן קעגן זיי. די הייפיש האָבן זיך דעריבער צוערשט
אַרויפגעוואָרפן אויף די פרויען, קינדער און שוואַכע מענער
און האָבן זיי פאַרשלונגען.

ווי הונגעריק און ווי פרעסיק די הייפיש זענען, קען

דאָך אַ הייפיש נישט אויפפרעסן מער ווי איין מענטשן פאַר אַמאָל. זיי האָבן אוודאי איינגעשלונגען צווייהונדערט, דריי-הונדערט נעגערס. עס זענען אָבער נאָך געבליבן פון הונדערט ביז צוויי הונדערט געזונטע און שטאַרקע נעגערס, וועלכע האָבן זיך דורכגעשלאָגן דורך די הייפיש און זענען געשווו-מען צום פּאַראָם.

מיר האָבן געזען גאַנץ דייטלעך אַ סך שוואַרצע קעפּ זיך אויפהייבן פון וואַסער, שטאַרקע הענט האָבן געקלאַפּט איבער די כוואַליעס, געשפּריצט אַרום און געשווומען צו אונדז. די „ראַפּינאַ" האָט איצט געברענט אַזוי העל, אַז מיר האָבן געקענט זען אויף אַ גרויסער שטרעקע, פּונקט ווי עס וואָלט געווען אינמיטן העלן טאָג. די מאַטראָזן אויפן פּאַראָם האָבן אָנגעהייבן צו ציטערן.

„וואָס וועלן מיר טאָן, ווען זיי וועלן צוקומען צו אונדז און וועלן זיך אַרויפכאַפּן אויפן פּאַראָם?"—האָבן אייניקע געפרעגט.

„לאָמיר אַנטלויפן! לאָמיר טרייבן דעם פּאַראָם!" — האָט מען געשריען פון אַלע זייטן.

אַלע מאַטראָזן האָבן זיך איצט גענומען צו דער אַרבעט. יעדער האָט גערודערט, ווי ווייט ער האָט געקענט. אייניקע האָבן מיטגעבראַכט רודערס פון דער „ראַפּינאַ", אַנדערע האָבן גערודערט מיט שטיקער האָלץ, מיט ברעטער, מיט שטעקנס, מיט גרויסע שפּענער און מיט וואָס איינער האָט געקענט.

אונדזער פּאַראָם האָט זיך אַפילו גערירט, אָבער זייער זייער לאַנגזאַם. אין אַ שיפל אָדער אַ באָט קען מען פאָרן גאַנץ שנעל, ווען מען רודערט שטאַרק, אונדזער פּאַראָם אָבער איז באַשטאַנען פון ברעטער, וועלכע זענען געווען צוגעשלאָגן אָדער צוגעבונדן צו קלעצער. אַזאַ פּאַראָם קען גיין שנעל אויף אַ טייך, וווּ דאָס וואַסער לויפט שנעל. אויפן ים אָבער

קען זיך אזא פּאַראַם נישט רירן, באַזונדערס, ווען דער ים איז שטיל און רויק, ווי עס איצט געווען. מיר זענען דעריבער געפאָרן זייער לאַנגזאַם און האָבן זיך דערווייטערט פון דער „ראַפּינאַ" נאָר עטלעכע הונדערט שריט.

דערווייל זענען די נעגערס געשווומען מיט זייערע לעצטע כּוחות און האָבן אונדז נאָכגעיאָגט. זיי האָבן זייער גוט געוווּסט אַז דאָס איז זייער איינציקע רעטונג. די מאַטראָזן אויפן פּאַראַם האָבן געציטערט פאַר זייער אייגענעם לעבן. איך אַליין האָב אויך איינגעזען, אַז איך האָב באַגאַנגען אַ גרויסן פעלער, וואָס איך האָב אַרויסגעלאָזן די נעגערס. איך האָב איצט שטאַרק חרטה געהאַט דערויף — איך האָב געוואָלט לעבן. ערשט דעמאָלט, ווען איך האָב געזען דעם שרעקלעכן טויט פאַר מיינע אויגן, האָב איך אָנגעהייבן צו פילן, ווי דאָס לעבן איז זיס.

עס איז אָבער קיין צייט נישט געווען פיל צו טראַכטן. עס איז קיין צייט געווען זיך איבערצולייגן. אַ גאַנצער הויפן שוואַרצע קעפּ, ווילדע פּנימער, פייערדיקע אויגן און שטאַרקע הענט זענען צוגעקומען אַלץ נעענטער און נעענטער צו אונדזער פּאַראַם. די שטאַרקע הענט האָבן זיך אויפגעהייבן און האָבן געוואָלט זיך אָנכאַפּן אָן די ברעטער, אָן די קלעצער פון אונדזער פּאַראַם. עס האָט זיך אָנגעהייבן אַ מוראדיקער געראַנגל, וועלכן איך וואָלט בעסער געוואָלט פאַרשווייגן. איך קען עס נישט דערציילן. עס פּרעסט מיך, עס דריקט מיך, עס טוט מיר וויי, ווען איך רעד דערפון...

די מאַטראָזן פון דער „ראַפּינאַ" האָבן זיך געמוזט פאַר־טיידיקן. יעדער האָט געכאַפּט, וואָס ער האָט געקענט: אַ רודער, אַ שטיק האָלץ, אַ ברעט, אַ שפּיז, אַ האַק, און האָט אָנגע־הייבן צו שלאָגן, ווו ער האָט נאָר געטראָפן. קוים איז צו אונדז צוגעשווומען אַ נעגער און האָט געוואָלט זיך אָנכאַפּן

אָן פּאַראָם, האָט אַ מאַטראָז אויפגעהייבן זיין שטיק האָלץ, זיין רודער אָדער וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט, און האָט גע-שלאָגן, ווי ער האָט געטראָפן.

אין די ערשטע עטלעכע מינוט האָט עס געהאָלפן. די ערשטע עטלעכע נעגער זענען אָפּגעטרעטן פון אונדזער פּאַראָם. וווהין אָבער זאָלן זיי שווימען? אויפן ים איז נישט געווען קיין איינציקער אָרט, ווו זיי וואָלטן געקענט זיך אַהינטאָן. זיי האָבן געמוזט שווימען אַרום אונדז. באַלד אָבער זענען צוגע-קומען אַנדערע נעגערס. עס האָבן זיך צונויפגעקליבן אַ זעכציק — זיבעציק נפשות מיטאַמאָל. זיי האָבן עפּעס איבערגערעדט צווישן זיך און זענען מיטאַמאָל אָנגעפאַלן אויף אונדז.

עס האָט זיך אָנגעהייבן אַ שרעקלעך געשלעג און עס איז גאַנץ לייכט צו פאַרשטיין, מיט וואָס עס וואָלט זיך גע-ענדיקט. די נעגערס זענען געווען פאַרצווייפלט און די מאַטראָזן האָבן געקעמפט פאַר זייער לעבן. די נעגערס זענען געקראָכן אויפן פּאַראָם און די מאַטראָזן האָבן זיי געשלאָגן איבער די הענט און איבער די קעפּ.

איך האָב עס נישט געקענט צוזען. איך בין געווען אַזוי פאַרצווייפלט, אַז דער קאָפּ האָט זיך מיר פאַרדרייט, עס איז מיר געוואָרן פינסטער אין די אויגן און איך בין אַנידער-געפאַלן אויף די ברעטער לעבן בען בראַס. איך ווייס נישט, וואָס בען בראַס האָט געטאָן. האָט ער זיך אויך פאַרטיידיקט? האָט ער אויך געטריבן די נעגערס פון זיך? האָט ער אויך געשלאָגן די אומגליקלעכע נעגערס איבער די הענט? איך ווייס עס נישט.

אייניקע מינוטן בין איך געלעגן, ווי אין חלשות. איך האָב נישט געוווּסט וואָס עס טוט זיך מיר. פּלוצלונג האָב איך דערהערט אַ שרעקלעכן טראַך. איך בין אויפגעשפּרונגען און

אַ קוק געטאָן אין דער זייט ווו די „ראַפּינאַ״ איז געשטאַנען. פון דאָרט האָט זיך אויפגעהייבן אַ זייל פייער, האָט אַ ווײַלע באַלויכטן דעם הימל מיט זיין רויטן פלאַם. דאַן האָט עס גע־געבן אַ שרעקלעכן טראַך — די „ראַפּינאַ״ איז צעריסן געוואָרן אויף שטיקלעך.

דאָס פולווער איז ערגעץ געלעגן גאַנץ טיף אויפן באָדן פון דער שיף. דאָס פייער האָט עס נישט געקענט דערגרייכן אַזוי לייכט. עס איז פאַרגאַנגען אַ שטיק צייט, איידער עס האָט זיך אָנגעצונדן. קוים אָבער האָט זיך עס אָנגעצונדן, האָט עס אָנגעהייבן צו קראַכן און צו קנאַקן, אַז מיר זענען שיעור פאַרטויבט געוואָרן. רויטע גארבען פייער זענען אַרויפגעלאָפן צום הימל. זיי האָבן יעדעס מאָל אַ ווײַלע באַלויכטן דעם הימל און דעם ים. דאַן זענען זיי פאַרלאָשן געוואָרן און אַלץ איז געוואָרן פינסטער און שטיל.

אייניקע מינוטן זענען מיר אַלע געזעסן שטיל. קיינער האָט נישט געוואַגט אַרויסצורעדן אַ וואָרט. עטלעכע שרעקלעכע טויט-געשרייען האָבן אונדז דערמאַנט, ווו מיר געפינען זיך. דאָס האָבן געשריען די לעצטע נעגערס. דאָס זענען געווען זייערע לעצטע געשרייען. זיי זענען איצט געווען ווייט פון אונדז.

איך ווייס נישט, פאַרוואָס זיי האָבן אָפּגעטרעטן פון אונדזער פאַראָם. האָבן זיי זיך דערשראָקן פאַרן קנאַקן און און טראַכן פונם פולווער, וועלכער האָט זיך אָנגעצונדן אויף דער „ראַפּינאַ״ אָדער דער ים אָנגעהייבן שטאַרק צו קאָכן אויף דעם אָרט, ווו די „ראַפּינאַ״ איז אונטערגעגאַנגען, אַזוי, אַז זיי זענען אַלע דערטרונקען געוואָרן? איך ווייס עס נישט ביז היינט.

בען בראַס האָט מיר שפּעטער דערקלערט, אַז ווען אַ

גרויסע שיף גייט אונטער, ווערט אויף דעם אָרט אַ מין קעסל־גרוב, ווו דאָס וואַסער רוישט, קאָכט און דרייט זיך אַזוי שטאַרק, אַז עס שלעפּט אַריין אַלץ, וואָס עס געפינט זיך אויף אַ גרויסע שטרעקע אַרום, אין טיפן אָפּגרונט.

דאָס איז מסתמא געווען די סיבה, וואָס די נעגערס זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן. דער קעסלגרוב, ריכטיקער געזאָגט, דאָס וואַסערגעווירבל האָט זיי אַראָפּגעשלעפּט אין דער טיפעניש און זיי זענען דערטרונקען געוואָרן. עס זענען קוים געבליבן איינציקע שטאַרקע און דרייסטע צווישן זיי, וועלכע האָבן זיך נאָך געהאַלטן איינציקע צייט אויפן וואַסער. דאַן זענען זיי מיד געוואָרן שווימנדיק, זענען אַראָפּגעפאַלן איינער נאָכן אַנדערן און זענען דערטרונקען געוואָרן.

דאָס זענען געווען די געשרייען, וועלכע מיר האָבן געהערט. באַלד איז אַלץ שטיל געוואָרן. עס איז געוואָרן פינסטער אַרום אונדז. די „ראַפּינאַ" איז פאַרשווונדן געוואָרן. מיר האָבן זיך געפונען אויף עטלעכע שוואַכע ברעטער אין גרויסן, ברייטן וועלט־ים. מיר האָבן זיך געפונען צווישן הימל און וואַסער אויף אַ שוואַכן פּראַם.

ווי שפּעט איז עס געווען? דאָס האָבן מיר נישט געקענט וויסן. אַ סך מאַטראָזן האָבן געהאַט זייגערלעך. זיי האָבן אָבער קיין צייט נישט געהאַט זיי מיטצונעמען. יעדער איז געווען באַשעפטיקט מיט זיך. יעדער האָט נאָר געוואָלט ראַטעווען זיין לעבן. קיינער האָט נישט מיטגענומען קיין שום זאַכן מיט זיך.

ווי מיד און צובראָכן מיר זענען געווען פון דער שווערער אַרבעט און פון דער אויפרעגונג פון היינטיקן טאָג, האָט דאָך קיינער פון אונדז נישט געשלאָפן און נישט געגעסן. די לבנה איז אונטערגעגאַנגען. עס איז שוין געווען פאַרטאָג און עס

איז געוואָרן שטאַרק פינסטער. מיר האָבן נישט געקענט זען אויף צען שריט ווייט פון אונדז. מיר האָבן אָבער זייער גוט געוווּסט, אַז אַרום אונדז איז וואַסער און איבער אונדז איז דער ריינער, קלאָרער, בלויער הימל.

יעדע שיף, וועלכע געפינט זיך ווייט אין ים, געפינט זיך צווישן הימל און וואַסער. דאָס שיף איז אָבער געוויינלעך זייער הויך און דער מענטש אויפן שיף איז ווייט פון וואַסער. מיר אָבער זענען איצט געזעסן אויף ברעטער, גאַנץ נאָנט פונם וואַסער.

„אַ זעגל! אַ זעגל!" — האָבן מאַנכע געשריען.

איך בין אויפגעשפרונגען. איך האָב נישט געוווּסט, וואָס זיי מיינען מיט די ווערטער: „אַ זעגל! אַ זעגל!" באַלד האָב איך געזען, וואָס זיי מיינען. ווען זיי זענען אַראָפּגעגאַנגען פון דער „ראַפינאַ", האָבן זיי מיטגענומען אַ פּאָר שטיקער זעגל. אַ גאַנצע נאַכט איז עס געווען גאַנץ שטיל אויפן ים און אונדזער פּאַראָם איז געשטאַנען אויף איין אָרט. מיר האָבן גאָר־נישט געקענט העלפן. מיר האָבן זיך נישט געקענט רירן. פּאַר־טאָג האָט זיך אויפגעהייבן אַ ווינטל און אייניקע מאַטראָזן האָבן איינגעפונען, אַז ווען מיר זאָלן קענען אויפציען אַ זעגל אויף אונדזער פּאַראָם, וואָלטן מיר געקענט פאָרן ערגעץ, אָדער ווייניקסטנס אָפּפאָרן עטלעכע מייל.

מען האָט באַלד אויפגעשטעלט צוויי ברעטער אינדערהייך און מען האָט איבער זיי געצויגן אַ שטיק זעגלטוך. ווי איינ־פאַך דער זעגל איז געווען, האָט ער דאָך געווירקט: אונדזער פּאַראָם איז געשווּמען, מיר האָבן זיך גערירט, מיר זענען גע־פאָרן. — וווּהין? דאָס האָבן מיר נישט געקענט וויסן. אַפילו דער קלוגער און געלערנטער מאַטראָז בען בראַס האָט נישט געקענט וויסן, ווו מיר געפינען זיך ערגעץ און וווּהין מיר

פאָרן. אָן אַ קאָמפּאַס, אָן אַ ים־קאַרטע און אָן אינסטרומענטן איז עס געווען אומעגלעך אַרויסצוגעפינען, ווו מיר געפינען זיך איצט און וווהין מיר פאָרן. אייגנטלעך איז געווען די פראַגע, פונוואַנען בלאָזט דער ווינט? אין וועלכער זייט פאָרן מיר? — פאָרן מיר צוריק קיין אפריקע אָדער פאָרן מיר ווייטער קיין אַמעריקע?

קיינער האָט זיך אָבער נישט געשטעלט די פראַגע. יע־דער איז געווען צעפרידן, וואָס אונדזער פּאַראָם שטייט נישט אויף איין אָרט. — קום פאָרן מיר, וועלן מיר דאָך ערגעץ אָנ־קומען, — האָט יעדער געטראַכט ביי זיך.

איך האָב אַ קוק געטאָן אויפן וואַסער און האָב געזען, אַז דאָס וואַסער שוימט ביי די עקן פון אונדזער פּאַראָם, אַ באַווייז, אַז מיר פאָרן שנעל.

דאָס האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט. באַלד האָט זיך געוויזן אַ פּאַס ליכט אין מזרח־זייט. עס האָט אָנגעהייבן צו טאָגן. דער ווינט האָט אויפגעהערט, און ווען די זון איז אַרויס־געגאַנגען און האָט באַלויכטן דעם ים, זענען מיר געשטאַנען אויף איין אָרט. אונדזער פּאַראָם האָט זיך מער נישט גערירט. אַלע זענען געווען אַזוי מיד און אַזוי צעבראָכן פון פאַריקן טאָג און פון דער פאַריקער נאַכט, אַז אַלע זענען אַנידערגעפאַלן, ווי דערהרגעטע.

אויב איך זאָג, אַז אַלע האָבן זיך געלייגט שלאָפן, איז דאָס נישט אינגאַנצן ריכטיק. נישט אַלע האָבן זיך געלייגט שלאָפן. זיי זענען נישט געשלאָפן. זיי האבן געהאַלטן וואַך. איר וועט זיך געוויס וווּנדערן, צו וואָס האָט מען געדאַרפט האָבן אַ וואַך. מיר זענען, דאַכט זיך, געווען גאַנץ זיכער אינדערמיט פונם גרויסן און ברייטן אַטלאַנטישן וועלט־ים. פאַר וועמען האָבן מיר דען געקענט מורא האָבן צווישן הימל און וואַסער?

מיר האָבןווירקליך פאַר קיינעם קיין מורא נישט געהאַט. אויף וואָס האָבן מיר אָבער גערעכנט האָפן? האָבן מיר דען גערעכנט זיך צושלעפּן ערגעץ צו אַ ברעג אויף אונדזערע עטלעכע פּאָר ברעטלעך, צוגעשלאָגן צו אַ פּאָר קלעצער? מיר געפינען זיך איצט אין דער „שטילער געגנט". עס קאָנען פאַר־גיין וואָכן און מיר וועלן זיך נישט קענען רירן פון אָרט. ביים ערשטן שטורעם וועט אונדזער פּראָם צעריסן ווערן און מיר וועלן אַלע דערטרונקען ווערן. וואָס קענען מיר אַלזאָ האָבן?

אונדזער איינציקע האָפענונג איז געווען, אַז מיר וועלן ערגעץ באַגעגענען אַ שיף, וועלכע וועט אונדז אויפנעמען. דאָס איז געווען די סיבה, פאַרוואָס מיר האָבן אויסגעשטעלט אַ וואַך, ווען מיר האָבן זיך געלייגט שלאָפן. די וואַך האָט געדאַרפט קוקן אין אַלע זייטן: אפשר וועלן זיי דערזען די זעגלען פון אַ שיף אָדער דעם רויך פון אַ דאַמפער.

אָבער אַך! דער וועלט־ים איז גרויס, ברייט און ווייט! עס מאַכט זיך אַמאָל, אַז ווען מען זאָל פאָרן פון לאָנדאָן קיין אויסטראַליע און מען זאָל אויפן גאַנצן וועג נישט באַגעגענען קיין איינציקע שיף! צום אומגליק נאָך האָבן מיר זיך געפונען ווייט פון וועג, אויף וועלכן עס פאָרן געוויינלעך שיפן. מיר האָבן נישט געהאַט מיט זיך קיין קאָמפּאַס און קיין ים־קאַרטע.

מיר זענען געשלאָפן נישט לאַנג. די זון איז אַרויפ־געגאַנגען העכער און העכער און האָט באַגאָסן דעם גאַנצן ים מיט אירע ברענענדיקע שטראַלן. עס איז געוואָרן שרעקלעך הייס. די מאַטראָזן זענען אויפגעשטאַנען איינער נאָכן אַנדערן, האָבן אָפּגעוואַשן זייערע קעפּ און זייערע געזיכטער מיט ים־וואַסער און האָבן זיך אַנידערגעזעצט אויף זייערע ערטער. עס איז נישט געווען ווו צו גיין, ווו צו שפּאַצירן און ווו צו קלעטערן אויף אונדזער קליינעם פּראָם. מען האָט געמוזט

זיצן אויף איין אָרט. ווען די פיס פלעגן שוין שטאַרק פאַר־זעסן ווערן, פלעגט מען זיך אויפהייבן און זיך אַ ביסל דורכ־גיין אויפן פּאַראָם אַ קליינע שטרעקע. דאַן האָט מען געמוזט זיך צוריק זעצן. עס איז נישט געווען ווו צו גיין.

ווען אַלע האָבן זיך אויפגעכאַפּט און האָבן זיך אויסגעזעצט אויף זייערע ערטער, האָט מען אָנגעהייבן צו רעדן פון עסן. וואָס האָבן מיר אָבער געהאַט צו עסן? אין איילעניש האָט מען אַרויפגעקייקלט אויפן פּאַראָם נאָר צוויי פעסלעך וואַסער, דער רעשט, וואָס אונדז איז געבליבן, און אַ פּאָר פעסלעך ראָם. דאָס איז געווען אַלץ, וואָס מיר האָבן געהאַט.

אויף וויפיל צייט האָבן מיר עס געהאַט? ווי לאַנג וועט עס דויערן, ביז מיר וועלן באַגעגענען אַ שיף? ווער האָט עס געקענט וויסן? ווער האָט עס געקענט פאָרויסזאָגן? אַלנפאַלס, דערווייל זענען מיר געווען הונגעריק און מען האָט געמוזט שטילן דעם הונגער. מען האָט זיך באַראָטן אייניקע מינוט און מען האָט באַשלאָסן, אַז מען זאָל איינטיילן די סוכאַרעס: מען זאָל געבן יעדן צו צוויי שטיק אַ טאָג. צוויי קיילעכדיקע פלעצלעך אויף אַ מענטשן איז אפילו געווען זייער ווייניק, וואָס האָט מען אָבער געקענט מאַכן? וואָס האָט מען געקענט העלפן?

עס זענען נאָך געבליבן די צוויי פעסלעך געזאַלצן פלייש. וואָס האָט מען אָבער געקענט מאַכן מיט זיי? מיר האָבן נישט געהאַט קיין האָלץ, מיט וואָס צו קאָכן און האָבן נישט געהאַט קיין פּלאַץ ווו צו קאָכן. מען קען קאָכן אויף אַ פּאַראָם, מוז מען אָבער האָבן ציגל אָדער שטיינער, וועלכע מען לייגט אויס אין אַן אָרט און אויף זיי צעלייגט מען אַ פייער.

מיר האָבן אָבער נישט געהאַט מיט זיך קיין ציגל און קיין שטיינער, קיין שטיק אייזן, אויף וועלכן מיר זאָלן קענען

צעלייגן אַ פייער. עס איז אונדז געבליבן צו עסן דאָס גע־
זאַלצענע פלייש רויערהייט. דאָס איז אָבער אויך געווען אוי־
מעגלעך, ווייל מיר האָבן געהאַט זייער ווייניק וואַסער. בען
בראַס, ענגלמאַן און עטלעכע אַנדערע מאַטראָזן האָבן אויס־
גערעכנט, אַז כּדי נישט צו שטאַרבן פאַר דורשט אין דער
צייט פון צוויי וואָכן, מוזן מיר זיך באַנוגענען מיט אַ האַלב
גלאָז וואַסער אַ טאָג. ווי האָט מען געקענט עסן געזאַלצן
פלייש, ווען מען האָט נישט קיין וואַסער? מיר האָבן דאָך
אַפילו נישט געהאַט קיין וואַסער, מיט וואָס אָפּצוּוואַשן דאָס
פלייש פונם זאַלץ.

מיר האָבן דעריבער געמוזט זיך צופרידנשטעלן מיט
צוויי פּלעצלעך סוכאַרעס אַ טאָג. עס איז געווען ווייניק, אָבער
אַלע זענען געווען דערמיט צופרידן. יעדער האָט אויפגעגעסן,
ריכטיקער געזאָגט, איינגעשלונגען זיינע צוויי שטיקלעך סוכאַ־
רעס, האָט אויסגעטרונקען דאָס ביסעלע וואַסער, וואָס מען האָט
אים אָפּגעמאָסטן, דאַן האָט מען זיך געזעצט אויף איין אָרט
און מען האָט זיך פאַרטראַכט.

איבער וואָס מען האָט געטראַכט, קען איך נישט זאָגן.
איך ווייס אָבער, אַז דאָס זענען נישט געווען קיין פריילעכע
געדאַנקען. יעדער האָט געזען פאַר זיך אַ זיכערן טויט. יעדער
האָט געוווּסט, אַז ער וועט לאַנג נישט אויסהאַלטן ביי אַזאַ
שלעכטן קעסט.

דאָס האָבן זייער גוט פאַרשטאַנען די בעסערע מאַטראָזן.
זיי האָבן זייער גוט געוווּסט, אַז קוים וועלן די מענטשן פאַר־
צווייפלען, קוים וועלן זיי פאַרלירן דעם מוט, זענען זיי פאַר־
פאַלן. זיי האָבן דעריבער געזוכט מיטלען, ווי אַזוי אויפצוּ־
מינטערן די מאַטראָזן, זיי צו באַלעבן און צו פאַרטרייבן פון
ווי זייערע שוואַרצע, טרויעריקע געדאַנקען. זיי האָבן באַשלאָסן

אויפצופאָדערן יעדן, ער זאָל דערציילן זיין לעבנסגעשיכטע, דאָס וועט פאַראינטערעסירן די מאַטראָזן און זיי וועלן ווייניקסטנס אויף אַ געוויסע צייט פאַרגעסן זייער טרויעריקע לאַגע.

דער פּלאַן איז געפעלן געוואָרן און שוין דעם אַנדערן טאָג האָט איינער פון די מאַטראָזן דערציילט זיין לעבנסגעשיכטע. איך בין דעמאָלט געווען זייער יונג, און די געשיכטן האָבן מיך שטאַרק פאַראינטערעסירט. עס זענען געווען איינפאַכע, ווילדע געשיכטן פון גזילה און רציחה. אַלע געשיכטן וויל איך אייך נישט איבערגעבן, ווייל זיי וועלן פאַר אייך קיין אינטערעס נישט האָבן. איך וויל אייך איבערגעבן נאָר די מערקווירדיקסטע פון זיי, וועלכע האָבן אַ געוויסן ווערט און אַ געוויסן אינטערעס.

אַזוי איז פאַרגאַנגען דער ערשטער טאָג פון אונדזער רייזע צווישן הימל און וואַסער. פאַרנאַכט האָט זיך אויפגעהייבן אַ ווינטל. מיר האָבן ווידער אויסגעשפּרייט אַ שטיק זעגלטוך און זענען ווידער אָפּגעפאָרן אַ געוויסע שטרעקע. דאַן איז ווידער געוואָרן שטיל און מיר האָבן זיך געלייגט שלאָפן.

דעם אַנדערן טאָג אינדערפרי האָבן מיר אָפּגעגעסן אונדזער פרישטיק — צוויי פּלעצלעך, האָבן אויסגעטרונקען אונדזער ביסל וואַסער און האָבן זיך אַנידערגעזעצט אויף אונדזערע פּלעצער.

„איצט מוז איינער דערציילן זיין לעבנסגעשיכטע!"—האָט אויסגערופן דער דייטש ענגלמאַן.

„ווער זאָל אָבער זיין דער ערשטער?" — האָט אַן אַנדערער געפרעגט.

„וואַרפן אַ גורל!"—האָבן געשריען עטלעכע.

מען האָט געצויגן אַ גורל, דאָס הייסט, מען האָט גע-

נומען עטלעכע שטריקלעך. איינעם האָט מען געמאַכט מיט אַ קנופּ. אַ מאַטראָז האָט געהאַלטן דאָס בינטל שטריקלעך אין דער האַנט. יעדער האָט אַרויסגעצויגן אַ שטריקל. ווער עס האָט אַרויסגעצויגן דאָס שטריקל מיטן קנופּ, דער האָט גע-דאַרפט דערציילן.

דער גורל איז געפאַלן אויף אַ יונגן און שטאַרקן אַמע-ריקאַנער. ער האָט אַרויסגעצויגן דאָס שטריקל מיטן קנופּ און ער האָט געדאַרפט דערציילן זיין געשיכטע און ער האָט זי דערציילט. אַלע האָבן אים אויסגעהערט אויפמערקזאַם, ווייל זי איז געווען זייער אינטערעסאַנט און דער עיקר — זי איז געווען דורך און דורך אמת.

קאפיטל ניינצן.

„ווען איך וויל אייך דערציילן מיין לעבנסגעשיכטע, מוז איך באַרירן מיינעליידן אין די טיפענישן פון ים" — האָט דער אַמעריקאַנער אָנגעהייבן צו דערציילן. — „איך מוז באַרירן אַ פּונקט אין מיין לעבן, וועלכער טוט מיר זייער וויי. — וואָס ווערט אָבער דערפון? דער שמערץ איז אויך אַ פאַרגעניגן. אַך, וואָס עס איז אַ פערגעניגן, דאָס קען זיך שוין נישט אומקערן צוריק."

ער איז געבליבן שטיל, האָט זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטן, געטראַכט אייניקע מינוטן און האָט ווייטער אָנגעהייבן צו דערציילן:

„איך בין אַ שפּאַניער, אַן אַמעריקאַנער שפּאַניער. איך שעם מיך נישט אויסצוזאָגן, אַז נאָר מיין פאָטער איז געוועזן אַן עכטער שפּאַניער, מיין מוטער איז געוועזן אַן אינדיאַנערין. אַ פּאָר הונדערט מייל פון סאַן-פראַנציסקאָ געפינען זיך אין ים צוויי אינדזלען: איינע הייסט עספּעריטו סאַנטאָ און די אַנדערע הייסט סעראַלבאָ. אויף איינער פון די ביידע אינדזלען בין איך געבאָרן געוואָרן. מיין פאָטער איז געקומען

קיין אַמעריקע זוכן גאָלד. ער האָט עס אָבער נישט געפונען און האָט זיך באַזעצט אויף איינער פון די צוויי קליינע אינדזלען, וועלכע זענען באַרימט דערמיט, וואָס אַרום זיי געפינען זיך אין ים פערל-מושלען. די אַמעריקאַנער פערל זענען אַזוי באַרימט אין דער וועלט, ווי די פערל פון מזרח-אינדיע.

עס האָט זיך געגרינדעט אַ קאָמפּאַניע פון רייכע סוחרים, צו באַאַרבעטן די פערל-פישערייען. די קאָמפּאַניע האָט געמאַכט מיין פאָטער פאַר אַן אויפזעער. אויף יענע אינדזלען האָט געוווינט אַן אינדיאַנער שבט און די מענטשן פון דעם שבט זענען געווען גוטע שווימער און אונטערטונקער. מיין פאָטער האָט זיך פאַרליבט אין אַן אינדיאַנער מיידל און האָט מיט איר חתונה געהאַט.

איך בין אַזוי געבאָרן געוואָרן און אויפגעוואַקסן געוואָרן צווישן אַמעריקאַנער אינדיאַנער. דאָס איז די סיבה, וואָס איך רעד עטלעכע אינדיאַנער דיאַלעקטן, אַ גוט שפּאַניש און אַ גוט ענגליש. מיין פאָטער איז געווען אַ שפּאַניער. די קאָמפּאַניע, ביי וועלכער מיין פאָטער האָט געדינט, איז באַשטאַנען פון ענגלענדער פון סאַן-פראַנציסקאָ. עס האָבן געאַרבעט ביי אונדז פיל ענגלענדער, און אַלס קינד האָב איך געלערנט אַלע פאַרשידענע שפּראַכן, וועלכע מען האָט גערעדט אויף דער אינדזל.

איך וויל אייך אַ ביסל באַקענען מיט די צוויי אינדזלען און אייך באַשרייבן, ווי אַזוי מען פאַנגט די פערל. די צוויי אינדזלען — עספּעריטו סאַנטאָ און סעראַלבאָ — ליגן גאַנץ נאָענט איינע לעבן די אַנדערע. אַ גאַנץ יאָר וווינען אויף זיי נאָר אינדיאַנער און זיי זענען שלעפעריק און טרויעריק. צוויי חדשים אין יאָר אָבער ווערן זיי לעבעדיק: אין יוני און יולי. דעמאָלט קומען זיך צונויף אויף די אינדזלען סוחרים, באַנ-

קירן, יוווילערן, אַרבעטער און עמיגראַנטן פון דער גאַנצער וועלט.

די קאָמפּאַניע, וועלכע האָט געהאַט די פּריווילעגיע צו ווכן און צו פאַנגען די פּערלמושלען אָדער די פּערל־אויסטערס, דינגט אַ געוויסע צאָל אינדיאַנער אָדער ווייסע מענטשן, וועלכע לאָזן זיך אַראָפּ אין וואַסער און זאַמלען צונויף די מושלען מיט די פּערל. שווימער באַקומען נישט פאַר דער אַרבעט קיין געלט, נאָר אַ טייל פון די מושלען, וועלכע זיי שלעפּן אַרויס פון דער טיפעניש פון ים. עס פאַר־שטייט זיך, אַז מען מוז זייער שטרענג אַכטונג געבן אויף די שווימער, זיי זאָלן נישט באַהאַלטן און נישט גנבענען די פּערל. מען מוז דעריבער האָבן גוטע, טיכטיקע און ערלעכע אויפזעער. מיין פאָטער איז געווען אַ הויפּטאויפזעער, און ווען איך בין געוואָרן פופצן יאָר אַלט, האָט ער מיך אויך געמאַכט פאַר אַן אויפזעער.

„איר האָט אונדז נאָך נישט געזאָגט, ווו געפינט מען די פּערל,“ — האָט זיך אָפּגערופן איינער פון די מאַט־ראָזן. — „איר דערציילט אונדז פון מושלען און אויסטערס און איך ווייס נאָך אַלץ נישט, ווו מען געפינט די פּערל.“

„די פּערלמושלען זענען פונקט אַזעלכע מושלען, ווי די אויסטערס, וועלכע מען עסט. זיי ליגן אויפן גרונט פון ים און אויף די שטיינער אַרום די צוויי אינדזלען. די פּערל־פישעריי־קאָמפּאַניע האָט קליינע שיפלעך, אין יעדן שיפל זעצן זיך אַריין פיר מענטשן: צוויי רודערער און צוויי שווימער. די רודערער פירן דאָס שיפל ווייט אין ים. דאָן בלייבן זיי שטיין. איינער פון די שווימער נעמט אַ קאָרב און שפּרינגט אַריין אין וואַסער. דער שווימער־אונטערטונקער איז צוגעבונדן מיט אַ שטריק צום שיפל און אַ שטיין איז אים צוגעבונדן

צו די פיס, ער זאָל שנעלער אַראָפּפאַלן אויפן גרונט. ווען ער קומט אַראָפּ אונטן, הייבט ער אָן צונויפצושאַרן די מושלען אין קאָרב אָדער אין אַ נעץ, וועלכן ער טראָגט צוגעבונדן צום גאַרטל. ווען ער קלייבט אָן גענוג, אָדער ווען ער האָט שוין נישט קיין מעגלעכקייט איינצושטיין אונטערן וואַסער, קלעטערט ער אַרויף אויפן שטריק, וועלכער איז צוגעבונדן צום שיפל.

עס זענען דאָ אונטערטונקער, וועלכע קענען אויסהאַלטן פון דריי ביז פיר מינוט אונטערן וואַסער. ווען דער ערשטער אונטערטונקער קומט אַרויף, וואַרפט זיך דער אַנדערער אַריין אין וואַסער. יעדער אונטערטונקער לאָזט זיך אַראָפּ אין וואַסער פון פערציק ביז פופציק מאָל אַ טאָג, איך מיין אַ פאַר-מיטאָג. ווייל געוויינלעך אַרבעט מען נאָר אינדערפרי ביז איינס אַ זייגער.

די בעסטע אונטערטונקער זענען די אינדיאַנער פון דעם שבט היאַקאָס, פון וועלכן איך שטאַם. מיין מוטער האָט גע-הערט צו אָט דעם שבט. די היאַקאָס זענען פּרעכטיקע שווי-מער. זיי זענען אַזוי געוווינט צום וואַסער, אַז זיי האָבן פאַר קיינעם קיין מורא נישט.

„פאַר וועמען זאָלן זיי דען מורא האָבן?"

„פאַר די הייפיש," — האָט דער דערציילער געענטפערט. — „מיינט איר דען, אַז אין שטילן ים אַרום קאַליפאָרניע זענען גאָרנישטאָ קיין הייפיש? די הייפיש דערשמעקן, ווו עס קו-מען צונויף מענטשן, און זיי פאַרזאַמלען זיך אַרום די אינ-דזלען אין גרויסע מחנות, ווי צו דעם שווימער, וועלכער ווייס נישט, ווי זיך צו ווערן קעגן אַ הייפיש."

„ווי אַזוי קען מען זיך ווערן קעגן אַזאַ געפערלעכן פיינט?" — האָט אַ דריטער געפרעגט.

„מיט דער עסטאקא."

„וואָס איז אַזוינס די עסטאַקאַ?‟

„אין די וועלדער פון קאַליפאָרניע וואַקסט אַ בוים, וועלכער האָט זייער אַ שטאַרקן האָלץ. מען רופט עס דאָס אייזנהאָלץ, ווייל עס איז שווער און שטאַרק, ווי אייזן. דער אינדיאַנער ברעכט אָפּ אַ דינעם צווייג פון אָט דעם בוים, פאַרשניצט אים פון ביידע עקן און מאַכט פון ביידע עקן צוויי שאַרפע שפּיצן. כּדי די שפּיצן זאָלן זיך נישט אַזוי לייכט אָפּברעכן, פאַרהאַרטעוועט ער זיי בײַם פייער. אָט דאָס שטיקל האָלץ אָדער שטעקעלע הייסט „עסטאַקאַ‟. איר האָט שוין געהאַט די געלעגנהייט צו זען ווי דער הייפיש וואַרפט זיך אַרויף אויף אַ מענטשן. ער מוז זיך דאַן איבערקערן אויפן רוקן און עפענען דאָס מויל. די אינדיאַנער באַנוצן די סעקונדע, ווען דער הייפיש עפנט אויף זיין גרויסן פּיסק און שטעקן אים אַרײַן די עסטאַקאַ און גומען און אין צונג. די היאַקאָס זענען אַזוי געשיקט אין וואַסער, אַז זיי שפּילן זיך מיטן הייפיש, רייצן זיך מיט אים און רופן אים אַרויס, ער זאָל אויף זיי אָנפאַלן. קוים אָבער עפנט דער הייפיש זיין מויל, שטעקט דער אינדיאַנער אים אַרײַן די עסטאַקאַ אין מויל אַרײַן מיט זיין גאַנצן כּוח, אַז דער הייפיש הייבט אָן צו שפּרינגען און זיך וואַרפן פאַר ווייטיק. מען קען דעמאָלט זייער לייכט פאַנגען דעם היי־פיש. עס איז אָבער נישט נייטיק. ער קען נישט לעבן מיט דער עסטאַקאַ אין מויל. ער מוז פּלאַצן.

עס געפינט זיך אָבער אין ים נאָך אַ שרעקלעכערער פיינט, ווי דער הייפיש. דאָס איז די טינטאָרעראַ. דאָס איז אויך אַ סאָרט הייפיש, אָבער פיל גרעסער, שטאַרקער און ווילדער, ווי דער געוויינלעכער הייפיש. ווען דער שטאַרקסטער און געשיקט־סטער אינדיאַנער, וועלכער שפּילט זיך מיט אַ הייפיש, רייצט זיך מיט אים און דערהרגעט אים מיט דער עסטאַקאַ, ווי אַ

יעגער א האז, — ווען אזא אינדיאנער דערזעט אבער די טינטא־רענא, הייבט ער אן צו ציטערן און וועט זיך פאר קיין פאל נישט אריינוואַרפן אין וואסער. די טינטאַרערא שווימט קיינמאָל נישט אליין. עס שווימען שטענדיק א פאַר, אן „ער" און א „זי". עס זענען שוין פאָרגעקומען פאַלן, ווען מען האָט געמוזט זיך אָפּזאָגן פון די פערל אויף א יאָר אָדער צוויי נאָך דער־פאַר, ווייל א פאָר טינטאָרעראס האָבן זיך באזעצט אין דער געגנט. צום גליק פאר די פערלפישער, קומט די טינטאָרערא זייער זעלטן, אָבער וווּ זי קומט, איז זי געפערלעך."

„דערציילט אונדז בעסער, ווי אזוי מען באקומט די פערל!" — האָט אויסגערופן איינער פון די מאטראָזן.

„וואַרט, איך וועל אייך שוין אלץ דערציילן. אלזאָ, אויף יעדן שיפל געפינען זיך צוויי אונטערטונקער. ווען איינער קומט ארויף מיט זיין קאָרב אָדער מיט זיין נעץ פול מיט פערל־מושלען, לאָזט זיך דער אנדערער אראָפּ. דער ערשטער ליידיקט דערווייל אויס זיין קאָרב און רוט זיך אָפּ, און ווען דער צווייטער קומט ארויף, לאָזט זיך דער ערשטער אראָפּ. אזוי ארבעט מען פון זעקס אזייגער אינדערפרי ביז איינס אזייגער נאָכמיטאָג. דאן פאָרט מען צו צום ברעג און מען שיט אויס די מושלען אויף איין אָרט. יעדעס שיפל מיט זיינע צוויי רודערער און צוויי שווימער האָט א באזונדערן פלאץ, ווו זיי שיטן אויס זייערע מושלען. און אלע אָוונט הייבט מען אָן צו טיילן. ביין מושלען געהערן צו דער קאָמפּאַניע און דער צענטער געהערט צו די שווימער. די רודערער ווערן באצאָלט, ווי געוויינלעכע מאטראָזן.

דער אויפזעער גיט אכטונג, אז מען זאָל ריכטיק איינ־טיילן. מען מאכט צוויי הויפנס. איין הויפן, דער גרעסטער,

געהערט צו דער קאָמפּאַניע און דער אַנדערער, דער קלענער, געהערט צו די אונטערטונקער.

די מושלען ליגן אַוועק צוויי — דריי טעג אויף דער זון, ביז זיי הייבן אָן צו פוילן און זיי עפענען זיך. דאַן וואַרפט מען זיי אַריין אין גרויסע נידעריקע פעסער און מען הייבט זיי אָן צו וואַשן. די פאַרפוילטע מושלען גיבן דאַן אַרויס זייער אַ שלעכטן גערוך. אַן אייראָפּייער קען דערביי נישט איינשטיין.
ער מוז זיך פאַרשטעקן די נאָז און דאָס מויל. די אינדיאַנער אָבער זענען שוין דערצו געוווינט. ווען מען וואַשט זיי גוט אויס, נעמט מען אַרויס יעדן מושל באַזונדער, מען עפנט עס און מען זעט, אויב עס געפינט זיך דערין אַ פערל. נישט אין אַלע מושלען געפינען זיך פערל. אַ סך זענען פשוט ליידיק. אין אייניקע געפינען זיך גאַנץ קליינע פערעלעך, וועלכע האַלטן ערשט אין וואַקסן. נאָר זעלטן געפינט מען גרויסע און שיינע פערל, וואָס האָבן אַ גרויסן ווערט. די פערל, וועלכע קומען פון מזרח־אינדיע, זענען געווייטלעך ווייס. די אַמעריקאַנער פערל זענען גרוי און עטוואָס בלוילעך. די גאַנץ גרויסע זענען פון אַ שוואַרץ־וויאָלעטער פאַרב, וועלכע גייט איבער אין רעגנבויגן־פאַרבן.

דער טונקער האָט דאָס רעכט צו פאַרקויפן די פערל, וועלכע ער געפינט אין זיין טייל מושלען, צו דער קאָמפּאַניע אָדער צו פרעמדע סוחרים, וועלכע קומען ספּעציעל צופאָרן אויף די אינדזלען אין דער צייט פונם פערלפאַנג אָדער פערלפישעריי, ווי מען רופט עס.

די מושלען בלייבן ליגן אויף דער אינדזל, און מען איז אַמאָל געווען צופרידן, ווען אייגער פלעגט זיי צונעמען. איצט אָבער קומען שיפן און קויפן זיי אָפּ. פון די מושלען מאַכט

מען דאָס שיינע פּערלמוטער, פון וועלכע מען מאַכט קנעפּ און אַנדערע זאַכן.

אָנהייב אויגוסט ענדיקט זיך די פּערלפישעריי און אַלע צעפאָרן זיך פון די אינדזלען. עס בלייבן אויף זיי נאָר עטלעכע אינדיאַנער פאַמיליעס, וועלכע וווינען דאָ שטענדיק.

פון אַ לענגערער צייט האָט זיך באַזעצט אויף דער אינדזל עספּעריטו סאַנטאַ אַ שפּאַניער פון מעקסיקאָ. ער פלעגט אויפקויפן די פּערל ביי אונטערטונקער. ער פלעגט אָבער זיי נישט אַוועקפירן קיין סאַן-פראַנציסקאָ אָדער קיין מעקסיקע צו פאַרקויפן זיי דאָרט. ער פלעגט זעלטן רעדן מיט אונדזערע מענטשן און פלעגט זיך זעלטן ווייזן צווישן די אונטערטונקער. מיר האָבן געוווּסט, אַז צו אים פלעגן אָפט קומען פרעמדע מענטשן. זיי פלעגן אַריינקומען צו אים אין שטיבעלע און פלעגן זיך פאַרשליסן מיט אים אויף שעהנלאַנג.

מיר זענען אַלע געווען נייגעריק צו וויסן, ווער ער איז און פאַרוואָס ער וווינט אויף אַזאַ פאַרוואָרפענער אינדזל. עס איז אָבער געווען אוממעגלעך עס געוואָר צו ווערן. אייניקע האָבן געזאָגט, אַז ער איז געווען ביז אַהער אַ פּיראַט, אַ ים-רויבער, וועלכער האָט ענדלעך אַוועקגעוואָרפן זיין מלאכה און האָט זיך באַזעצט אויף דערדאָזיקער קליינער אינדזל. אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז ער האָט באַגאַנגען אַ פאַרברעכן אין מעקסיקע און מען האָט אים דאָרט פאַרמשפּט צום טויט. ער איז אָבער אַנטלאָפן און האָט זיך באַזעצט אויף דער אינדזל, וועלכער גע-הערט צו די פאַראייניקטע שטאַטן. ווידער אַנדערע האָבן גע-זאָגט, אַז ער איז אַ פּאָליטישער פאַרברעכער. קורץ, קיינער האָט נישט געוווּסט גענוי, ווער ער איז. מען האָט נאָר גע-וווּסט, אַז ער הייסט סעניאָר קאַסטיליאַ.

איך פלעג פאַרדינען פיל געלט און פלעג עס אויסגעבן

אין די גרויסע שטעט אין קאַליפאָרניע אָדער אין מעקסיקע. אַזוי ווי איך פלעג זיין באַשעפטיקט נאָר צוויי, דריי חדשים אין יאָר, פלעג איך דאָס גאַנצע יאָר אַרומלויפן אין די גרויסע שטעט און פלעג לעבן אַ גוטן טאָג. צייט סעניאָר קאַסטיליאַ האָט זיך באַזעצט אויף דער אינדזל עספּעריטו סאַנטאַ, בין איך געוואָרן אַ גאַנץ אַנדער מענטש. די סיבה דערפון איז געווען סעניאָר קאַסטיליאַס טאָכטער.

איך האָב פאַרגעסן אייך צו דערציילן, אַז סעניאָר קאַסטיליאַ האָט געהאַט מיט זיך אַ טאָכטער, אַ יונג מיידל פון אַ יאָר זיבעצן, אַ באַרימטע שיינהייט. ווער עס האָט זי נאָר דערזען, דער האָט געמוזט זיך פאַרליבן אין איר. איך בין אַלט געווען אַכצן יאָר, ווען איך האָב זי דערזען צום ערשטן מאָל און האָב זיך באַלד פאַרליבט אין איר מיטן גאַנצן פייער פון מיין שפּאַנישן און אינדיאַנישן כאַראַקטער.

ליידער, בין איך נישט געווען דער איינציקער, וועלכער האָט זיך פאַרליבט אין דער שיינער שפּאַניערין דאָניאַ עספּעראַנצאַ, — אַזוי האָט געהייסן סעניאָר קאַסטיליאָס טאָכטער. אויף דער צווייטער אינדזל סעראַלבאָ האָט זיך געפונען אַן אויפזעער, אַ יונגער ענגלענדער מיטן נאָמען ריטשאַרד. אַזוי ווי ביידע אינדזלען זענען ווייט איינע פון דער אַנדערער נאָר אַ פּאָר ענגלישע מייל, אַ שטח, וועלכן מען קען דורכפאָרן אין אַ פערטל שעה אויף אַ לייכט שיפעלע, און ריטשאַרד איז געווען אַ גוטער מאַטראָז, — פלעגט ער זען די שיינע עספּעראַנצאַ און האָט זיך פאַרליבט אין איר, ווי איך.

ווען איך פלעג זיין פריי פון דער אַרבעט, פלעג איך זוכן אַ געלעגנהייט צו זען די שיינע עספּעראַנצאַ, צו רעדן מיט איר און צו טאָן עטוואָס פאַר איר אָדער פאַר איר פאָטער. דאָס איז מיר ענדלעך געלונגען און איך האָב געקענט קומען

אין איר פּאָטערס שטיבעלע, ווען איך האָב געוואָלט. דער ענגלענדער האָט אָבער אויך געטאָן דאָסזעלבע און איז אויך געוואָרן אַן אָפטער גאַסט ביי איר פּאָטער. צייט איך בין גע־וואָר געוואָרן, אַז דער ענגלענדער איז אויך פאַרליבט אין איר, פלעג איך אים אויסמיידן. די שיינע עספּעראַנצא האָט זייער גוט געוווּסט, אַז מיר ביידע זענען פאַרליבט אין איר און זי פלעגט זיך באַמיען, אַז מיר ביידע זאָלן זיך נישט באַגעגענען אין איר פּאָטערס הויז. עס פלעגט שטענדיק אויסקומען, אַז ווען דער ענגלענדער פלעגט קומען צו איר אויף אַ באַזוך, פלעג איך דאָרט נישט זיין. ווען איך פלעג קומען צו איר אויף אַ באַזוך, פלעג איך דעם ענגלענדער נישט טרעפן. מיר פלעגן זיך אָבער באַגעגענען אויפן וועג, פלעגן זיך באַגריסן מיט דער האַנט, אָבער נישט רעדן קיין וואָרט, און פלעגן זיך צוגיין אין פאַרשידענע זייטן.

ווען האָט די שיינע עספּעראַנצא געליבט? מיך אָדער דעם ענגלענדער? דאָס איז געווען שווער צו זאָגן. זי איז געווען פריינטלעך מיט אונדז ביידן, זי פלעגט זיך אָבער באַ־נעמען מיט אַזאַ טאַקט און מיט אַזאַ שטאָלץ, אַז מיר פלעגן ביידע פילן, אַז מיר זענען נאָך זייער ווייט פון אונדזער ציל.

אַזוי איז פאַרגאַנגען דער זומער. מיין פּאָטער איז געוואָר געוואָרן, אַז איך בין פאַרליבט אין דער שיינער עספּעראַנצאַ און האָט זיך אויפגערעגט: ער האָט פיינט געהאַט איר פּאָטער. — פאַרוואָס? האָט ער מיר נישט געזאָגט און איך האָב אים נישט געפרעגט. קוים האָבן זיך געענדיקט די אַרבעטן אויף דער אינזל, האָט מיך מיין פּאָטער מיטגענומען קיין גוואַרמאַס אין מעקסיקע און מיר האָבן דאָרט פאַרבראַכט דעם ווינטער.

דעם אַנדערן זומער זענען מיר ווידער געפאָרן אויף די אינדזלען צו אונדזער אַרבעט. דער ענגלענדער איז געקומען פרי־ער

פון אונדז. ווען איך בין געקומען אויף די אינזלען, האָב איך אים שוין געטראָפן דאָרט. מיר האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט. איך בין געווען איצט נאָכמער פאַרליבט ווי פריער און פלעג זוכן אַלע מעגלעכע מיטלען מיך צו זען מיט מיין געליבטער עספעראַנצאַ. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס מאָל ליבט זי מיך שטאַרקער, ווי דעם ענגלענדער. זי פלעגט אָפט רעדן מיט מיר פון איר פאָטער און פלעגט מיר זאָגן, אַז מען טרייבט רכילות אויף איר פאָטער. מען זאָגט, אַז ער איז אַ פאַרברעכער, דאָס איז אַ ליגן. ער איז נישט קיין פאַרברעכער. ער געפינט זיך אָבער אין אַ גרויסער געפאַר. דערביי האָט זי מיך געבעטן, איך זאָל מיך צוקוקן צו יעדן פרעמדן מענטשן, וועלכער וועט קומען אויף די אינזלען. קוים וועט מיר אייגער נישט געפעלן, זאָל איך איר גלייך מעלדן.

איך מוז אייך נאָך זאָגן, אַז אין דער צייט פון די פערל-פישערייען פלעגט מיין פאָטער זיין דער עלטסטער אויף ביידע אינדזלען. ער איז געווען אַ מין פאָליצמייסטער און ער האָט געוווסט עס אַזוי צו מאַכן, אַז מען האָט פאַר אים מורא געהאַט. ער האָט אפילו נישט געהאַט קיין פאָליציאַנטן ביי זיך, אָבער ער האָט געהאַט עטלעכע שטאַרקע אינדיאַנער, די קרובים פון מיין מוטער, וועלכע פלעגן אים טאָן אַלץ, וואָס ער פלעגט זיי הייסן. דאָס איז געווען די פאָליציי פון ביידע אינזלען און מיין פאָטער פלעגט אָפט מוזן זיין אַ ריכטער, ווען עס פלעגט פאָר-קומען עפּעס אַ שטרייט צווישן די סוחרים און די אונטערטונקער.

איינמאָל האָט דער ענגלענדער אָפּגעקויפט ביי איינעם פון די אונטערטונקער זיין טייל מושלען. ווען ער האָט אָנגעהייבן זיי צו וואַשן, האָט ער געפונען אין איין מושל אַ שיינעם גרויסן שוואַרצן פערל. זייט די מענטשן האָבן אָנגעהייבן צו זוכן פערל אויף די אינדזלען, האָט מען נאָך אַזאַ גרויסן און אַזאַ שיינעם

פערל נישט געפונען. דער פערל איז ווערט געווען אַ סך געלט און סוחרים האָבן אים געוואָלט אָפּקויפןביים ענגלענדער. ער האָט אָבער אויף קיין פאַל נישט געוואָלט פאַרקויפן דעמדאָזיקן שוואַרצן פערל.

איר קענט אייך לייכט פאָרשטעלן מיין ווייטיק און מיין פאַרדראָס, ווען איך בין מיט עטלעכע טעג שפּעטער געקומען צו מיין געליבטע, און האָב דערזען דעם גרויסן שיינעם פערל איינגעפאַסט אין גאָלד און הענגט אויף אַ זילבערנעם קייטעלע ביי איר אויפן האַלדז. דער ענגלענדער האָט אים געלאָזן איינ-פאַסן אין גאָלד און האָט אים געשענקט דער שיינער עספּעראַנצאַ. איך בין געווען שטאַרק דערשלאָגן און פאַרשעמט. איך האָב געטאָן אַ סך זאַכן פאַר מיין געליבטער און איר פאָטער, עס איז מיר אָבער קיינמאָל נישט איינגעפאַלן צו מאַכן איר אַ פּרעזענט. אָבער וואָס פאַר אַ פּרעזענט וואָלט איך איר איצט געקענט מאַכן, ווען דער ענגלענדער האָט איר געשענקט אַ פערל, וועלכער איז ווערט געווען פינפהונדערט דאָלאַר?

איך בין אַוועקגעגאַנגען פון איר פאַרשעמט און דערשלאָגן. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי האָט בכיון געטראָגן דעם זעל-טענעם פערל אויפן האַלדז, כדי מיר צו ווייזן, אַז דער ענגלענדער איז פיינער פון מיר.

דערביי האָט זיך געטראָפן נאָך אַ אומגליק אויף אונדזער אינדזל. עס האָט זיך געוויזן אַ טינטאָרעראַ, ריכטיקער געזאָגט, אַ פּאָר טינטאָרעראָס, ווייל די טינטאָרעראַ שווימט קיינמאָל נישט אַליין. אַזוי ווי איך בין געווען אַן אויפזעער און מיין פאָטער איז געווען דער עלצטער אויפזעער אויף ביידע אינזלען, האָט ער געמוזט זוכן אַ מיטל, ווי צו פאַרטרייבן די טינטאָרעראָס.

„פוילער יונג!" — האָט ער זיך אָנגערופן צו מיר. — „דו לויפסט אַרום אויף דער אינדזל און טוסט גאָרנישט. דו האָסט

באָר אין זינען די שיינע דאָניאַ און פאַרגעסט, אַז ווען מיר וועלן נישט פאַרטרייבן די טינטאָרעראַ, וועלן מיר הייַנטיקס יאָר נישט פאַרדינען מיט וואָס צו לעבן.

עס איז שוין געווען שפּעט. די זון האָט געהאַלטן ביים אונטערגיין, ווען איך האָב מיך צערייַנגעזעצט אין מיין שיפעלע און בין געפאָרן פון דער אינדזל עספּעריטו סאַנטאַ אויף דער אינדזל ...ערלבאָ, אין דערמיט וועג האָב איך באַגעגנט דעם ענגלענדער. ...ער איז זיך געזעסן גאַנץ מוטיק און פריילעך אין זיין שיפעלע און האָט מיך אפילו נישט באַגריסט. ער איז געווען זיכער, אַז די שיינע עספּעראַנצאַ ליבט אים איצט שטאַרקער פון מיר. איך האָב אַ ציטער געטאָן, ווען איך האָב אים דערזען און האָב געוואָלט אויפשפּרינגען אין מיין שיפעלע. אין דער מינוט אָבער האָב איך אַ קוק געטאָן אין ים און האָב דערזען פיר גרויסע אויגן קוקן אויף מיר. דאָס זענען געווען די טינטאָרעראַס.

דער טאָג איז געווען זייער אַ הייסער. די לופט האָט ממש געברענט. עס איז געווען קלאָר, אַז עס וועט באַלד אויסברעכן אַ שטורעם. די טינטאָרעראַ איז זייער אַ מערקווירדיקער פיש. דאָס וועטער ווירקט אויף אים. אין דער צייט פון אַ שטורעם איז די טינטאָרעראַ שרעקלעך. זי צערייסט און פרעסט אויף אַלץ, וואָס זי געפינט אין ים. פון איר גרויס מויל הייבט זיך אָן צו גיסן אַ קלעפּיק געדיכט שפּייעכץ, וועלכעס באַדעקט איר גאַנצן קערפּער. און דאָס שפּייעכץ לייכט אינדערפינסטער מיט אַ באַזונדער ליכטיקייט, וועלכע לאָזט זיך נישט באַשרייבן. עס איז די ליכטיקייט פון פאָספאָר, פון שוועבעלעך, וועלכע מען דעקט אָפּ ביינאַכט אין אַ פינסטער צימערן.

באַזונדערס שטאַרק לייכט די טינטאָרעראַ אין דער צייט, ווען דער הימל איז באַדעקט מיט שוואַרצע וואָלקנס און עס דונערט און בליצט. דעמאָלט איז די טינטאָרעראַ שרעקלעך.

דערפאַר איז אָבער דעמאָלט נישט שווער זי צו פאַנגען. מען נעמט אַ שטיק פלייש, מען שטעכט עס אָן אויף אַ שאַרפן אייזערנעם האָק, וועלכער איז צוגעבונדן צו אַ לאַנגער קייט. די קייט איז באַפעסטיקט צו אַ קליין שיפל, אויף וועלכן עס זיצט נישט קיין מענטש. דאַן זוכט מען אויס די טינטאָרעראַ און מען וואַרפט אַראָפּ דעם האָק מיטן פלייש אין וואַסער. די טינטאָרעראַ פאַרשלינגט עס און ווערט דערוואָרגן, אָדער זי אַנטלויפט פון יענער געגנט.

איך בין צוגעפאָרן אַהיים און האָב געוואָלט זאָגן מיין פאָטער, אַז איך האָב שוין געזען די טינטאָרעראַ און וועל מיך סטאַרען זי צו פאַנגען. ווי מטושטש בין איך אָבער געוואָרן, ווען איך האָב דערזען גאַנץ פרעמדע מענטשן אויף דער אינדזל און אפילו מעקסיקאַנישע סאָלדאַטן. איך האָב געזען, ווי זיי האָבן צונויפגעשלעפּט אַלע באָטן און שיפלעך. קוים האָב איך צייט געהאַט זיך אומצוקוקן, האָב איך דערזען, אַז מען ברענגט צו מיין שיפל, אין וועלכן איך בין נאָר וואָס געקומען צו פאָרן.

„וואָס איז דאָס?” — האָב איך געפרעגט. — „פאַרוואָס נעמט איר צו מיין שיפל?”

„מיר ווייסן נישט. פרעגט אייער פאָטער,” — האָט מען מיר געענטפערט.

איך האָב געוווּסט, אַז מיין פאָטער איז אויף מיר בייז און וועט מיר נישט ענטפערן. איך האָב דאָך אָבער געוואָלט וויסן, וואָס דאָ טוט זיך און ווי קומען אהער מעקסיקאַנישע סאָלדאַטן. איך האָב פּרובירט דאָס אַלטע, אָבער שטענדיק זיכערע מיטל: שנאַפּס. איך האָב אַריינגערופן דעם אונטעראָפיציר פון די מעקסיקאַנישע סאָלדאַטן אין מיין צימער און האָב אָנגעהייבן אים צו טראַקטירן מיט שנאַפּס.ביים פינפטן גלעזל האָט ער מיר דערציילט אַלץ.

מיין פאָטער האָט אויסגעפאָרשט, ווער סעניאָר קאַסטיליאַ איז און האָט עס געשיקט מעלדן דער מעקסיקאַנישער רעגירונג. די דאָזיקע אינדזלען געהערן אפילו צו די פאַרייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. אָבער צווישן מעקסיקע און די פאַרייניקטע שטאַטן איז די גרענעץ אַזוי אומבאַשטימט, אַז נאָר אויף אַ פּאַפּיר קען מען וויסן, ווו די גרענעץ געפינט זיך. די מעקסיקאַנישע רעגירונג האָט געשיקט אַן אונטעראָפיציר מיט עטלעכע סאָלדאַטן, זיי זאָלן אַרעסטירן סעניאָר קאַסטיליאַ, זאָלן אים שמידן אין קייטן און אים ברענגען קיין מעקסיקע.

מיך וואָלט זייער ווייניק געקימערט די גאַנצע מעשה, ווען דער סעניאָר זאָל נישט געווען זיין דער פאָטער פון מיין געליבטער עספּעראַנצאַ, וועלכע האָט מיר שוין פריער געזאָגט, אַז איר פאָטער געפינט זיך אין אַ געפאַר. — אַלזאָ, מען מוז עס איר מעלדן. מען מוז זי וואָרענען. — איך מוז עס טאָן. איך מוז איר באַווייזן, אַז איך בין געטרייער פון אַן ענגלענדער. ער האָט איר געשענקט אַ פּרעכטיקן פּערל. איך אָבער וועל ראַטעווען דעם כבוד און דאָס לעבן פון איר פאָטער. איך מוז עס איר ווייזן! זאָל זי וויסן, אַז די אמתע ליבע איז טייערער פון גאָלד און פּערל.

איך מוז אַלזאָ אַריבערפאָרן קיין עספּעריטו סאַנטאָ און עס מעלדן מיין געליבטער. ווי קומט מען אָבער אַהין? די סאָלדאַטן האָבן צוגענומען אַלע שיפלעך. איך האָב זייער גוט פאַרשטאַנען, אַז די סאָלדאַטן זענען אָנגעקומען איידער דער ענגלענדער איז אַוועקגעפאָרן צו איר. ווען זיי וואָלטן אָנגעקומען פריער, וואָלט מען אים נישט געלאָזט פאָרן. ער ווייס געוויס נישט, וואָס דאָרט טוט זיך. ער וועט געוויס איר גאָרנישט זאָגן. ער קען איר גאָרנישט זאָגן, ווייל ער ווייס גאָרנישט. איך מוז דעריבער פאָרן און איר ווייזן, אַז איך בין איר געטרייער, ווי-

דער נאַרישער ענגלענדער. ווי אַזוי קומט מען אָבער צו איר? מען האָט דאָך צוגענומען אַלע שיפלעך?

אַ פאַרליבטער געפינט שטענדיק אַ מיטל, ווי צו זען זיין געליבטע. איך האָב באַלד אויך אויסגעפונען אַ מיטל. איך האָב מיך באַשלאָסן צו וואַרטן אויפן ברעג, ביז דער ענגלענדער וועט צוריקקומען און דאַן וועל איך נעמען זיין באָט, הגם מיר זענען ביידע ריוואַלן, אָבער מיר האָבן זיך קיינמאָל נישט געקריגט. מיר זענען געווען גוטע פריינט פון דערוויטנס.

איך האָב געבעטן דעם אונטעראָפיציר, ער זאָל גיין אויסשטעלן זיין וואַך און איך האָב מיך צוגעגרייט צו פאָרן קיין עקספּעריטו סאַנטאָ. איך האָב מיטגענומען מיט מיר אַ שאַרף, לאַנג מעסער, דעם אַמעריקאַנער „באָאו נייף" און די עכטאַקאַ. אָן דער עסטאָקאַ האָב איך מורא געהאַט צו פאָרן ביינאַכט, ווען עס געפינט זיך אַרום אונדזערע אינדזלען אַ טינטאָרעראַ.

דאָס, וואָס מיין פאָטער האָט נישט געוואָלט אַרעסטירן עספּעראַנצאַס פאָטער ביינאַכט, ווייס איך נישט. איך בין אָבער געוואָר געוואָרן, אַז מען וועט אים אַרעסטירן ערשט מאָרגן אינדערפרי. איך מוז אַלזאָ באַנוצן די צייט ביז מאָרגן.

עס איז אָבער געוואָרן שטאַרק פינסטער. דער הימל האָט זיך באַדעקט מיט שווערע, שוואַרצע וואָלקנס. ערגעץ ווייט, ווייט האָבן זיך געוויזן בליצן. איך האָב גוט געוווסט, אַז באַלד וועט אויסברעכן אַ שרעקלעכער שטורעם.

איך האָב נישט געקענט בלייבן שטיין אויפן ברעג, ווו די שיפלעך פלעגן געוויינלעך צוקומען. דאָרט זענען געשטאַנען מעקסיקאַנישע סאָלדאַטן און האָבן באַוואַכט דעם ברעג. איך האָב דעריבער מורא געהאַט, אַז קוים וועלן זיי דערזען דעם ענגלענדער, ווען ער וועט צוריקקומען, וועלן זיי ביי אים צו-

בעמען דאָס שיפל, און איך וועל שוין נישט זיין בכוח צו וואָרענען עספּעראַנצאַס פאָטער. וואָס טוט מען?

איך האָב אַ לאַנגע צייט געטראַכט און האָב ענדלעך געפונען אַ מיטל. אין איין אָרט האָט זיך אַ גרויסער פעלז אַרויסגערוקט אין ים. מען פלעגט אים רופן „דעם רוחס שטיין", ווייל עס איז געווען זייער געפערלעך צו אים צוצוקומען. איך האָב אַרויפגעקלעטערט אויף דעמדאָזיקן שטיין און האָב אָנגעהייבן צו קוקן אויפן ים: אפשר וועל איך דערזען דעם ענגלענדער און זיין שיפעלע.

דער דונער איז געוואָרן אַלעמאָל שטאַרקער, די בליצן האָבן אויפגעריסן דעם הימל. דער ים האָט גערוישט און געקאָכט. עס האָט זיך אויפגעהייבן אַ שטאַרקער ווינט. עס איז פאַרגאַנגען אַ שטיק צייט און איך האָב גאָרנישט געזען. פלוצלונג האָט אַ שטאַרקער בליץ אויפגעריסן דעם גאַנצן הימל. איך האָב דערזען דעם ענגלענדער זיצן אין זיין שיפעלע און אַרבעטן מיט אַלע כוחות. ער האָט געוואָלט צוקומען צום ברעג.

„מיסטער ריטשארד!" האָב איך געשריען. — „מיסטער ריטשארד, קומט אַהער!"

„ווער איז עס? ווער רופט עס מיך?"

„איך בין עס, יאַן ראַקוניא, דעם עלטסטן אויפזעערס זון."

„איר? וואָס דאַרפט איר מיך?"

„איך האָב צו אייך אַ בקשה."

„איר האָט אַ בקשה צו מיר?" — האָט דער ענגלענדער געפרעגט. — „איר? איצט? ביינאַכט? אין אַזאַ שטורעם?"

„גיט מיר אייער שיפל, מיסטער ריטשארד!" — האָב איך געבעטן. — „איך דאַרף עס האָבן זייער נייטיק."

„איר האָט דאָך אייער אייגענעם באָט, צו וואָס דאַרפט איר מיין שיפל?"

„גאָט אין הימל, מיסטער ריטשארד! גיט מיר אייער שיפֿל! רעדט נישט פֿיל. איר וועט באַלד אַלץ געוואָר ווערן.“

ער איז צוגעקומען נענטער צום ברעג, האָט אָפּגעלאָזט דעם רודער און האָט געזאָגט:

„עפּעס איז דאָ נישט גלאַט. איך קען אייך נישט געבן מיין שיפֿל, ביז איך וועל נישט וויסן, צו וואָס איר דאַרפֿט עס“.

איך האָב מיר געביסן די ליפּן פֿאַר פּיין און פֿאַרדראָס.

„ליבט איר פֿריילן עספּעראַנצאַ קאַסטיליאָ?“ — האָב איך געפֿרעגט. — „טאָ גיט מיר אייער שיפֿעלע. איר פֿאָטער איז אין אַ געפֿאַר. עס זענען אָנגעקומען מעקסיקאַנישע סאָלדאַטן אויף דער אינדזל.“

„איז עס אמת? נאַרט איר מיך נישט אָפּ?“ — האָט דער ענגלענדער געפֿרעגט.

„יאָ, ליידער איז עס אמת.“

„דאַן מוז איך זיך אומקערן און וואָרענען מיין טייערע עספּעראַנצאַ!“ — האָט דער ענגלענדער רויק געזאָגט און האָט אָנגעהייבן אויסצודרייען זיין באָט.

איך בין אויפגעשפּרונגען פֿאַר פֿאַרדראָס און פֿאַרצווייפֿלונג. איך בין געווען משוגע. איך האָב געכאַפּט אַ גרויסן שטיין און האָב אים אַ וואָרף געטאָן מיטן גאַנצן כּוח אויף דעם ענגלענדערס באָט. דער גרויסער און שווערער שטיין האָט געטראָפֿן די דינע ווענטלעך פֿונם שיפֿל און האָט זיי צעבראָכן. דאָס באָט איז פֿול געוואָרן מיט וואַסער און האָט אָנגעהייבן אונטערצוגיין.

„באַנדיט!“ — האָט דער ענגלענדער אויסגערופֿן. — „באַנדיט! דאָס האָסטו געוואָלט! דו האָסט מיך געוואָלט טויטן. דו האָסט אָבער אַ טעות געהאַט. איך קען בעסער שווימען פֿון דיר.“

ער איז ווירקלעך געווען אַן אויסגעצייכנטער שווימער.

קוים האָט ער געזען, אַז זיין באָט גייט אונטער, האָט ער עס אָפּגעשטויסן פון זיך און האָט אָנגעהייבן צו שווימען.

„גיט מיר אייער האַנט, מיסטער ריטשארד!" — האָב איך געשריען.—„איך בין נישט קיין מערדער! גלויבט מיר, אַז איך בין נישט קיין באַנדיט!"

איך האָב מיך אַנידערגעלייגט אויפן שטיין און האָב אים אויסגעשטרעקט די האַנט. ער האָט זי אָנגעכאַפּט, און איך האָב אים ארויסגעשלעפּט אויפן ברעג.

אייניקע מינוטן האָבן מיר ביידע געשוויגן. מיר זענען ביידע געווען זייער אויפגערעגט און האָבן נישט געקענט רעדן אַ וואָרט. ענדלעך איז דער ענגלענדער אַ ביסל געקומען צו זיך און האָט מיך געפרעגט:

„וואָס זאָל דאָס הייסן, סעניאָר? איר לויערט אויף מיר, ווילט מיך אַריינוואַרפן אין ים און דערנאָך גיט איר מיר אייער האַנט און שלעפּט מיך אַרויס פון וואַסער? איך פאַרשטיי אייך נישט. פאַרוואָס האָט איר מיך נישט דערהרגעט?"

„איך בין נישט קיין רוצח, מיסטער ריטשארד, איך האָב אייך נישט געוואָלט טויטן", — האָב איך געענטפערט. — „מיר זענען ביידע פאַרליבט אין אַ מיידל. נאָר איינער פון אונדז קען מיט איר חתונה האָבן. אַלזאָ איינער פון אונדז מוז פאַרשווינדן. לאָמיר זיך שלאָגן אויף אַ דועל."

„אַ דועל? — עס גייט! פאַרוואָס האָט איר אָבער צעבראָכן מיין באָט? האָט איר דען נישט געקענט מיך טרעפן אין אַן אַנדער צייט?"

„איר פאַרשטייט מיך נישט, מיסטער ריטשארד. איך מיין נישט, אַז מיר זאָלן זיך שיסן אויף אַ דועל. איך מיין, מיר זאָלן ביידע פּראָבירן אונדזער קראַפט און אונדזער געשיקטקייט."

„איך פאַדשטיי אייך נישט!" — האָט דער ענגלענדער אויס־געשריגן. — „דערקלערט מיר, וואָס מיינט איר דערמיט?"

„הערט מיך אויס אויפמערקזאַם. דאָ געפינען זיך איצט מעקסיקאַנישע סאָלדאַטן. מאָרגן גאַנץ פרי וועלן זיי אַריבערפאָרן אויף דער אינדזל עספּעריטו סאַנטאָ און וועלן אַרעסטירן דעם סעניאָר קאַסטיליאָ."

„איז דאָס טאַקע אמת וואָס איר האָט מיר געזאָגט?"

„איך זאָג אייך נישט קיין ליגן און האָב קיינמאָל קיין ליגן נישט געזאָגט," — האָב איך געענטפערט. — „איך ווייס נישט, צי איך בין אַ גוטער מענטש אָדער אַ שלעכטער, אָבער אַ ליגנער בין איך נישט."

„טאָ לאָמיר לויפן זיי ראַטעווען!"

„די סאָלדאַטן האָבן צוגענומען אַלע שיפלעך פון דער אינדזל. אייער באָט איז געווען דאָס איינציקע, דאָס לעצטע, וואָס מען האָט געקענט געברויכן."

„אומגליקלעכער, וואָס איר זענט?" — האָט דער ענגלענדער אויסגערופן. — „פאַרוואָס האָט איר עס צעבראָכן?"

„ווייל איך האָב נישט געוואָלט, אַז איר זאָלט זיין דער ערשטער און דער איינציקער, וועלכער זאָל טאָן אַזאַ גרויסע געפעליקייט דער פריילין עספּעראַנצאַ."

„אָבער דאַן איז זי דאָך פאַרלאָרן!" — האָט דער ענג־לענדער געשריען אויסער זיך. — „איר ווייסט גאָרנישט, ווער סעניאָר קאַסטיליאָ איז! קוים אַרעסטירט מען אים, וועט מען אים שיסן!"

„עס איז אמת, אַז איך ווייס נישט גענוי, ווער ער איז," — האָב איך געענטפערט. — „איך האָב אָבער געוווסט, אַז ער איז אַנטלאָפן פון מעקסיקע — דערפאַר מוזן מיר ביידע טאָן אַלץ, וואָס מיר קענען, צו ראַטעווען פריילין עספּעראַנצאַס פאָטער!"

„ווי קענען מיר אים ראַטעווען? ווען מיר האָבן נישט קיין באָט, אויף וועלכן אַריבערצופּאָרן אויף דער אינדזל עספּעריטו סאַנטאָ?״ — האָט דער ענגלענדער אויסגעזופן מיט פאַר־צווייפלונג.

„דאָס איז טאַקע דער דועל, וועלכן איך לייג אייך פאָר.״

דער ענגלענדער האָט מיר אָנגעקוקט, ווי משוגע. אייניקע מינוטן האָט ער געשוויגן. פּלוצלונג האָט ער אויסגערופן:

„גוט! לאָמיר הערן, וואָס איר ווילט!״

„הערט מיך אויס״,—האָב איך געזאָגט.—„מיר קענען ביידע גוט שווימען. מיר זענען ביידע אימשטאַנד אַריבערצושווימען פון דער אינדזל סעראַלבאָ אויף דער אינדזל עספּעריטו סאַנטאָ. עס איז זייער געפערלעך, איך ווייס עס, אָבער מיר שטעלן ביידע איין אונדזער לעבן. ווער עס וועט דער ערשטער צושווימען צו דער אינדזל און וועט וואָרענען סעניאָר קאַסטיליאָ מיט זיין טאָכטער, דער זאָל זי האָבן. דער אַנדערער וועט דאַן מוזן אַוועקפאָרן פונדאַנען און זיך אָפּזאָגן פון דער שיינער עספּעראַנצאַ.״

דער ענגלענדער איז געבליבן זיצן, ווי פאַרשטיינערט. פון אַזאַ דועל האָט ער קיינמאָל נישט געטראַכט.

„וואָס רעדט איר? איצט? אין אַזאַ שטורעם, אין אַזאַ רעגן?״

„פאַרוואָס נישט? מיר ריזיקירן ביידע מיט אונדזער לעבן,״ — האָב איך געענטפערט.

„אָבער די טינטאָרעראַ? איר ווייסט דאָך געוויס, אַז זייט אַ פּאָר טעג האָט זיך געוויזן אַ טינטאָרעראַ נישט ווייט פון דער אינדזל עספּעריטו סאַנטאָ?״

„איך האָב נישט פאַרגעסן אָן דער טינטאָרעראַ. איך האָב מיט זיך מיטגענומען אַן אַמעריקאַניש לאַנג מעסער און אַן עסטאַקאַ. נעמט, וואָס איר ווילט. נעמט אייך דאָס מעסער אָדער

די עסטאַקאַ. וועך פון אונדז עס וועט זיין שטאַרקער אָדער געשיקטער, דער וועט בלייבן ביי דער שיינער עספּעראַנצאַ.

מיט די ווערטער האָב איך פון מיר אַראָפּגעוואָרפן מיינע מלבושים. דער ענגלענדער האָט מיך באַטראַכט מיט גרויס שרעק.

„דאָס איז אומעגלעך!" — האָט ער אויסגערופן.

„פאַרוואָס איז אומעגלעך? מיר זענען צוויי מענטשן. די טינטאָרעראַ גייט קיינמאָל נישט אַליין. צוויי טינטאָרעראַס, צוויי מענטשן. וועט די טינטאָרעראַ אויפרעסן איינעם פון אונדז וועט זיך דער אַנדערער ראַטעווען און וועט קענען וואַרעמען סעניאָר קאַסטעליאַ."

דער ענגלענדער האָט געשוויגן. מיין פּלאַן איז געווען אַ משוגענער פּלאַן. איך בין אָבער דעמאָלט אויך געווען משוגע. ווען איך האָב געזען, אַז ער ענטפערט מיר נישט, האָב איך אויסגעשפּרייט די הענט און האָב געוואָלט זיך אַריינוואַרפן אין קאָכעדיקן ים.

„אַדיע, מיסטער ריטשאַרד!"—האָב איך אויסגערופן.—„ווען די טיטאָרעראַ וועט מיך אויפרעסן, זאָגט ווייניקסטנס דער שיינער עספּעראַנצאַ, אַז איך האָב געהאַט גענוג מוט צו שטאַרבן פאַר איר."

„ניין!" — האָט אויסגערופן דער ענגלענדער, — „ניין! איר וועט נישט שווימען אַליין! איך נעם אָן אייער פאָרשלאַג! איך גיי מיט אייך."

„דאַן מוזט איר מיטנעמען עפּעס זיך צו ווערן," — האָב איך געזאָגט. — „איך האָב ביי מיר אַ לאַנג מעסער און אַן עסטאַקאַ. קלייבט אייך אויס איינס פון די ביידע."

„גיט מיר דאָס מעסער, די עסטאַקאַ איז מיר פרעמד!"...

איך האָב גענומען דאָס מעסער, האָב אַראָפּגעשניטן מיינע

הויזן ביז אין די קני, דאַן האָב איך זיינע הויזן אונטערגע־
שניטן ביז אין די קני.

„איצט זענען מיר ביידע גלייך, מיסטער ריטשאַרד“, — האָב איך געזאָגט. — „ווער עס וועט האָבן מער מוט און מער קראַפט, דער וועט איבערשווימען דעם ים־שטח. „זעט איר דאָרט אַ ליכט אין אַ פענסטער?“

„איך זע!“

„דאָרט שטייט די וואַך, וועלכע באַוואַכט די פערלמושלען. צו יענעם פונקט דאַרפן מיר ביידע שווימען. איך וויל, אַז אונדזער דועל זאָל זיין ערלעך. מיר וועלן אָנהייבן שווימען פון איין פונקט און וועלן צושווימען צו אַ געוויסן פונקט.“

„גאַנץ גערעכט“, — האָט דער ענגלענדער געענטפערט.

„איצט, מיסטער ריטשאַרד, גיט מיר אייער האַנט,“ — האָב איך געזאָגט. — „עס איז זייער מעגלעך, אַז מיר זעען זיך צום לעצטן מאָל אין אונדזער לעבן. מעגלעך, אַז אין אַ שעה אַרום וועלן מיר ביידע נישט זיין אויף דער וועלט.“

דער ענגלענדער האָט מיך אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט און האָט אויסגערופן:

„איר זייט אַ מאַן, סעניאָר ראַקוניאַ! אַ שאַד, וואָס איך האָב אייך פריער נישט געקענט, מיר וואָלטן געדאַרפט זיין די בעסטע פריינט.“

„געאַרבעט זאָל ווערן!“ — האָב איך געענטפערט. — „לאָמיר זיך אַראָפּלאָזן שטילערהייט אין וואַסער. אפשר געפינט זיך די טינטאָרערא דאָ ערגעץ נישט ווייט, וועט זי אונדז נישט באַמערקן. דאַן קענען מיר ביידע בלייבן לעבן...“

מיר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אין וואַסער. דער הימל איז געווען שוואַרץ און פינסטער. דער ווינט האָט גערוישט, דער דונער האָט געקראַכט און די בליצן האָבן פון צייט צו צייט

באַלויכטן דעם קאַכיקן ים און די צוויי טונקעלע אינדזלען. איך בין געבאָרן געוואָרן אין אָט דער געגנט און האָב נישט איינמאָל באַוויזן די קונץ אַריבערצושווימען פֿון איין אינדזל אויף דער אַנדערער. עס איז אָבער נישט געווען קיין לייכטע אַרבעט.

איך האָב אָנפֿאַנגס געשווומען זייער לאַנגזאַם. איך האָב געוואָלט שוינען מיינע כּוחות און זיי זאַמלען אויף שפּעטער, ווען איך וועל זיין נענטער צו דער אַנדערער אינדזל. מיין חבר איז דאָ געשווומען צום ערשטן מאָל, האָט ער תּחילת אָנגעהייבן שנעל צו שווימען. און אין אייניקע מינוט איז ער שוין געווען ווייט פֿון מיר. מיך האָט עס נישט געאַרט, ווייל איך בין געווען זיכער, אַז איך קען אים אָניאָגן, ווען איך וועל עס נאָר וועלן.

איך האָב מיך בעסער צוגעקוקט צום ים. אַזוי ווי די טינטאָרערע לייכט אין דער צייט פֿון אַ שטורעם, איז דאַן נישט שווער זי צו דערזען. איך בין אַזוי אַוועקגעשווומען אַ פּופֿצן מינוט און בין גראַדע אַרויפֿגעשווומען אויף אַ הויכער כוואַליע. פּלוצלונג האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך הער אַ געשריי. איך האָב מיך אומגעקוקט און האָב דערזען, אַז אויף דער אַנדערער כוואַליע, ווייטער פֿון מיר, האָט זיך געוויזן אַ העלער, בלויִלעכער פּאַס.

„די טינטאָרערע!" — האָב איך אויסגערופֿן נישט ווילנדיק.

דאָס איז ווירקלעך געווען די טינטאָרערע! זי איז באַלד פֿאַרשוווּנדן געוואָרן אין די שוואַרצע וואַסערן פֿונם ים. איך האָב שוין נישט איינמאָל געטויט אַ הייפֿיש מיט דער עסטאַקאַ און בין געווען געוויינט צו ראַנגלען זיך מיט די ווילדע און געפֿערלעכע ברואים פֿון ים. דאָסמאָל אָבער האָב איך זיך אַ ציטער געטאָן און מיינע האָר האָבן זיך אויפֿגעשטעלט אויף מיין קאָפּ, ווי שפּיזלעך.

אין דער מינוט האָט אַ בליץ באַלויכטן דעם ים און איך האָב דערזען דעם ענגלענדער שווימען בײַ אַ צוואַנציק־דרײַסיק טריט פון מיר. דאַן איז ווידער געוואָרן אַלץ פינסטער. באַלד האָבן זיך ווידער געוויזן צוויי העלע פּאַסן. די טינטאָרעראַס האָבן זיך ווידער געוויזן. זיי האָבן אונדז דערזען און יאָגן אונדז נאָך. איך האָב געכאַפּט די עסטאַקאַ און האָב זי געהאַלטן אין דער רעכטער האַנט.

דאָס שרעקלעכע ליכט פון דער טינטאָרעראַ האָט זיך ווידער געוויזן גאַנץ נאָענט פון מיר. באַלד האָב איך דערזען די גרויסע, שטאָל־גרויע אויגן פונם שרעקלעכן פיש. ווי זיי האָבן דאָס געקוקט אויף מיר! איך האָב מיך אַראָפּגעלאָזט אונטערן וואַסער. איך האָב אָנפאַנגס געמיינט, אַז איך וועל מיך אויסדרייען פון איר. זי האָט מיך אָבער נישט אָפּגעלאָזן. זי איז מיר נאָכגעשווומען.

טיף אונטן איז דאָס וואַסער געווען שטיל און רויק. די טינטאָרעראַ האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און האָט זיך מכין געווען מיך אײַנצושלינגען. קוים אָבער האָט זי געעפנט איר גרויס מויל מיט די דרײַ רייען שאַרפע ציין, האָב איך איר אַרײַנגעשטעקט די עסטאַקאַ אין גומען מיט מײַן גאַנצער קראַפט. איך האָב מיר דערבײַ צעריסן די רעכטע האַנט אָן אירע שאַרפע ציין, אָבער די עסטאַקאַ איז געבליבן זיצן פעסט אין צונג און אין גומען פון דער טינטאָרעראַ. זי האָט אָנגעהייבן זיך צו וואַרפן און צו שליידערן און האָט מיך אַרויפגעוואָרפן אויפן וואַסער.

דאָס איז געווען מײַן גליק, ווײַל איך האָב געפילט, אַז דער אָטעם גייט מיר אויס און איך ווער דערוואָרגן. מײַנע לונגען האָבן נאָך געהאַט אין זיך לופט קוים פאַר עטלעכע סעקונדעס. קוים איך בין אַרויפגעשווומען אויפן וואַסער, האָב איך

געעפנט דאָס מויל און האָב אָנגעהייבן טיף צו אָטעמען. דאַן האָב איך אָנגעהייבן מיך אומצוקוקן אין אַלע זייטן. איך האָב געזוכט דעם ענגלענדער.

עס איז אָבער געווען פינסטער און איך האָב געמוזט וואַרטן, ביז אַ בליץ וועט באַלייכטן דעם הימל. דאָס האָט נישט לאַנג געדויערט. אַ העלער בליץ האָט באַלד באַלויכטן דעם גאַנצן הימל און איך האָב דערזען ווי דער ענגלענדער שווימט מיט אַלע כוחות און וויל כאַפּן עפּעס אַ שוואַרצע זאַך, וועלכע איז געשווומען גישט ווייט פון אים.

איך האָב אָנגעהייבן צוצושווימען צו אים און בין שוין געווען גאָרנישט ווייט פון אים. פּלוצלונג איז ער געבליבן שטיין, האָט זיך אויפגעהייבן און האָט אַרויסגעלאָזט אַ שרעקלעכן, אומענטשלעכן געשריי:

„עספּעראַנצאַ!"

אַ בליץ האָט באַלויכטן זיין געזיכט און איך האָב געזען זיינע אויגן. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן זיין לעצטן בליק, וואָס ער האָט געוואָרפן אויף מיר. אין אָט דעם בליק איז געווען האַס און ליבע און מיטלייד און אַ טיפע קללה... באַלד איז אַלץ שטיל געוואָרן.—דער ענגלענדער איז פאַרשוווּנדן. דער „ער" פון די צוויי טינטאָרעראַס, האָט אים פאַרשלונגען. אויף מיר איז אָנגעפאַלן די „זי". ביי די פיש איז ווי ביי די שלאַנגען: די „זי" איז גרעסער פונם „ער". ווער עס איז געוויינט אַרומצוגיין אַרום פיש, דער קען זייער לייכט דערקענען, וועלכער פיש איז אַן „ער" און וועלכער איז אַ „זי".

איך בין געלאָפן אים העלפן און האָב מיך אָן עפּעס אָנגעשלאָגן. איך האָב עס אָנגעכאַפּט. עס איז געווען דעם ענג-לענדערס צעבראָכן באָט. דער אומגליקלעכער ענגלענדער האָט עס דערזען, האָט ער עס געוואָלט אָנכאַפּן. דערווייל איז די

טינטאָרערא צוגעשווומען צו אים און האָט אים אראָפּגעשלעפּט אין דער טיפעניש.

חברים! זייט איך לעב, האָב איך מיך אַזוי נישט געפרייט איבער אַ פּאָר ברעטער, ווי דאָס מאָל. איך בין באַלד אַרויפגעקראָכן אויפן דעק פונם צעבראָכענעם באָט און האָב מיך אָנידערגעלייגט. איך בין געווען מיד און צעבראָכן. ווען די טינטאָרערא וואָלט איצט אויף מיר אָנגעפאַלן, וואָלט איך מיך נישט געקענט ווערן קעגן איר. איך האָב זי שוין מער נישט געזען. איך האָב פּראָבירט רופן אַ פּאָר מאָל:

„מיסטער ריטשאַרד! — ריטשאַרד!”

קיינער האָט מ ר נישט געענטפערט. אַלץ איז געווען שטיל, נאָר דער ים האָט געקאָכט, געראַוישט און געוואָרפן מיך מיט די פּאָר ברעטער, אויף וועלכע איך בין געלעגן, צום ברעג פון דער אינדזל עספּעריטו סאַנטאָ. איך האָב שוין אַריבערגעשווומען די גרעסערע העלפט פונם קאַנאַל, וועלכער טיילט אָפּ ביידע אינדזלען. די כוואַליעס פון ים האָבן מיך איצט אַליין געטריבן צו דער אינדזל.

אין אייניקע מינוטן אַרום בין איך אַראָפּגעשפּרונגען פון די ברעטער און בין צוגעשווומען צום ברעג. ווען איך בין אַרויסגעקראָכן צום ברעג, האָט מיין פיס אָנגערירט עפּעס אַ ווייכע זאַך. איך האָב עס אויפגעהייבן. עס איז געווען אַ האַנט פון אַ מענטשן, אַ צעריסענע, פאַרבלוטיקטע האַנט, וועלכע האָט געהאַלטן פעסט אַ לאַנג מעסער. איך האָב באַלד דערקענט דאָס מעסער: עס איז געווען דאָסזעלבע, וואָס איך האָב פריער געגעבן דעם ענגלענדער. די טינטאָרערא האָט אָפּגעביסן און אַוועקגעוואָרפן די האַנט. דער קלוגער פיש האָט מורא געהאַט פאַרן מעסער.

עס האָט מיר פאַרקלעמט ביים האַרצן און איך האָב

אָנגעהייבן צו באַדוירן דעם אומגליקלעכן ענגלענדער. איך האָב שוין חרטה געהאַט, וואָס איך האָב אים אַרויסגערופן אויף אַזאַ געפערלעכן דועל. עס איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. איך האָב אויפגעריסן די האַנט און האָב אַרויסגענומען פון איר מיין מעסער. דאַן האָב איך געשוואָרן, איך זאָל מיך נוקם זיין אין דער טינטאָרעראַ.

ווען איך האָב מיך אַ ביסל אָפּגערוט, בין איך געלאָפן צו אַ באַקאַנטן שווימער. איך האָב ביי אים גענומען אַ מאַנטל. איך האָב דאָך נישט געקענט קומען צו מיין עספּעראַנצאַ האַלב נאַקעט. איך האָב אויף מיר אַרויפגעוואָרפן דעם מאַנטל און בין צוגעלאָפן צום שטיבל, וווּ סעניאָר קאַסטיליאָ האָט געוווינט און האָב אָנגעהייבן צו קלאַפּן אין פענסטער, וווּ דאָניאַ עספּעראַנצאַ פלעגט שלאָפן.

„ווער איז דאָרט?‟ האָט זי געפרעגט.

„דאָניאַ עספּעראַנצאַ, אַנטשולדיקט מיר, וואָס איך בין געקומען אייך שטערן‟, — האָב איך געענטפערט. — איך מוז מיט אייך רעדן. איך האָב אייך מיטצוטיילן זייער אַ וויכטיקע זאַך.‟

„ווער זייט איר דען‟? — האָט עספּעראַנצאַ געפרעגט.

„יאַן יאַקוניאַ, דער אויפזעער‟.

עספּעראַנצאַ האָט געכאַפּט אויף זיך אַ מאַנטיליע, האָט אויפגעעפנט דאָס פענסטער און האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ.

„וואָס ווילט איר?‟ — האָט זי געפרעגט. — „וואָס דאַרפט איר אַזוי שפּעט ביינאַכט? עס איז דאָך שוין באַלד טאָג! ווער האָט עס אייך דערלויבט צו קומען צו מיר אין אַזאַ צייט?‟

„האָט איר געהערט דעם שטורעם? אין אָט דעם שטורעם בין איך און מיסטער ריטשאַרד געפאָרן אַהער אייך צו וואָרענען‟.

„ריטשארד? סעניאָר ריטשאַרד?‟ — האָט עספּעראַנצאַ אויס-

גערופן. — „ער האָט ריזיקירט מיט זיין לעבן צו פאָרן אַהער אין אַזאַ שטורעם אויף אַ לייכט שיפעלע?"

„מיר זענען נישט געפאָרן אויף קיין שיפעלע", — האָב איך געענטפערט, — „מיר זענען געשווומען."

„גרויסער גאָט אין הימל!" — האָט עספעראַנצאַ אויסגע-רופן. — „ווו איז ער דען? פאַרוואָס זע איך אים נישט? וואָס איז דען געשען?"

זי האָט זיך אַלזאָ שטאַרק אינטערעסירט מיט אים. זי האָט אים ליב. מיין הייס אינדיאַנער בלוט האָט אָנגעהייבן צו קאָכן אין מיינע אָדערן.

„סעניאָראַ עספעראַנצאַ!" — האָב איך געזאָגט. — „אייער פאָטער שטייט אין אַ געפאַר. איך האָב עס געמוזט זאָגן מיסטער ריטשאַרד און אים אויפפאָדערן, אַז מיר זאָלן ביידע שווימען אייך צו וואָרענען, טאָמער וועט איינער פון אונדז בלייבן לעבן. דער צופאַל האָט אָבער געוואָלט, אַז איך זאָל בלייבן לעבן."

„אָבער ריטשאַרד? ווו איז ריטשאַרד געבליבן?" — האָט עספעראַנצאַ אויסגערופן אויסער זיך.

„די טינטאָרעראַ האָט אים אויפגעפרעסן."

איך האָב געהערט אַ שרעקלעך געשריי און אַ שווערער קערפער איז אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד. דאָניאַ עספעראַנצאַ איז געפאַלן אין חלשות. איך האָב ווידער חרטה געהאַט, וואָס איך האָב איר אויסגעזאָגט דעם גאַנצן אמת און האָב געוואָלט אַריינשפרינגען אין פענסטער איר העלפן. אין אָט דער מינוט אָבער איז איר פאָטער געקומען צילויפן. ער האָט געהערט, אַז זי רעדט מיט איינעם און איז געקומען צולויפן זען, ווער עס איז.

„גזלנים! באַנדיטן!" — האָט ער אָנגעהייבן צו שרייען, — „וואָס טוט איר דאָ אַזוי שפעט ביינאַכט? איך קען אייך, איך

קען אייער פאָטער! איר זייט שפּיאָנען! גייט אייך אַוועק פונ־
דאַנען!"

„סעניאָר קאַסטיליאָ," — האָב איך רויק געזאָגט, — „שרייט
נישט אַזוי, סעניאָר קאַסטיליאָ. אויף דער אינדזל סעראַלבאַ גע־
פינען זיך מעקסיקאַנישע סאָלדאַטן."

עס איז געווען צו טונקל, איך זאָל קענען זען זיין געזיכט.
ער האָט זיך אָבער אינגאַנצן פאַרענדערט און האָט געפרעגט
מיט אַ שוואַכער שטימע:

„וואָס רעדט איר? איז עס מעגלעך? מעקסיקאַנישע
סאָלדאַטן? וואָס ווילן זיי?"

„זיי האָבן אַ באַפעל אייך צו אַרעסטירן און צו ברענגען
קיין מעקסיקע. איך בין געקומען אַהער אייך צו וואָרענען.
אייער טאָכטער האָט זיך אַזוי דערשראָקן, אז זי איז געפאַלן
אין חלשות."

„קומט אַריין, סעניאָר ראַקוניאַ! אדרבה! זאָגט מיר! דער־
ציילט מיר אַלץ!"

ער האָט מיר באַלד געעפנט די טיר. איך בין אַריינגע־
קומען און האָב אים אַלץ דערציילט. עספּעראַנצאַ איז דערווייל
געקומען צו זיך, זי האָט זיך אויפגעהייבן פון דער ערד און
איז צוגעקומען צו אונדז. זי איז געווען שרעקלעך בלייך און
אין אירע אויגן האָט געברענט עפּעס אַ מאָדנע פייער. דער אַלטער
איז געווען זייער אומרויק און האָט אָנגעהייבן צונויפצונעמען
אַלע זיינע טייערע זאַכן.

„איז עס אמת, אַז מיסטער ריטשארד איז דערטרונקען
געוואָרן?" — האָט עספּעראַנצאַ פלוצלונג געפרעגט.

„ער איז נישט דערטרונקען געוואָרן, סעניאָראַ! ער איז
געווען אַ גוטער שווימער און וואָלט געוויס אַריבערגעשווימען
דעם קאַנאַל. אָבער די טינטאָרעראַ האָט אים צעריסן."

איר זייט אַ ליגנער!" — האָט זי אויסגעשריען.

„סעניאָראַ, איך זאָג אייך נישט קיין ליגן. זעט, ווי מיין האַנט איז צעריסן פון די שאַרפע ציין פון דער טינטאַרערע, ווען איך האָב איר אַריינגעשטעקט די עסטאַקאַ אין מויל."

„און איר האָט אים נישט געהאָלפן? איר האָט נישט געוואָלט אים ראַטעווען? איר ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז ער איז געווען אַ פרעמדער און קען זיך נישט ווערן מיט דער עסטאַקאַ."

„סעניאָראַ, איך האָב עס זייער גוט געוווּסט און האָב אים דעריבער געגעבן מיין מעסער. אָט איז עס!"

„איר האָט עס אים געגעבן און דערנאָך ביי אים צוגענומען!" — האָט זי אויסגעשריען.

„ניין, סעניאָראַ, איך האָב עס אַרויסגענומען פון זיין טויטער האַנט, וועלכע איך האָב געפונען אויפן ברעג.

„גענוג צו רעדן נאַרישקייטן!" — האָט איר פאָטער זיך אָנגערופן. — „מיסטער ריטשארד איז געווען אַן אנשטענדיקער מענטש און האָט געהאַט פיל גליק ביים קויפן פערל. ער איז דאָך אָבער טויט. וואָס זאָלן מיר רעדן פון אַ טויטן? גיי, פאַק צונויף דיינע זאַכן און לאָמיר אַנטלויפן."

מיר האָבן אָנגעהייבן זיך צו באַראַטן, וואָס צו טאָן און ווי אַזוי צו אַנטלויפן. עספעראַנצאַ האָט געקענט בלייבן. זי האָט פאַר קיינעם קיין מורא נישט געהאַט. עס איז געווען נישט ווייט צו טאָג און די סאָלדאַטן האָבן יעדע מינוט געקענט אָנקומען. עס איז געבליבן ביי אונדז, אַז זי זאָל בלייבן אינדערהיים און איך מיט איר פאָטער זאָלן זיך אויפזעצן אויפן ערשטן באָט, וועלכן מיר וועלן געפינען שטיין ביים ברעג און זאָלן אַריבערפאָרן קיין קאַליפאָרניע. די מעקסיקאַנישע סאָלדאַטן וועלן נישט וואַגן נאָכצויאָגן אַ מענטשן אין אַ לאַנד, וואָס געהערט צו די פאַראייניקטע שטאַטן.

אַזוי ווי עספּעראַנצאַ איז איצט געבליבן אַליין און האָט געדאַרפט האָבן איינעם, וועלכער זאָל איר באַשיצן, האָב איך דערקלערט, אַז איך האָב זי ליב און אַז איך וויל חתונה האָבן מיט איר און נאָכדעם דערקלערן אַלעמען אויף דער אינדזל, אַז זי איז מיין ווייב. דאַן האָט זי פאַר קיינעם נישט וואָס מורא צו האָבן. דאָניא עספּעראַנצאַ האָט אַלץ אויסגעהערט גאַנץ רויק און האָט נישט געענטפערט קיין איין וואָרט. איר פאָטער האָט זיך זייער געאיילט און האָט מיט אַלץ איינגעשטימט.

מען האָט אָנגעהייבן צונויפצופּאַקן אַלע זאַכן, וואָס זענען גרייטיק געווען פאַר אַזאַ לאַנגער נסיעה, ווען אַ מענטש ווייסט אַליין נישט, ווו ער וועט טאָגן און ווו ער וועט נעכטיקן. ווען אַלץ איז געווען פאַרטיק, האָט דער אַלטער פאַרלאַנגט פון זיין טאָכטער, זי זאָל אים געבן דעם שוואַרצן פּערל.

„ניין, טאַטע!" — האָט זי אויסגערופן. — „ווי לאַנג איך לעב און אָטעם, וועל איך טראָגן אָט דעם פּערל אויף מיין האַלדז!"

איך ווייס נישט, וואָס פאַר אַ סצענע עס וואָלט פאָרגעקומען צווישן פאָטער און טאָכטער, ווען איך זאָל אים נישט געווען אַוועקשלעפּן מיט געוואַלד. איך האָב געוווּסט, אַז מיר טאָרן קיין צייט נישט פאַרלירן. מיין פאָטער מיט די מעקסיקאַנישע סאָלדאַטן וועלן באַלד אָנקומען.

קוים אָבער זענען מיר אוועקגעגאַנגען הונדערט שריט פון סעניאָר קאַסטיליאָס שטוב און מיר האָבן געוואָלט אַראָפּגיין צום ברעג, ווו די באָטן פלעגן שטיין, זענען אַרויסגעשפּרונגען עטלעכע טונקעלע געשטאַלטן און האָבן אונדז אַרומגערינגלט. אַ שווערע האַנט האָט זיך אַרויפגעלייגט אויף מיינע פּלייצעס און אַ גראָבע שטימע האָט אויסגערופן:

„אַזוי, סעניאָר ראַקוניאַ? איר גייט גאָר קעגן אייער פאָטער?

איר שווימט אַריבער דעם קאַנאַל צו באַפרייען אַ פאַרברעכער?
דאָס איז נישט שיין פון אייך!"

איך האָב דערקענט די שטימע פון דעם אונטעראָפיציר, ביי וועמען איך האָב נעכטן ביינאַכט אויסגעפאָרשט, צו וואָס זענען זיי געקומען.

שפּעטער בין איך געוואָר געוואָרן, אַז מיין פאָטער האָט מיך געזוכט אויף דעם אינדזל סעראַלבאָ און האָט מיך אין ערגעץ נישט געפונען. ער האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז איך בין געלאָפן וואָרענען דעם אַלטן קאַסטיליאָ. ער האָט דעריבער נישט געוואַרט ביז אינדערפרי, ווי ער האָט פריער גערעכנט און איז טאַקע נאָך ביינאַכט אַריבערגעפאָרן מיט די סאָלדאַטן אויף דער אינדזל עספּעריטו סאַנטאָ און איז געלאָפן אַרעסטירן דעם סעניאָר קאַסטיליאָ.

מיין רעדן, מיין שרייען, מיין בעטן און מיין דערקלערן האָט גאָרנישט געהאָלפן. די סאָלדאַטן האָבן געבונדן דעם אַלטן קאַסטיליאָ די הענט אויפן רוקן און האָבן אים צוריק-געפירט אַהיים. איך האָב געמוזט נאָכגיין. דער ערשטער, וועלכער איז אַרויסגעגאַנגען פון זיין וווינונג, איז געווען מיין פאָטער. איך בין צוגעגאַנגען צו אים און האָב געזאָגט גאַנץ העפלעך:

„פאטער, ווילסטו מיר נישט זאָגן, וואָס דו ווילסט טאָן מיט סעניאָר קאַסטיליאָ... ווייסטו, אַז ער איז מיין שווער?"

„אָט דער אַלטער הונט איז דיין שווער?"—האָט זיך מיין פאָטער ווילד צעשריען.

„יאָ, פאָטער, איך האָב געגעבן מיין וואָרט דעם סעניאָר קאַסטיליאָ, איך זאָל חתונה האָבן מיט זיין טאָכטער און דאַניאַ עספּעראַנצאַ האָט מיר געגעבן איר האַנט. איך האָף, אַז דו וועסט נישט זיין אַזוי שלעכט, איבערצוגעבן דעם פאָטער פון

מיין געליבטער כלה אין די הענט פון די מעקסיקאַנישע סאָל-דאַטן."

„ווען דו ווילסט חתונה האָבן מיט דער מיידל קען איך עס דיר נישט פאַרווערן!"—האָט מיין פאָטער בייז געענטפערט.— „אָבער פון דער מינוט אָן ביזטו מער נישט קיין אויפזעער אויף דער אינדזל און דו מעגסט דיר פאָרן מיט איר, וווהין דו ווילסט."

„פאָטער! איר זייט אָן אויבעראויפזעער פון דער קאָמפּאַניע. דיזעלבע קאָמפּאַניע, וועלכע האָט אייך געמאַכט פאַר אויבער-אויפזעער, האָט מיך געמאַכט פאַר אָן איינפּאַכן אויפזעער."

„דו הונט!" — האָט געשריען מיין פאָטער... איך בין דער פאַרטרעטער פון דער קאָמפּאַניע און איך זאָג דיר אָפּ פון דיין שטעלע. גיי! מיסטער ריטשאַרד וועט באַלד איבערנעמען דיין שטעלע."

„מיסטער ריטשאַרד ליגט שוין אין בויך פון דער טינטאָ-רערא!" — האָב איך געלאַכט.

„אויסוואורף! דו האָסט אים דערהרגעט!" — האָט מיין פאָטער געשריען.—„איך וועל הייסן דיך אַרעסטירן!"

„דו וועסט דאָס נישט טאָן! איך וועל דיר באַווייזן, אַז איך בין נישט קיין מערדער, גיי צו דעם שטיין אויף דער אינדזל סעראַלבאָ, וועסטו דאָרט געפינען מיינע מלבושים און זיינע מלבושים. און אויף דער זייט פון דער אינדזל עספּעריטו סאַנטאָ וועסטו געפינען זיין האַנט."

מיין פאָטער איז געווען זייער בייז אויף מיר, ער האָט אָבער נישט געוואָלט מיך אַרעסטירן און די מעקסיקאַנישע סאָל-דאַטן האָבן גאָר קיין רעכט נישט געהאַט מיך צו אַרעסטירן.

דאָניאַ עספּעראַנצאַ האָט אַלץ אויסגעהערט גאַנץ גלייכ-גילטיק, וויינקסטנס אַזוי האָט עס מיר אויסגעוויזן. דערווייל

האָבן זיך פאַרזאַמלט אַרום אונדז אַלע איינוווינער פון דער אינדזל און מיין פאָטער האָט מורא געהאַט, זיי זאָלן נישט לאָזן נעמען דעם אַלטן קאַסטיליאַ. ער האָט דעריבער געהייסן יעדן גיין צו זיין אַרבעט און מאַכן גרייט דאָס גרויסע באָט פון דער אינדזל. אויף אָט דעם באָט האָט ער געהייסן אַרויפזעצן דעם אַלטן קאַסטיליאַ, אים צופירן צו דער אינדזל סטראָמבאָ און אים דאָרט איבערגעבן אויף אַ מעקסיקאַנישער שיף, וואָס איז געקומען נאָך אים.

עס האָט אָבער געדויערט אייניקע צייט, איידער אַלע זענען זיך צעגאַנגען צו זייער אַרבעט. איך בין דערווייל גע-גאַנגען אָנגרייטן אַ באָט פאַר מיר און מיין כלה, איך האָב געוואָלט נאָכפאָרן מיט איר אויף דער אינדזל סטראָמבאָ און זען, אפשר וועלן מיר דאָרט קענען עפּעס טאָן פאַר איר פאָטער.

די זון איז שוין געשטאַנען הויך אין הימל, ווען מיין פאָטער, די מעקסיקאַנישע סאָלדאַטן און דער אַלטער קאַסטיליאַ האָבן זיך אויפגעזעצט אין גרויסן באָט. איך מיט עספּעראַנצאַ האָבן זיך אויפגעזעצט אין אַ קליינעם באָט. איך בין דעמאָלט געווען דער גליקלעכסטער מענטש אויף דער וועלט. איך בין געזעסן לעבן מיין געליבטער. איך בין געווען זיכער, אַז זי איז מיינע. קיינער וועט וועט זי ביי מיר נישט אַוועקנעמען. עס האָט מיך ווייניק געקימערט, וואָס עס וועט געשען מיט איר פאָטער. פּלוצלונג האָט זי אַ זאָג געטאָן:

„סעניאָר יאַן, פירט מיך צו דעם אָרט, ווו די טינטאָרעראַ האָט אויפגעפרעסן ריטשאַרדן.”

„איך קען עס נישט וויסן גענוי,” האָב איך איר געענט-פערט. — עס איז דאָך געווען ביינאַכט און דערצו נאָך אין אַ שרעקלעכן שטורעם.”

„אָבער דאָך, סעניאָר!” — האָט זי געבעטן מיט אַ שוואַכער,

שטילע שטימע. „איר וועט דאָך געוויס דערקענען די געגנט, וווּ דאָס איז געשען."

איך האָב אָנגעהייבן צוצורודערן צו דעם אָרט, וווּ איך האָב גערעכנט, אַז די טינטאָרערא האָט איינגעשלונגען דעם ענגלענדער. פּלוצלונג בין איך אויפגעשפּרונגען: איך האָב דערזען אין וואסער צוויי גרויסע, פייערדיקע אויגן. דאָס איז געווען די טינטאָרערא. איך מוז אייך זאָגן, מיינע הערן, אַז ווען די טינטאָרערא צערייסט אַ מענטשן, שווימט זי אַרום צוויי, דריי טעג אויף דעמזעלבן אָרט. זי האָפט, אַז זי וועט דאָרט געפינען נאָך איינעם.

„וואָס איז אייך, סעניאָר?" — האָט דאָניאַ עספּעראַנצאַ געפרעגט.

„זעט איר נישט, ליבע עספּעראַנצאַ? אָט איז די טינטאָרערא!"

„דערציילט מיר, סעניאָר ראַקוניאַ, אַלץ, וואָס האָט פּאַסירט נעכטן ביינאַכט."

„צוּ וואָס דאַרפט איר עס וויסן, ליבע עספּעראַנצאַ? עס איז אַ טרויעריקע געשיכטע."

„איך וויל עס! איך בעט אייך, דערציילט מיר אַלץ! איך וויל עס וויסן."

ווי אומאַנגענעם עס איז מיר געווען, האָב איך דאָך געמוזט איר אַלץ דערציילן. זי האָט מיך אויסגעהערט גאַנץ אויפמערקזאַם און ווען איך האָב איר דערציילט, ווי ריטשאַרד האָט אין דער לעצטער מינוט אויסגערופן: „עספּעראַנצאַ!" האָט זי געפרעגט גאַנץ קאַלטבלוטיק:

„אַזוי? זיין לעצטער געשריי איז געווען מיין נאָמען?"

„יאָ, ליבע עספּעראַנצאַ! איצט ווייסט איר אַלץ."

זי האָט זיך אויפגעהייבן פון באָט און האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך איר מאַנטיליע. אירע לאַנגע שוואַרצע האָר זענען אַראָפּ-

געפּאַלן אויף אירע פּלייצעס. זי איז דעמאָלט געווען שיין. זי האָט באַטראַכט אַ פּאָר סעקונדן דעם ים, דאַן האָט זי געפרעגט:

„ווו איז דען די טינטאָרעראַ? איך זע זי נישט."

„צו וואָס דאַרפט איר זי? איך האָב געשוואָרן, אַז איך וועל זי טויטן און איך וועל זי טויטן!"

„סעניאָר ראַקוניא, איר ליבט מיך?"

„וואָס פרעגט איר, ליבע עספּעראַנצאַ? איך ליב אייך מער, איידער מיין לעבן."

„ווען איר ליבט מיך, וועט איר פאַרשטיין, אַז איר קענט מיט מיר נישט חתונה האָבן..."

„פאַרוואָס, טייערע עספּעראַנצאַ?"

„ווייל איך האָב שוין חתונה געהאַט..."

„איר לאַכט, ליבע עספּעראַנצאַ! עס איז אוממעגלעך! איר לאַכט פון מיר!"

„איך מיין עס גאַנץ ערנסט. איך בין די פרוי פון מאַרק ריטשאַרד. איך שווער אייך, סעניאָר, אַז ריטשאַרד איז געווען מיין מאַן!"

איך בין אַראָפּגעפאַלן פון אַלע מיינע הימלען. דאָס האָב איך נישט געוווּסט. איך האָב שוין פריער פאַרשטאַנען, אַז זי האָט אים געליבט און נישט מיך. איך האָב אָבער נישט געוווּסט, אַז זי האָט מיט אים שוין חתונה געהאַט.

„אָבער סעניאָר ריטשאַרד איז דאָך שוין טויט," — האָב איך געשטאַמלט. — „איר זעט דאָך אַליין, אַז גאָט האָט אַזוי געוואָלט. אייך איז נישט באַשערט צו זיין זיין פרוי. פאַרגעסט אים און איך וועל אייך גליקלעך מאַכן."

„ניין, סעניאָר, ניין!" — האָט זי רויִק געזאָגט און האָט געקוקט אויפן וואַסער, — „איך וועל שטאַרבן מיט אים. ווו מיין מאַן איז, דאָרט דאַרף איך זיין."

איך האָב געוואָלט עפּעס ענטפערן, זי האָט מיר אָבער נישט געלאָזן קומען צום וואָרט.

„זעט נאָר, סעניאָר," — האָט זי פּלוצלונג געזאָגט, — „מען ווינקט צו אייך פונם גרויסן באָט. אייער פאָטער וויל מיט אייך רעדן."

איך בין געווען אַזאַ נאַר, אַז איך האָב געלאָזן מיך איינרעדן און האָב אַ קוק געטאָן אויפן גרויסן באָט. אין דער מינוט האָב איך געהערט אַ פּליוך אין וואַסער. איך האָב מיך אומגעקוקט—מיין באָט איז ליידיק. עספּעראַנצאַ האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין וואַסער.

אַ פּאָר מינוט בין איך געבליבן שטיין, ווי א פאַרשטיינערטער. איך האָב מיך נישט געקענט רירן. באַלד אָבער האָב איך פון מיר אַראָפּגעוואָרפן דעם מאַנטל און די שיך, האָב געכאַפּט מיין מעסער און בין אַריינגעשפּרונגען נאָך איר. אָבער צו שפּעט! די טינטאָרעראַ איז געווען שנעלער פון מיר. ווען איך האָב מיך אַראָפּגעלאָזן אין וואַסער, איז מיר אַנטקעגן געקומען אַ שטראָם בלוט.

וואָס עס איז ווייטער פאָרגעקומען צווישן מיר און דער טינטאָרעראַ, ווייס איך אַליין נישט. איך געדענק נאָר, איך געדענק נאָר, אַז דער קאָפּ פון מיין געליבטער האָט נאָך אַרויסגעשטעקט פון דער טינטאָרעראַס מויל, ווען איך בין געווען אונטערן וואַסער. איך האָב אַריינגעשטאָכן מיין לאַנג, שאַרף מעסער דער טינטאָרעראַ אין האַלדז, דאָרט, ווו דער קאָפּ הייבט זיך אָן, און האָב געוואָלט אַרויסשלעפּן מיין געליבטע פון דער טינטאָרעראַס ציין. אין מיינע הענט אָבער איז נאָר געבליבן דאָס זילבערנע קייטעלע, אויף וועלכער עס איז געהאָנגען דער שוואַרצער פּערל.

מיין פאָטער מיט די מעקסיקאַנישע סאָלדאַטן האָבן אַלץ

געזען און זענען באַלד געקומען מיר צו הילף. ווען זיי האָבן מיך אַרויסגעשלעפּט פון וואַסער, בין איך געווען אָן באַוווסטזיין. איך בין געווען אַ פאַרחלשטער. מען האָט מיך געבראַכט אויף דער אינדזל סערצלבאַ און איך בין אַוועקגעלעגן עטלעכע וואָכן אין אַ פיבער.

מען האָט מיר דערציילט, אַז אין צוויי טעג אַרום האָט מען געפונען די טינטאָרערא טויט אויפן ברעג און אין אַן אַנדער אָרט האָט מען געפונען דעם קאָפּ פון דאָניאַ עספּעראַנצאַ.

ווען איך בין געזונט געוואָרן, האָט מיך מיין פאָטער געבעטן, איך זאָל בלייבן אויפן אינדזל. ווי איך בין געווען. איך האָב עס אָבער נישט געקענט. איך האָב נישט געקענט זען די אינדזל. איך האָב נישט געקענט בלייבן אין יענער געגנט. איך בין אַוועקגעפאָרן קיין סאַן פראַנציסקאָ און בין איינגעטראָטן אַלס מאַטראָז אויף דער „ראַפּינאַ".

„און דער שוואַרצער פּערל?" — האָט איינער געפרעגט.

דער דערציילער האָט אַרויסגענומען פון בוזעם אַ זאַך און עס געוויזן אַלעמען: דאָס איז געווען דער שוואַרצער פּערל. איך בין נישט קיין מבין אויף אַ פּערל, איך מוז אייך אָבער זאָגן, אַז אַזאַ שיינע זאַך האָב איך נאָך אין מיין לעבן נישט געזען. ווען מען האָט אים געהאַלטן לעבן דער זון, האָט ער זיך אָפּגעשפּיגלט מיט אַלע פאַרבן פון אַ רעגנבויגן.

„וואָס איז געוואָרן פון אַלטן קאַסטיליאָ?" האָט עמעץ פון די מאַטראָזן געפרעגט.

„מען האָט אים דערשאָסן אין מעקסיקע... ער האָט געוואָלט טויטן דעם פּרעזידענט פון דער מעקסיקאַנישער רעפּובליק און אַליין זיין פּרעזידענט אויף זיין אָרט. דערפאַר איז ער דערשאָסן געוואָרן.

באנד II

באַנד II

קאַפּיטל איינס.

די דערציילונג פונם אמעריקאַנער האָט געמאַכט אויף אַלעמען א טיפן איינדרוק. מיר האָבן זי אויסגעהערט גאַנץ אויפמערקזאַם און האָבן פארגעסן אין אייגענע לײדן. מען האָט אייניקע צייט גערעדט נאָר פון פערל, פון טינטאָרערס און פון שיינע מיידלעך.

„וואָס איז געוואָרן פון דער טינטאָרערע, וועלכע איר האָט אריינגעשטעקט די עסטאַקע אין מויל?"

„דאָס ווייס איך ניט, מען האָט שוין זי מער ניט געזען אין יענער געגענד. מען זאָגט, אז קוים דערפילט די טינטארערע, אז מען האָט זי געזיגט, שעמט זי זיך צו קומען צוריק אויף דעם אָרט, וואו מען האָט זי באזיגט."

„די טינטאָרערע שעמט זיך?" — האָט זיך צעלאַכט איינער פון די מאַטראָזן. — „א פיש שעמט זיך?"

„לאַכט ניט אזוי" — האָט דער אַמעריקאַנער געענטפערט, — די טינטארערע איז איינע פון די קליגסטע פיש אינם וועלט־ים דערפאר איז ער אזוי געפערלעך. ער יאָגט זיך נאָך זיין רויב, ווי א גוטער און געשיקטער יעגער."

א גאַנצן טאָג האָט מען גערעדט פון דערדאָזיקער געשיכטע, אייניקע מאַטראָזן האָבן זיך געהייסן ווייזן נאָכאַמאָל די שווארצע פערל, אנדערע האָבן זיך געוואָלט איבערצייגן, צו די געשיכטע איז אַן אמתע און האָבן געבעטן דעם אַמעריקאַנער, ער זאָל זיי ווייזן זיין

האַנד, וואו עס האָבן זיך געפונען סימנים פון דער טינטאַרערעס ציין.

נאָך דעם אַמעריקאַנער האָט דערציילט זיין געשיכטע א דייטש און א פראַנצויז. זייערע מעשיות זענען אָבער ניט געווען אינטע־רעסאַנט און איך וויל זיי אייך ניט איבערגעבן. איך וויל אייך דער־ציילן נאָר די לעבנסגעשיכטן פון מיינע חברים, וועלכע זענען אינ־טערעסאַנט און שטעלן פאַר דאָס לעבן און כאַראַקטער פון א גע־וויסן פאָלק אָדער לאַנד.

די געשיכטע „דער שוואַרצער פערל" גיט אייך א פולשטענדיק בילד פון די פערלפישערייען אין אַמעריקע און פונם לעבן פון די אַמעריקאַנער און מעקסיקאַנער אין יענער געגנט. איצט וויל איך אייך דערציילן א געשיכטע פון א גאַנץ אַנדערער געגנט און פון גאַנץ אַנ־דערע מענטשן. אָט די געשיכטע האָט דערציילט אַן איטאַליענער און זי הייסט: „דער פּיראַט"

אין יוני 1847 איז פון האַמבורג אַרויסגעפאָרן אַן ענגלישע שיף מיטן נאָמען „וואַטערלאָא". אויף דער דראָזיקער שיף איז גע־פאָרן א מיסיאָנער מיטן נאָמען ראַנעקאַמפּ. ער איז געפאָרן מיט זיין פרוי און מיט זיין טאָכטער קיין כינע. מאַריע, דעם מיסיאָנערס טאָכטער, איז דעמאָלט אַלט געווען זיבעצן יאָר און איז געווען זייער א שיינע. דאָס איז געווען א שיין, גוט, איינפאַך דייטש מיידל מיט לאַנגע, בלאָנדע האָר און הימלבלויע אויגן.

אויף דער „וואַטערלאָא" האָט געדינט אַלס צווייטער אָפּי־ציר א יונגער און געבילדעטער ענגלענדער, מיטן נאָמען העגרי נאָר־פאָרד. די „וואַטערלאָא" איז געפאָרן פון האַמבורג קיין קאַלקוטע אין אינדיען. אזא נסיעה געדויערט געוויינלעך צען צוועלף וואָכן. העגרי נאָרפאָרד האָט אָבער דערזען דאָס שיינע דייטשע מיידל, האָט ער זיך אין איר פאַרליבט ביז צום טויט. אויף דער גאַנצער לאַנגער נסיעה פלעגט ער ניט אָפּטרעטן פון איר, פלעגט מיט איר רעדן און האָט זי דורכגענומען מיט זיינע פאַרליבטע אויגן.

ווען די „וואַטערלאָא" איז געווען א פּאָר טויזנט מייל ווייט

פון קאַלקוטע איז הענרי נאָרפאַרד געקומען צום מיסיאָנער ראָנעקאמפּ, און האָט אים ערקלערט, אַז ער איז פאַרליבט אין זיין טאָכטער. דער אַלטער מיסיאָנער האָט אים געענטפערט, אַז ער וויל, אַז זיין טאָכטער זאָל חתונה האָבן מיט אַ גלח און נישט מיט אַ מאַטראָז. הענרי נאָרפאַרד האָט געבעטן, געוויינט, געשריען און נאָכאַמאָל געבעטן דעם מיסיאָנער, ער זאָל אים געבן די האַנד פון זיין טאָכטער. דער אַלטער מיסיאָנער איז אָבער געבליבן פעסט ביי זיין באַשלוס און האָט פון קיין זאַך נישט געוואָלט הערן.

מאַריע איז אויפגעוואַקסן און דערצויגן געוואָרן ביי אַ פרומען פאָטער און האָט נישט געקענט אָדער נישט געטאָרט זיך אַריינמישן אין אַזאַ ענין. עס איז זער מעגלעך, אַז זי האָט אויך ליב געהאַט דעם שיינעם ענגלענדער. זי האָט עס אָבער נישט געקענט זאָגן.

ווען די שיף איז אָנגעקומען קיין קאַלקוטע, האָט הענרי נאָרפאָרד געפרעגט דעם מיסיאָנער ווי לאַנג וועט ער פאַרבלייבן אין קאַלקוטע און וואו ער וועט אַראָפּשטייגן.

„איך וועל דאָ פאַרבלייבן ביי אַ פּאָר חדשים, — האָט דער מיסיאָנער געענטפערט, — „ווייל איך וויל מיר דערלערנען די אַלט־אינדישע שפּראַך. וואוינען וועל איך אין דעם מיסיאָנערן־הויז.“

„און וואוהין וועט איר פאָרן פון דאַנען?“

„מען האָט מיך באַשטימט קיין שאַנכאַי. דאָרט וועל איך איבערנעמען די דייטשע מיסיע“.

דאָס שיף איז צוגעקומען צום פּאָרט פון קאַלקוטע. דער מיסיאָנער מיט זיין פאַמיליע איז זיך אוועקגעפאָרן, און הענרי נאָרפאַרד איז געבליבן אויף דער שיף.

ראָנעקאַמפּ איז געבליבן אַ קורצע צייט אין קאַלקוטע, דאַן איז ער אוועקגעפאָרן קיין כינע און האָט זיך באַזעצט אין שאַנכאַי. ער און זיין פרוי האָבן פאַרגעסן אין דעם ענגלענדער. זעט איר, צו די שיינע מאַריע האָט אים אויך פאַרגעסן, — דאָס איז שווער געווען

צו זאָגן. זי האָט קיינמאָל פון אים נישט גערעדט און מען האָט נישט געקענט וויסן, צי זי האָט אים שוין פאַרגעסן.

אַזוי זענען פאַרגאַנגען דריי יאָר. אין אַ שיינעם פרימאָרגן איז אַ יונגער ענגלישער מיסיאָנער געקומען צום אַלטן ראַנעקאַמפּ און האָט זיך אים פאָרגעשטעלט אַלס זיין געהילף. דער אַלטערמאַן האָט אים תחילת נישט דערקענט, קוים אָבער האָט מאַריע דערזען דעם יונגן, האָט זי באַלד אויסגערופן:

„הענרי! הענרי נאָרפאָרד!

איצט האָט זיך דער יונגער גלח מער נישט געקענט פאַרשטעלן. ער האָט דערציילט די וואָרהייט. ער איז פאַרליבט און אין מאַריען אַזוי שטאַרק, אַזוי הייס און אַזוי הייליק, אַז ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין שטעלע אויף דער „וואָטערלאָאָ" און איז געוואָרן אַ מיסיאָנער. ער וויל חתונה האָבן מיט זיין געליבטער.

דער אַלטער ראַנעקאַמפּ איז געווען איבערראַשט פון אַזאַ ליבע. ער האָט אָבער דאָך מורא געהאַט, אפשר מיינט עס דער ענגלענדער ניט גאַנץ ערנסט. ער האָט דעריבער באַשלאָסן, אַז הענרי נאָרפאָרד זאָל בלייבן ביי אים אַלס געהילף צוויי יאָר און ווען דער אַלטער וועט זיך איבערצייגן, אַז נאָרפאָרד איז באמת פרום, וועט ער אים דערלויבן חתונה צו האָבן מיט זיין טאָכטער.

הענרי נאָרפאָרד איז דערמיט געווען צופרידן און איז געבליבן אין דער דייטשער מיסיע פון שאַנכאַי. ער האָט גערעדט אַביסל כינעזיש, ווייל ער איז שוין אַמאָל געווען אין כינע, ווען ענגלאַנד האָט געפירט קריג מיט דער הימלישער אימפעריע. דאַמאָלס האָט הענרי נאָרפאָרד פאַרבראַכט אַ גאַנץ יאָר אויף דער אינזל טשוסאַן און האָט זיך באַקענט מיט די כינעזער, מיט זייער לשון און מנהגים.

עס זענען ווידער פאַרגאַנגען אַנדערהאַלבן יאָר. הענרי נאָר־פאָרד איז געווען זער נעצלעך דעם אַלטן ראַנעקאַמפּ און האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ פרומען און פעיקן מיסיאָנער. דער אַלטער מאַן

האַט שוין אפילו געזאָגט צו זיין פרוי, אז זי זאָל אָנהייבן צו מאַכן הכנות צו דער חתונה. פּלוצלינג איז פאָרגעקומען א פאַל, וועלכער האָט אַלץ געענדערט און האָט צעשטערט אַלע פּלענער און אַלע האָפנונגען פונם אלטן ראַנעקאַמפּ און דעם יונגן נאָרפאָרד.

די דייטשע מיסיע אין שאַנכאַי געפינט זיך ניט ווייט פונם פּאָרט. זי איז געבויט פון שטיינער און שטעלט מיט זיך פאָר א קליינע פעסטונג. אין די גאַסן און געסלעך ארום דער מיסיע וווינען כינעזער. אזוי ווי ענגלאַנד האָט באַזיגט כינע, האָט זי זיך גענומען דאָס רעכט צו האַלטן אין שאַנכאַי א פּאָלק סאָלדאַטן.

אין א שיינעם פרימאָרגן איז געוואָרן א בהלה אין איינע פון די גאַסן נעבן דער דייטשער מיסיע. אמעריקאַנישע מאַטראָזן האָבן זיך צוקריגט מיט כינעזישע סוחרים. עס איז געוואָרן א גע־שלעג און אן אמעריקאַנער האָט דערשטאָכן א כינעזישן סוחר. די כינעזער זענען געוואָרן ווילד און זענען אָנגעפאַלן אויף די אייראָ־פּעער. עס זענען זיך צונויפגעלאָפן כינעזער פון אַלע גאַסן, יעדער האָט געכאַפּט, וואָס ער האָט געקענט: א שטיק האָלץ, א שטיק אייזן, א מעסער, א שווערד, א ביקס, און האָבן ארומגערינגלט די אמערי־קאַנער, וועלכע זענען געווען נאָר פיר שטאַרקע מענטשן: צוויי אמעריקאַנער מאַטראָזן, זייער שיפסקאַפּיטאַן און א מאַלאַיער, א מאַטראָז פון דעם אינזל מאַלאַקאַן.

די כינעזער האָבן געטויט די צוויי אמעריקאַנער מאַטראָזן און האָבן פאַרוואונדערט דעם שיפסקאַפּיטאַן מיט זיין געטרייען מאַלאַיער. אין דער העכסטער נויט זענען זיי צוגעלאָפן צו דער וואַנט פון דער דייטשער מיסיע און האָבן אָנגעהויבן צו קלאַפּן אין טויער און בעטן, אז מען זאָל זיי ראַטעווען פון די ווילדע כינעזער.

דאָס איז אָבער געווען ניט אזוי לייכט. די כינעזער זענען זיי נאָכגעלאָפן און האָבן זיי געשלאָגן, געממיתט אויפן אָרט.

„רשעים!" — האָט געשריען דער אמעריקאַנער קאַפּטיאַן — „די פרומע מיסיאָנערן האָבן זיך פאַרשפּאַרט אין זייערע שטאַרקע

מויערן און ווילן אונז ניט עפענען דעם טויער! דערוויל וועלן זיי אונז טייטן, ווי די הינט!"

„זייט רויק, סאהיב!" — האָט דער מאַלאַיער געזאָגט און האָט זיך געשטעלט פאַר זיין שיפקאַפּיטאַן. — „איך וועל ניט דערלאָזן דערצו. ווי לאַנג דער מאַלאַיער לעבט, וועט ער ניט דערלאָזן, אַז מען זאָל אייך שלעכטס טאָן!"

דאָס האָט אים אָבער ווייניג געהאָלפן. דער מאַלאַיער האָט דערשטאָכן נאָך א כינעזער. אַן אנדער כינעזער אָבער האָט אים דערפאַר געגעבן אזא שטאַרקן זעץ מיט א שטיק האָלץ איבער דער רעכטער פּלייצע, אַז ער איז אומגעפאַלן אויף דער ערד און האָט זיך ניט געקענט רירן. דער אמעריקאַנער קאַפּיטאַן איז געבליבן איינער אליין. א הויכער און שטאַרקער כינעזער האָט אויפגעהויבן א לאַנג, שאַרף מעסער און האָט אים געוואָלט שטעכן אין האַרצן. אין דער מינוט אָבער האָט זיך געעפנט דער טויער פון דער מיסיע און אַן אַלטער מאַן אַן א הוט און א יונגע פרוי האָבן זיך באַוויזן אין טויער. דאָס איז געווען דער אַלטער ראַנעקאַמפּ מיט זיין טאָכטער מאַריא.

די כינעזער פון יענעם קוואַרטאַל האָבן זער גוט געקענט דעם אַלטן מאַן מיט זיין טאָכטער. מאַריא מיט איר מוטער פלעגן זער אָפט באַזוכן די אָרעמע כינעזער, פלעגן זיי העלפן און פלעגן זיי היילן בחנם. דאָס איז געווען די סיבה, וואָס די כינעזער זענען גע־בליבן שטיין, אַז זיי האָבן דערזען דעם אַלטן מיט זיין טאָכטער.

„מין פריינט! פאַרוואָס ווילט איר טייטן די דאָזיקע צוויי מענטשן?" — האָט דער אַלטער ראַנעקאַמפּ געפרעגט אויף כינע־זיש, — אויב די מענטשן האָבן אייך באַעוולט, קענט איר דאָך זיך ווענדן צו א ריכטער אָדער צו א קאָנסול."

„ער האָט דערהרגעט דעם סוחר קיאַנג־טשאַנג!" — האָט איי־נער פון זיי געשריגן — „מיר וועלן עם נישט שווייגן!"

דער אַלטער ראַנעקאַמפּ האָט ווידער אָנגעהויבן צו בעטן די כינעזער, אַז זיי זאָלן אַוועקגיין. דערוויל איז דער אמעריקאַנער

קאַפּיטאַן אדורכגעקראָכן צווישן דעם אַלטן ראַנעקאַמפּ און זיין טאָכטער און האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין הויז פון דער מיסיע, אָבער דער פאַרוואונדעטער און פאַרבלוטיקטער מאַלאַיער איז געבליבן ליגן נעבן דער וואַנט. ער האָט זיך נישט געקענט רירן

ווען די כינעזער האָבן דערזען, אַז דער אַמעריקאַנער איז פאַרשוואונדן געוואָרן, האָבן זיי אָנגעהויבן שרייען, געוואַלדעווען און צעשטורעמען די מיסיע. זיי וואָלטן געוויס געוועזן פאַרברענט און צעשטערט דאָס הויז און וואָלטן געטייט דעם אַמעריקאַנער. פלוצלינג אָבער האָט מען דערהערט פויקן און פון דער וויטן האָבן זיך באַוויזן די רויטע מונדירן פון די ענגלישע סאָלדאַטן. די כינעזישע באַנדע איז זיך צעלאָפן. יאָ, די כינעזער קענען זער גוט די ענגלישע ביקסן און ציטערן פאַר זיי מער, ווי פאַר זייערע מאַנדארינען.

מיט די ענגלישע סאָלדאַטן איז געקומען אַ כינעזישער מאַנדארין אויסצופאָרשן וואָס דאָ איז פאָרגעקומען און ווער עס איז שולדיק. ער האָט געוואָלט מאַכן אַן אָפיציעלע אויספאָרשונג. עס איז אים אָבער נישט געלונגען, און ער איז אוועק מיט גאָרנישט.

די יונגע מאַריע זיך אָנגעבויגן צום פאַרוואונדעטן מאַלאַיער, האָט אים געגעבן אַביסל קאָניאַק און האָט געבעטן אירע כינעזישע באַקאַנטע, מען זאָל אים אַריינטראָגן אין שטוב. דאַן האָט זי געשיקט רופן אַ דאָקטאָר.

ווען דער דאָקטאָר האָט זיך געזעגנט מיטן מאַלאַיער, האָט ער פּלוצלינג דערהערט אַ ווילד געשריי הינטער זיך:

„זאָגט נאָר, מיסטער פלאַסטערקאַסטן, וועט דערדאָזיקער יונג אוועקפגרן, צי נישט?"

דער דאָקטאָר, דער אַלטער ראַנעקאַמפּ און זיין טאָכטער האָבן אויפגעהויבן די אויגן און האָבן דערזען דעם אַמעריקאַנער קאַפּיטאַן. ער איז געשטאַנען פאַר זיי שטאָלץ, ווילד, און גראָב.

„ער איז שווער פאַרוואונדעט," — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט. — „איך האָף, אַז איך וועל אים אָפּראַטעווען."

„קען איך אים נעמען צו מיר אויפן שיף?"

„אוממעגלעך! מען טאָר אים נישט רירן פון אָרט.
„ווי לאַנג קען עס דויערן?‟ — האָט דער קאַפּיטאַן געפרעגט.
„אין פיר וואָכן ארום קען ער נישט געזונט ווערן‟ — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט.
דער קאַפּיטאַן האָט געשריען:
„איך קען אזוי לאַנג נישט וואַרטן מיט מיין שיף! ווייסט איר וואָס, דאָקטאָר, נאט אייך צוואַנציק גאָלדשטיק און מאכט מיר דעם יונג געזונט אין דריי טעג.
מיט דידאָזיקע ווערטער האָט ער ארויסגענומען א זיידענעם בייטל מיט געלט און האָט אים א שאָט געטאָן אויפן בעט פון פאַר־וואונדעטן מאַלאיער גאָלדענע מטבעות.
„איך קען אייך גאָרנישט העלפן!‟ — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט — „דער יונג איז געפערלעך, מען טאָר אים נישט רירן פון אָרט.
דער אמעריקאנער, ריכטיקער, דער איטאַליענער, ווייל ער איז גאָרנישט געווען קיין אמעריקאַנער, נאָר א שיפקאַפּיטאַן אויף א שיף וואָס איז געפאָרן אונטער דעם אמעריקאַנישן פלאַג, — אלזוי, דער איטאַליענער האָט זיך דאַן געווענדט צום אלטן ראַנעקאַמפּ.
„הער נאָר, גאָטס גנב וואָס דו ביזט! היט אָפּ דעם יונג! איך וועל אייך גוט באַצאָלן דערפאַר: דעם כינעזער מיטן לאַנגן צאָפּ, וועלכער האָט מיך פאַרוואונדעט, וועל איך שוין אָנלערנען! איך וועל דאָ קומען נאָכאַמאָל.
דער שיפקאַפּיטאַן איז ארויסגעגאַנגען פון צימער. ער האָט נישט באַדאַנקט דעם אלטן ראַנעקאַמפּ דערפאַר, וואָס ער האָט אים געראַטעוועט דאָס לעבן. ער האָט קיינעם נישט געגריסט פאַרן אַוועקגיין, נאָר אויף דער מאַריע האָט ער געוואָרפן א לאַנגן פייערדיקן בליק.
צומאָרגנס אָבער איז ער ווידער געקומען זען, וואָס דער מאַלאיער מאַכט. ער האָט אַלץ געשמועסט מיט דער שיינער מאַריע,

וועלכע פלעגט נישט אָפּטרעטן פון דעם אומגליקלעכן מאַלאיער. אויפן דריטן טאָג איז ער ווידער געקומען און איז אוועקגעזעסן א לענגערע צייט ביים קראנקן. דערביי האָט ער געוואָרפן פייערדיקע בליקן אויף דער שיינער מיידל. אויפן פערטן טאָג איז ער ווידער געקומען און האָט ווידער פארבונדן א שמועס מיט מאריען.

ווען ער איז געקומען אויפן פינפטן טאָג, האָט ער געטראָפן נאָר דעם אלטן ראָנעקאמפּ.

„וואו איז מאריע?" — האָט ער געפרעגט.

„מאריע איז אוועקגעפאָרן," — האָט דער אלטער ראָנעקאמפּ געענטפערט ניט גאַנץ פריינדלעך.

דער שיפקאפּיטאַן האָט פארשטאנען, אז מען וויל אים דאָ נישט האָבן און איז זיך אוועקגעגאנגען. די פאמיליע ראָנעקאמפּ איז באלד געוואָר געוואָרן, אז די „ים־שוואלב", די שיף, אויף וועלכער דער ווילדער מענטש איז געווען שיפקאפּיטאַן, איז פארשוואונדן געוואָרן. דער אלטער ראָנעקאמפּ האָט אָנגעהויבן צו פרעגן, וואָס איז עס פאר א שיף די „ים־שוואלב" און פארוואָס זי קומט קיין שאנכאי. מען האָט אים געזאָגט, אז די שיף האנדלט מיט אָפּיום און מיט אנדערע פארבאָטענע סחורות. אייניקע האָבן זאָגאר אויפגעוויזן, אז די „ים־שוואלב" איז נאָר א פיראטן־שיף און איר שיפקאפּיטאַן איז א פיראט, א ים־באנדיט.

אין דער צייט, וואָס עס האָט זיך געטראָפן דאָס געשלעג, איז הענרי נאָרפארד נישט געווען אין שאנכאי. ער איז מיט א פּאָר טעג פריער אוועקגעפאָרן ערגעץ ווייט אין לאנד — עפענען א נייע קירכע. ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט ער געפונען אלץ אין אָרדענונג. דער מאַלאיער איז באלד געזונט געוואָרן, ווי דער דאָקטאָר האָט פאָרויסגעזאָגט. ער איז געווען אזוי דאנקבאר פרייליין ראָנעקאמפּ דערפאר, וואָס זי האָט אים געראטעוועט, אז ער האָט אָנגעהויבן איר נאָכצוגיין אויף שריט און טריט, ווי א געטרייער הונט. ער פלעגט פארשטיין איר וואונק און פלעגט איר פאָלגן אלץ, וואָס זי האָט אים נאָר געהייסן.

עס זענען פאַרגאַנגען דריי חדשים, ציים דער מאַלאַיער האָט זיך געפונען ביי ראַנעקאַמפּ אין שטוב, אין אָט דער צייט האָט אויס־געבראָכן די כאָלערע אין שאַנכאַי. דער אַלטער ראַנעקאַמפּ איז קראַנק געוואָרן און איז אין 48 שעה אַרום געשטאָרבן. זיין פרוי, זיין טאָכטער, העגרי נאָרפאַרד און דער מאַלאַיער האָבן אים באַ־וויינט און בערדיגט. דער מאַלאַיער האָט דריי טאָג נאָכאַנאַנד נישט געגעסן און נישט געטרונקען.

אויפן פינפטן טאָג, נאָך דעם אַלטן ראַנעקאַמפּס טויט, איז מאַריע געזעסן אין איר צימער טרויעריק און פאַרטראַכט. די טיר האָט זיך געעפנט און עמעץ איז אַריינגעקומען. מאַריע האָט געמיינט, אַז דאָס איז נאָרפאָרד אַריינגעקומען און האָט אים אויסגעשטרעקט די האַנט, ווי מטושטש איז זי אָבער געווען, ווען זי האָט אויפגע־הויבן די אויגן און האָט דערזען פאַר זיך דעם ווילדן שיפקאַפּיטאַן פון דער „ים־שוואַלב".

„ווי קומט איר אַהער?" — האָט זי געשריגן, — ווי אַזוי קענט איר עס אַריינקומען אין מיין צימער און נישט אָנקלאַפּן?"

„בארויקט אייך, מאַריע," — האָט ער געענטפערט, — „איך האָב אייך צו זאָגן אַ סך שיינע און גוטע זאַכן. איך האָב געהערט, אַז אייער פאָטער איז געשטאָרבן, ער פלעגט אייך האַלטן פאַרשפאַרט ווי אַ געפאַנגענע, אַזאַ שיין קינד, ווי איר זענט, דאַרף לעבן און גע־ניסן פון לעבן, אָבער נישט זיין פאַרשפאַרט אין פינסטערע מויערן. אייער פאָטער איז דאָך געווען אַ בעטלער, וואָס וועט איר דאָ טאָן צווישן די לאַנגע צעפּ? קומט מיט מיר אין דער קאַיוטע פון דער „ים־שוואַלב" און איר וועט דאָרט לעבן פריילעך, איך האָב גאָלד, בריליאַנטן און אַ סך גוטע זאַכן. אַלץ וועט געהערן צו אייך און מיר וועלן לעבן אַ טאָג!"

„וואָס רעדט איר?" — האָט זי געשטאַמלט, — „איך..

„רעדט נים פיל, מאַריע!" — האָט איר דער ווילדער שיפ־קאַפּיטאַן געזאָגט, — הערט וואָס איך זאָג אייך... איך האָב, אַז אַלע פרויען, וועלכע איך האָב געהאַט ביז אַהער, לעבן שוין נישט

מער, טראכט נישט פיל און לאָמיר גיין. איך שווער אייך ביי מיין נאָמען דשיאָוואַני דיאַוואָלאָ, אַז איר מוזט ווערן מיין פרוי, איר מעגט עס וועלן אָדער נישט וועלן!

„ארויס פון מיין צימער! — האָט מאריע אויפגעשווידערט, — ארויס אָדער איך מאַך אַ געוואַלד!"

„נישט אַזוי בייז, מאריע! — האָט דיאַוואָלאָ געלאכט. —„דו מוזט ווערן מיין פרוי אָדער מיין געליבטע! עס וועט דיר גאָרנישט העלפן. איך גיב דיר צייט ביז מאָרגן, איבערלעג דיך און זאָג מיר ליבער יאָ, איידער ניין"...

ער האָט אַ וואָרף געטאָן אויפן טיש אַ גרויסע זיידענע טוך, פון וועלכער עס זענען ארויסגעפאלן גאָלדענע רינגען, האַלזבענדער, בראַנסאַלעטן און פיל אנדערע טייערע זאכן. דאַן האָט ער זיך אָנגע־בויגן צו איר און האָט איר געוואָלט אַ קוש טאָן.

„גוואַלד, ראַטעוועט, ראַטעוועט!" — האָט מאריע געשריי׳ נישט מיט איר קול.

צוויי טירן האָבן זיך געעפנט און צוויי מענטשן זענען אריינגע־קומען. אין איין טיר איז געשטאַנען הענרי נאָרפאָרד, און אין דער אַנדערער איז געשטאַנען מאַהאַדריי דער מאַלאַיער ביידע זענען געבליבן שטיין, ווי פאַרשטיינערט, ווען זיי האָבן דערזען דעם קאַ־פּיטאַן פון דער „ים-שוואַלב". דער מאַלאַיער האָט אַ ציטער גע־טאָן. ער האָט געוואוסט, וואָס פאַר אַ ווילדער מענטש דאָס איז. הענרי נאָרפאָרד איז געוואָרן רויט, ווי פייער, האָט צונויפגעלייגט די הענט אין שרעקלעכע פויסטן און איז צוגעלאָפן צו דיאַוואָ־לאָן.

„אויסוואָורף, ארויס פונדאַנען!" — האָט ער געשריען.

„אהא! גאָטס גנב!" האָט דער איטאַליענער געלאכט. — „וואָס ווילסטו פון מיר?"

„ארויס פונדאַנען! אָדער"...

„וואָס אָדער?"

העררי נאָרפאָרדס אייזערנע פויסטן האָבן געטראָפן דעם אי־

טאליענער אין ביידע באקן. ער איז אומגעפאלן צו דער וואנד, נעבן וועלכער ער איז געשטאנען. באלד האט ער זיך אבער דערמאנט, האט ער געכאפט א שווערן שטול און געוואלט זיך ארויפווארפן אויף חענרי נארפארד. דער איטאליענער איז געווען שטארקער פון חענרי נארפארד און וואלט אים געווים צעשמעטערט דעם קאפ, ווען מאראדריי, דער מאלאיער, וואלט זיך נישט ארייגעמישט.

„וואס טוט איר, סאהיב?״ — האט ער געפרעגט, — „זעט איר נישט, אז דאס איז א הייליקער דערוויש פון די קריסטן?״ „די ראזיקע מענטשן האבן דאך אונז געראטעוועט דאס לעבן!״

„אוועק, דו הונט!״ — האט דער קאפיטאן געשריען. — „ער האט מיך געשלאגן!״

ער האט ארויסגעכאפט זיין לאנג מעסער. עס זענען אבער אנגעלאפן אלע דינער און ואייגוואוינער פון דער מיסיע. דער ווילדער איטאליענער האט זער גוט געוואוסט, אז טייטן א כינעזער אין די גאסן פון שאנכאי איז א קלייניקייט אבער דערהרגענען א מיסיאנער ביי אים אין הויז איז אן ערנסטער ענין. די פרעמדע קאנסולאטן וועלן דאס נישט שווייגן, ענגלאנד האט קריגסשיפן אין פארט פון שאנכאי. דער ענגלישער קאנסול קען הייסן אים נאכיאגן און כאפן אים מיט זיין שיף. ער האט דעריבער צוריק ארייגעשטעקט דאס מעסער אין גארטל און האט רויק געזאגט צו נארפארדן:

„נו, גאטס גנב! מיר וועלן זיך נאך אמאל זען, דו אבער, מאריא, וועסט דאך זיין מיין געליבטע! איך שווער עס ביי דער הייליקער יונגפרוי פון לארעטא!״

„ארויס, באנדיט! ארויס אויסוואורף!״ האט נארפארד געשריען.

דער ואיטאליענער האט זיך פלוצלינג אנגערופן צום מאלאיער:

„קום מיט מיר, מאהאדריי!״

דער ארימער מאלאיער איז געפאלן אויף די קני פאר מאריען, האט געקושט דעם זוים פון איר קלייד און האט געוויינט. ער האט זער נישט געוואלט אוועקגיין פון די גוטע און ליבע מענטשן. ער

האָט אָבער געצימערט פאַרן איטאַליענער. די גוטע מאַריא האָט אויפגעהויבן די אויגן צו איר נאַרפאַרדן און האָט אים געבעטן, ער זאָל זען, אז דער מאַלאיער זאָל בלייבן ביי זיי: הענרי נאַרפאַרד האָט געצויגן מיט די אַקסלען, זיין בליק האָט דייטלעך געזאָגט:

„אין ענגלאַנד וואָלט איך עס געקענט טאָן, אין כינע אָבער איז עס אוממעגלעך. אין כינע הערשן נאָך די אַלטע געזעצן, אז א מענטש קען זיך פאַרקויפן צום צווייטן. דער איטאַליענער וועט געווים באַווייזן, אז ער האָט ערגעץ געקויפט דעם מאַלאיער פאַר א שקלאַף.

„קום מיט מיר, מאַהאַדרייו!" — האָט דער איטאַליענער ווייטער געזאָגט.

דער אומגליקלעכער מאַלאיער האָט זיך אויפגעהויבן און איז אים נאָכגעגאַנגען. זיי זענען פאַרשוואונדן געוואָרן אין די קרומע געסלעך פון שאַנכאַי.

מאַריע האָט תחילת געציטערט פאַרן לעבן פון איר געליבטן און זי האָט געבעטן דעם ענגלישן קאָנסול, ער זאָל אים באַשיצן. דער ענגלישער קאָנסול האָט באַלד געשיקט רופן דעם קאַפּיטאַן פון דער „ים־שוואַלב", מען האָט אָבער אים אין ערגעץ נישט געפונען. די „ים־שוואַלב" איז די באַמטע פון פאָרט האָבן דערקלערט, אז די „ים־שוואַלב" איז קיינמאָל נישט צוגעקומען צום פאָרט, זי פלעגט זיך שטענדיג פאַר־אַנקערן לעבן די אינזלען טשין־סאַן, עטלעכע מייל ווייט פון שאַנ־כאַי: ווען דער שיפקאַפּיטאַן אָדער די מאַטראָזן פלעגן דאַרפן קו־מען קיין שאַנכיי פלעגן זיי קומען אויף א שיפל.

אזוי זענען פאַרגאַנגען עטלעכע וואָכן. מאַריע און הענרי נאַר־פאַרד האָבן שוין אָנגעהויבן צו פאַרגעסן די טרויעריקע געשיכטע מיטן שיפקאַפּיטאַן פון דער „ים־שוואַלב". מאַריען האָט אפילו טייל מאָל אויסגעוויזן, אז פרעמדע מענטשן קוקן אויף איר זער אָפט און אַפּאָר מאָל האָט זיך איר אויסגעוויזן, אז זי האָט געזען דאָס געלע געזיכט פון מאַלאיער. זי איז אים נאָכגעלאָפן און האָט אים

גערופן, ער האָט אָבער נישט געענטפערט און איז פארשוואונדן געוואָרן אין די קרומע און פינסטערע געסלעך.

אזוי ווי דער אלטער ראנעקאמפ איז געשטאָרבן, איז באלה אָנגעקומען אן אנדער מיסיאָנער אויף זיין אָרט, און הענרי נאָרפארד האָט דערהאַלטן א באפעל, ער זאָל פאָרן אלס מיסיאָנער אויף דער אינזל באָרנעאָ: נאָרפארד האָט געוואָלט פריער פראוועון זיין חתונה מיט מאריען און דאן פאָרן מיט איר און מיט איר מוטער קיין באָרנעאָ. מאריע האָט עס אָבער נישט געוואָלט פאר די זעקס חדשים נאָך איר פאָטערס טויט.

פון שאַנכאי קיין באָרנעאָ גייען זעלטן ענגלישע קריגסשיפן. נאָרפארד האָט דעריבער געמוזט נעמען בילעטן אויף אן ענגלישער פאסאזשיר־שיף, אויף וועלכער עס זענען געפאָרן כינעזישע עמיגראַנטן. ענגלאנד האָט דאמאָלט אָפּגענומען א שטיק פון דער גרויסער אינזל באָרנעאָ און האָט געוואָלט גרינדן דאָרטן קאָלאָניעס פאר אייראָפּעער, אָבער דאָס קלימאט אויף בארנעאָ איז צו הייס און זער אומגעזונט, באזונדערס פאר א קאָלאָניסט, וועלכער מוז ארבעטן אין די זומפּיקע געגנטן. ענגלאנד האָט דעריבער געשטיצט די כינעזישע עמיגראנטן: זי פלעגט זיי שענקען ערד און פלעגט זיי שטיצן מיט הצאות הדרך.

הענרי נאָרפאָרד האָט באשלאָסן צו פאָרן אויף דער דאָזיקער שיף, ווייל ער האָט געהאָפט, אז אזוי־ארום וועט ער זיך באקענען מיט די עמיגראנטן און וועט וואוינען מיט זיי צוזאמען. הענרי נאָרפארד האָט פארקויפט זין מעבל און אלץ, וואָס ער האָט נישט געקענט מיטנעמען מיט זיך.

נאָרפארד, זיין כלה און זיין שוויגער האָבן זיך אויפגעזעצט אויף דער „ליליע", — אזוי האָט געהייסן די שיף, אויף וועלכער עס האָבן זיך געפונען הונדערט און צוואנציג כינעזישע פאמיליעס דאָרטן טער הונדערט און פופציג פרויען און קינדער. דער שמוץ אין צווישנדעק איז געווען שרעקלעך און מען האָט געגעבן די פאַ־

באַזשירן נאָר אַזוי־פּיל צו עסן, אַז זיי זאָלן נישט שטאַרבן פון הונגער.

די ערשטע עטלעכע טעג איז די שיף גאַנץ גוט געגאַנגען. דאָס וועטער איז געווען שיין און נאָרפאַרד מיט זין כלה פלעגן זעה אָפט זיצן אויפן דעק. אויפן צענטן טאָג אָבער איז געוואָרן שרעקלעך היים. עס איז געוואָרן דושנע אין שייער, ווי פאַר א שטורעם. א זייגער צען אינדערפרי האָט זיך געוויזן א שיף פון הינטן, וואָס איז געגאַנגען דעמזעלבן וועג, וואָס די „ליליע". נאָרפאַרד האָט באַטראַכט די שיף דורך זיין שפּאַקטיוו און האָט זיך דערפרייט. ער האָט געזען אויף איר דעם אַמעריקאַנישן פלאַג.

אין יענע געגנטן געפינען זיך זער פיל פּיראַטן, און די סוחרישע שיפן גייען זער פאָרזיכטיק. ווען זיי דערזעען א פּיראַטן־שיף אַנט־לויפן זיי פון איר: דערפאַר האָט זיך נאָרפאַרד אַזוי דערפרייט, ווען ער האָט דערזען דעם אַמעריקאַנישן פלאַג. א שיף, וועלכע ווייזט אַרויס אירע פאַרבן, איז נישט קיין פּיראַטן־שיף:

אין דער מינוט אָבער איז צו אים צוגעקומען דער שיפקאַפּיטאַן פון דער „ליליע" און האָט אים געפרעגט:

„האָט איר געזען די שיף, וואָס גייט אונז נאָך פון הינטן?"

„עס איז אַן אַמעריקאַנישע שיף," — האָט נאָרפאַרד געענט־פערט.

„מיר געפעלט זיי נישט," — האָט דער שיפקאַפּיטאַן גע־זאָגט — מיר דאַכט זיך, אַז דאָס איז די „ים־שוואַלב"

„וואָס הייסט? אַן אַמעריקאַנישע שיף וועט רעספּעק־טירן דעם ענגלישן פלאַג," — האָט נאָרפאַרד באַמערקט. — „ציט אַרויף דעם ענגלישן פלאַג אין דערהויך. לאָז ער וויסן, ווער מיר זענען."

„דער ענגלישער שיפקאַפּיטאַן האָט געוואוסט, אַז נאָרפאַרד האָט אַמאָל געדינט אויף אַן ענגלישער קריגשיף און פאַרשטייט, ווי צו פירן א שיף.

„איך מיין, אַז איר וועט מוזן אויסקלייבן אַן א זייט אייער

שוואַרצן מאַנטל פון אַ גלח, און וועט מוזן זיך נעמען צום שווערד׳׳ — האָט דער שיפקאַפּיטאַן געזאָגט, מיר געפעלט נישט די אַמעריקאַנער שיף.

די אַמעריקאַנישע שיף האָט דערווייל אַראָפּגעלאָזן דעם אַמע־ריקאַנישן פלאַג און מען האָט געזען, אַז עפּעס טוט זיך אויף איר. נאָרפאָרד איז בלייך געוואָרן. ער האָט זיך דערשראָקן. ער האָט פיל געהערט וועגן פּיראַטן, וועלכע לאָזן נישט דורכגיין קיין שיף. ביז איצט האָבן זיי נאָך קיין ענגלישע שיף נישט אָנגעריגרט. זיי האָבן מורא געהאַט פאַר ענגלאַנד.

ביידע שיפן האָבן אויפגעהייבן אַלע זייערע זעגלען און האָבן אָנגעהויבן צו פאָרן שנעל, ווי זיי האָבן נאָר געקענט. עס איז געווען קלאָר, אַז די פרעמדע שיף האָט זיך נאָכגעיאָגט נאָך דער ״ליליע״. ווען זי איז געקומען גענוג נאָענט, אַזוי אַז מען האָט געקענט זען און וויסן, ווער זי איז, האָט איינער פון די מאַטראָזן פון דער ״ליליע״ אויסגערופן מיט גרויס שרעק און שטוינען:

״דער רויטער האַי־פיש!״

דער שיפקאַפּיטאַן פון דער ״ליליע״, די מאַטראָזן און הענרי נאָרפאָרד האָבן זיך איבערגעשראָקן. דער ״רויטער הײַ־פיש״ איז געווען אַ באַרימטער ים־באַנדיט, אַ פּיראַט, פאַר וועלכן אַלע שיפן, האָבן געציטערט, ווי פאַר פייער. די בינעזישע רעגירונג האָט צו־געזאָגט צו געבן עטלעכע טויזנט דאָלאַר דעם מענטשן, וועלכער וועט פאַנגען דעם ״רויטן האַי־פיש״. די ענגלישע און פראַנצויזי־שע רעגירונגען האָבן געשיקט קריגסשיפן אין בינעזישן ים, זיי זאָלן אויפזוכן און פאַנגען דעם ״רויטן האַי־פיש״, — אָבער אומזיסט! דעם ״רויטן האַי פיש״ האָט קיינער נישט געקענט פאַנגען, קיינער האָט אים נישט געזען, און דאָך פלעגן אָפט אָנקומען שיפן קיין שאַנכאַי, וועלכע דער ״רויטער האַי פיש״ האָט באַגזלט און האָט ביי זיי אַלץ צוגענומען.

קיינער האָט נישט געוואוסט, ווער איז דער קאַפּיטאַן פונעם ״רויטן האַי־פיש״. די מאַטראָזן פון די גרעסטע שיפן פלעגן דער־

ציילן, אז אויף זיי איז אָנגעפאלן א גאנץ לייכטע און שנעלע שיף, אויף וועלכער עס איז געהאָנגען אין דער הויך א שווארצע פאָן מיט גאָלדענע אותיות: דער „רויטער האַי־פיש. דער שיפקאפיטאן פונם „רויטן האַי־פיש" טראָגט רויטע קליידער און א רויטע מאסקע אויפן געזיכט. זיי ווייסן נאָר, אז ער איז הויך, שטארק, ווילד, און אומדערבארעמלעך. מער האָט מען נישט געוואוסט פון קאפיטאן פונם „רויטן האַי־פיש.

אויפן דעק פון דער „ליליע" איז געוואָרן א געיאָמער און א געוויין. אפילו די כינעזער האָבן אָנגעהויבן צו ציטערן, ווען זיי זענען געוואָר געוואָרן, ווער עס יאָגט זיי נאָך. אין שאנכאי פלעגט מען אָפט רעדן פונם „רויטן האַי־פיש" און פון זיין אכזריות.

דער „רויטער היי־פיש" איז געקומען אלץ נענטער און נענטער צו דער „ליליע". העגרי נאָרפארד האָט פארשלאָסן די פרויען, מאריע מיט איר מוטער, אין זייער קאיוטע און אליין האָט ער זיך געשטעלט אויפן בריקל. האָט געזוכט מיט די אויגן דעם שיפקאפיטאן פונם „רויטן האַי־פיש". באלד האָט ער אים דערזען שטיין לעבן זעגלבוים. ער איז געווען אָנגעטאָן אין רויטע קליידער און האָט געטראָגן א האלבע מאסקע אויפן געזיכט. עס איז געווען דייטלעך, אז דער שיפקאפיטאן פון „רויטן האַי־פיש" האָט אויך געקוקט אויף העגרי נאָרפארד.

באלד האָבן זיךביידע שיפן צוזאמענגעשלאָגן. פון דער פיראטן־שיף האָט מען ארויסגעוואָרפן שטריק און לאנגע שפיזן, מיט וועלכע מען האָט צוגעפעסטיקט די „ליליע" צום „רויטן האַי־פיש". קוים האָבן זיך ביידע שיפן געהאלטן פעסט צוזאמען, האָבן די פיראטן אָנגעהויבן צו שיסן אויף די מאטראָזן פון דער „ליליע" און זענען ארויפגעשפרונגען אויף איר דעק. אין אייניקע מינוטן ארום האָט מען געהערט געוואלדן און געשרייען.

נאָרפארד איז געשטאנען א פארשטיינערטער. איידער ער האָט צייט געהאַט זיך אומצוקוקן, זענען אויף אים אָנגעפאלן פיר פיראטן מיט לאנגע מעסערס. איינער פון זיי האָט אויפגעהויבן זיין

מעסער און האָט אים געוואָלט ארײנשטעכן אין הארצן, אין דעם מאָמענט אָבער איז צוגעלאָפן דער מאלאיער און האָט אָנגעכאַפּט דעם פּיראט בײַ בײדע הענט.

נאָרפּאָרד האָט באלד דערקענט דעם מאלאיער. ער האָט אים אפילו געוואָלט בעטן, ער זאָל באשיצן די אָרימע מאריע. דער מא־לאיער איז אָבער אַפּגעשפּרונגען פון אים און איז אנטלאָפן.

פאר זײנע אויגן איז געשטאנען דער שיפקאפּיטאן פון „רויטן האי־פיש". ער האָט געהאלטן אין די הענט א לאנגע און שווערע האַק.

הענרי נאָרפּאָרד האָט אים פשוט אין שטיל געפרעגט:

„מיט וואָס פאר א רעכט פאַלט איר אָן אויף רויקע און סאָ־לידנע וועגלײט? מיר פאָרן אונטער דעם ענגלישן פלאג און די ענג־לישע רעגירונג וועט זיך פאר אונז נוקם זײן"

דער פּיראט האָט באלד געזאָגט:

„איר ווילט וויסן, מיט וואָס פאר א רעכט איך בין אָנגעפאלן אויף אײך, גיט נאָר א קוק אויף מײן שווארצן פלאג. ער איז פונקט אזוי שטארק אין די יאָזיקע וואסערן, ווי דער רויטער פלאג מיטן טאפּלקרײץ פון ענגלאנד."

נאָרפּאָרד האָט געשריען אויסער זיך:

„איר זענט א פּיראט! א באנדיט!"

„גאָטס גנב! ווער זאָגט דיר דען, אז איך בין נישט קײן פּיראט? יאָ, איך בין א באנדיט, אָבער איך לאך פון אלע פראנצויזן און ענגלענדער!"

באלד האָט ער זיך אָנגערופן צו זײן באנדע:

„וואו איז דער שיפקאפּיטאן? ברענגט מיר אים אַהער!"

מען האָט געבראכט דעם אומגליקלעכן שיפקאפּיטאן. ער איז געווען פארוואונדעט און דאָס בלוט האָט זיך אים געגאָסן אי־בערן געזיכט און איבער זײנע קלײדער: ער האָט זיך שטאַרק געווערט קעגן די פּיראטן.

„געהערט דיר די „ליליע"? — האָט דיאוואָלאָ געפרעגט דעם שיפקאַפּיטאַן.

„די „ליליע" געהערט צו דער מזרח־אינדיש־כינעזישער קאָמ־פּאַניע, — האָט דער שיפקאַפּיטאַן געענטפערט, — איך בין נאָר אַ באַאַמטער פון דערדאָזיקער קאָמפּאַניע".

„וואו איז דאָס זילבער, וואָס איר האָט אויפן שיף? ברענגט עס אַהער!"

„איך האָב נישט קיין זילבער!", — האָט דער שיפקאַפּיטאַן געענטפערט, — „דאָס גאַנצע געלד, וואָס איך האָב, געפינט זיך אין מיין קאַיוטע."

„שניידט אים אויס די זוילן פון די פיס און גיט אים צו שמעקן פּולווער! — האָט דער פּיראַט באַפוילן.

עטלעכע פּיראַטן האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן אויפן אומגליקלעכן שיפקאַפּיטאַן, האָבן אים צושניטן די זוילן פון די פיס און באַשאָטן די וואונדן מיט רויטן פעפער. דאַן האָט מען אים אָפּגעלאָזן. דער אומגליקלעכער האָט אָנגעהויבן צו טאַנצן פאַר ווייטאָק. די וואונדן אויף די פיס זענען געווען לייכטע אָבער דער שטאַרקער פעפער האָט געברענט ווי פייער און דער אומגליקלעכער האָט געטאַנצט, פּונקט ווי ער וואָלט געשטאַנען אויף הייסע קוילן. די פּיראַטן האָבן געלאַכט.

„ענגלישע הונט!" — האָט דיאוואָלאָ געשריען, — „דו מיינסט, אַז איך ווייס נישט, אַז אַן ענגלישער סוחר אין שאַנכאַי האָט דיר געגעבן הונדערט שטיקער זילבער, דו זאָלסט זיי איבער־טראַנספּאָרטירן אין זיין קאַנטאָר אין קאַלקוטע? מיינע שפּיאָנען אין שאַנכאַי קריגן גוט באַצאָלט און דינען מיר געטריי. „גיב מיר אַרויס דאָס זילבער, אָדער איך וועל דיר איבערשיקן אויף יענער וועלט."

ער האָט נישט געוואַרט אויף קיין ענטפער און האָט געהייסן זיינע מאַטראָזן, זיי זאָלן אין קיך אָנגליִען אייזערנע צוואַנגען. דער אומגליקלעכער שיפקאַפּיטאַן האָט געמוזט אויסזאָגן, אַז די שטי־

קער זילבער ליגן אין א באזונדער קאמערל אין פעסער פון וואסער. דער פיראט האָט געהייסן זיינע מענטשן ארויפברענגען דאָס זילבער, דאָס געלד פון דעם שיפקאפיטאנס קאיוטע און אלץ וואָס האָט נאָך עפּעס א ווערט.

זיין באפעל איז תיכף ומיד אויסגעפירט געוואָרן.

אויפן „רויטן האי־פיש"! האָט דער פיראט באפוילן.

זיינע מענטשן האָבן אָנגעהויבן איבערצוטראָגן אלע זאכן פון דער „ליליע" אויפן רויטן האי־פיש. ווען זיי האָבן אלץ איבערגע־טראָגן, האָט דער פיראט געגעבן א פייף און האָט זיי געהייסן צו־נויפטרייבן אויפן דעק אלע פאסאזשירן פון דער „ליליע". דער־דאָזיקער באפעל איז אויך באלד אויסגעפירט געוואָרן.

העגרי נאָרפארד האָט אלץ צוגעזען מיט אימה און פחד. וואָס האָט ער געקענט מאכן איינער אליין? ער האָט געזען, אז אויפן דעק געפינען זיך נאָר בינעזער, די ענגלישע מאטראָזן, אויסער דעם שיפקאפיטאן, האָבן די פיראטן דערהרגעט. העגרי נאָרפארד האָט געזוכט מיט די אויגן זיין כלה און איר מוטער. ער האָט זיי אָבער נישט געזען צווישן די פאסאזשירן און האָט שוין געהאָפט, אז די באנדיטן האָבן זיי נישט געפונען, אָדער דער מאלאיער מאהאדריי האָט זיי ערגעץ באהאלטן. ער האָט זער גוט געוואוסט, אז מאהאדריי איז זער געטריי זיין כלה.

ליידער, איז אויך די האָפנונג באלד צערינען געוואָרן. דיא־וואָלאָ האָט א וואָרף געטאָן א בייזן בליק אוי די פאסאזשירן און האָט אויסגערופן:

„מאהאדריי! וואו איז מאהאדריי?

דער מאלאיער איז באלד געקומען.

„וואו זענען די צוויי פרויען, וועלכע איך האָב דיר איבערגע־געבן?

דער מאלאיער האָט אָנגעהויבן צו שטאמלען. דיאוואָלאָ האָט געזאָגט:

„ברענג מיר די צוויי פרויען!"

מאהאדריי איז ערגעץ פֿאַרשוואונדן געוואָרן און איז באַלד צוריקגעקומען מיט מאַריע און איר מוטער. מאַריע איז געווען בלייך ווי קאַלך און האָט עפּעס געזוכט מיט די אויגן. קוים האָט זי דערזען איר חתן, איז זי צוגעלאָפֿן צו אים, איז אים געפֿאַלן אויפֿן האַלז און האָט אָנגעהויבן צו וויינען: נאָרפֿאַרד איז געשטאַנען בלייך און געציטערט מיטן גאַנצן גוף.

פּלוצלינג האָט דיאַוואָלאָ אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך די האַלבע מאַסקע: מאַריע האָט אים באַלד דערקענט. דער איטאַליענער האָט גערעדט.

„נו, מאַריע," — האָט ער געזאָגט, — גערעדנקסטו, וואָס איך האָב דיר געשוואָרן? דאַמאָלס האָב איך דיך געבעטן, איצט וועל איך דיר באַפֿעלן. דשיאָוואַני דיאַוואָלאָ שפּאַסט ניט."

העגרי נאָרפֿאַרדס געזיכט איז געוואָרן אַשגרוי. מאַריעס מוטער אָבער איז געפֿאַלן אויף די קני פֿאַרן פּיראַט, האָט אָנגעהויבן צו וויינען און צו ברעכן די הענט.

„האָט רחמנות מיט מיין קינד! גיט מיר אָפּ מיין קינד! דערמאָנט אייך, אַז מיין מאַן און מיין טאָכטער האָבן אייך געראַטעוועט דאָס לעבן!"

דיאַוואָלאָ האָט געבורמט:

„איך האָב פֿיינט אַלטע ווייבער, ווי שפּינען. לאָז איר געמאַך..."

„ריר זי נישט אָן, מערדער!" — האָט העגרי געשריען און האָט זיך אַרויפֿגעוואָרפֿן אויפֿן פּיראַט.

נאָרפֿאַרד האָט זיך מיטאַמאָל דערמאָנט אָן די אַלטע יאָרן, ווען ער איז געווען אַ קרעפּטיקער מאַטראָז. ער איז אַרויפֿגעשפּרונגען דעם פּיראַט אויפֿן האַלז און האָט אים אָנגעהויבן צו דווערגען. ווען נאָרפֿאַרד זאָל געווען האָבן אין די הענט אַ מעסער אָדער־עפּעס אַנדערש, וואָלט ער געהאַלטן גאָרנישט שלעכט. ער האָט אָבער גאָרנישט געהאַט אין די הענט. אויסער דעם, זענען באַלד

אויף אים אָנגעפאלן די פיראטן און האָבן אים אוועקגעריסן פון זייער אָנפירער.

דיאוואָלאָ האָט זיך אויפגעהויבן. זיין געזיכט איז געווען רויט ווי פייער, זיינע אויגן האָבן געברענט. ער האָט געכאַפּט זיין גרויסע שווערע האק.

ער האָט זי אָבער באלד אראָפּגעלאָזן. ער האָט זיך עפּעס איבערלעגט, און זיך אָנגערופן צו זיינע מענטשן:

„נעמט דעם יונגן שווארצן גלח און בינט אים צו צום פּאַרענץ פון דער שיף מיטן געזיכט צום „רויטן האי־פיש".

צען שטארקע יונגען האָבן זיך ארויפגעוואָרפן אויף הענרי נאַרדפארד, האָבן אים געבונדן די הענט אויפן רוקן און האָבן אים צוגעפירט צום פּאַרענץ לעבן פּאַרקאַסל. דאן האָבן זיי אים צוגעבונדן אזוי, אז ער איז געהאָנגען איבערן וואסער מיטן געזיכט צום „רויטן האי־פיש".

דיאוואָלאָ האָט זיך אומגעקוקט אין אלע זייטן און האָט דערזען דעם מאלאיער.

„מאהאדריי, אהער!" — האָט ער אויסגערופן.

דער מאלאיער איז צוגעגאַנגען צו אים. דער איטאַליענער האָט געזאָגט:

„נעם דאָס מיידל און טראָג זי אריין אין מיין קאיוטע און בינד זי צו צו מיין בעטל.

מאהאדריי איז געפאלן אויף די קני פארן איטאליענער.

„איך קען עס נישט טאָן, סאהיב! דאָס מיידל האָט מיר געראטעוועט דאָס לעבן און האָט אויסגעהיילט מיינע וואונדן. האָט מיטלייד מיט איר, סאהיב!"

דיאוואָלאָ האָט זיך אָנגערופן צו צוויי אנדערע מאטראָזן:

„נעמט דאָס מיידל, טראָגט זי אריין אין מיין קאיוטע און בינט זי צו צו מיין בעטל."

הענרי נאַרפארד האָט געזען, ווי מען שלעפּט זיין געליבטע אויפן דעק פונם „רויטן האי־פיש". זיין הארץ איז צעריסן געוואָרן

אויף שטיקער, ער האָט אָבער גאָרנישט געקענט העלפן. ער איז גע־
ווען פעסט צוגעבונדן צום פאָרענץ פון דער „ליליע".

דער איטאַליענער האָט ווידער באַפוילן צו א פּאָר מאַטראָזן:

„בינט דעם מאַלאיער און לייגט אים אריין די בארגע אין
מויל!"

די בארגע האָט געהייסן א קיילעכדיק שטיקל האָלץ וואָס האָט
אויסגעוויזן ווי א בארגע. מען האָט זי ארייננגעשטעקט דעם אומ־
גליקלעכן מאַהאַרדי אין מויל, ער זאָל נישט קענען שרייען.

ווען דער מאַלאיער איז געהאָנגען ביי די הענט און די פיס,
האָט דער פּיראַט געהייסן טייטן אַלע אייראָפּעער און זיי אריינ־
ווארפן אין ים, די כינעזער אָבער האָט ער געהייסן ארייננטרייבן
אין די אונטערשטע קאַיוטן און פארשלאָגן די טירן מיט שטאַרקע
נעגל.

נאָכדעם האָט ער געהייסן, מען זאָל אונטערהענגען דעם מאַ־
לאַיער אויף צוויי שטאַנגען נישט ווייט פון הענרין.

די זון האָט שוין געהאַלטן ביים אונטערגיין, ווען די פּיראַטישע
ארבעט איז פארענדיקט געוואָרן. אויף דער „ליליע" איז נישט גע־
בליבן קיין איין אייראָפּעער, אויסער הענרי נאָרפארד, וועלכער איז
געווען צוגעבונדן צום פאָרענץ און האָט געמוזט צוזען אַלץ, וואָס
עס איז פאָרגעקומען אויפן „רויטן היי־פיש".

צוערשט האָט מען אראָפּגענומען דעם שווארצן פלאַג מיט די
גאָלדענע אותיות און מען האָט ווידער ארויפגעצויגן דעם אמערי־
קאַנישן פלאַג מיט די ווייסע שטערן און רויטע און ווייסע שטרייפן
פון הינטן. דער „רויטער האי־פיש" איז ווידער געוואָרן די אומ־
שולדיקע „ים־שוואַלב". פון דער ליליע האָט מען אראָפּגעריסן דעם
ענגלישן פלאַג און מען האָט אים ארייננגעוואָרפן אין וואַסער אריין.
דאָן האָט מען צוגעבונדן די „ליליע" מיט א שטאַרקן שטריק צו
דער „ים־שוואַלב".

מען האָט אָנגעצינדן ליכט אין די קאַיוטעס פון דער פּיראַטן
שיף און מען האָט זיך געזעצט טרינקען.

דער אומגליקלעכער מאהאדריי און הענרי נארפארד זענען געזוען אזוי נאענט איינער צום אנדערן, אז זיי האבן געקענט רעדן צווישן זיך.

„זיי מוטיק!" — האט הענרי געטרייסט דעם אומגליקלעכן מאלאיער.

„אך, ס'איז שווער!" — האט יענער געקרעכצט.

ביידע האבן געשוויגן מיט פארקלעמטע הערצער.

אויפן „רויטן היי־פיש" איז געווען ששון ושמחה. מען האט געהוליעט, געשיכורט און געטאנצט און דא האט די „ליליע" גענומען מאכן עפעס מאדנע באוועגונגען. דער האלב העננענדיקער מאלאיער האט זיך אנגערופן צו דעם אומגליקלעכן ענגלענדער:

„איר ווייסט נישט, סאהיב, וואס די מאטראזן פונם „רויטן האי־פיש" האבן געטאן. — דער ווילדער קאפיטאן האט זיי געהייסן מאכן עטלעכע לעכער אין דעק פון שיף. דאס וואסער דרינגט איצט אריין. די אומגליקלעכע כינעזער האט ער פארשפארט אין די קאיוטעס הינטן, און זיי וועלן אלע דערטרונקען ווערן.

ערשט איצט האט נארפארד זיך אומגעקוקט און האט דערזען, אז די „ליליע" זעצט זיך אראפ נידעריקער און נידעריקער — זי גייט אונטער! עס האבן זיך דערהערט געשרייען, גוואלדן און קלאפן אונטן אין די קאיוטעס ביי די כינעזער. די קאיוטעס זענען, קענטיק, פול געווארן מיט וואסער.

נארפארד האט געציטערט פון פיין. דאס וואסער פונם ים האט שוין באנעצט זיינע פיס. ער האט אראפגעלאזן דעם קאפ און האט געווארט אויפן טויט.

אין די קאיוטעס און אויפן דעק פונם „רויטן האי־פיש" זענען אויסגעלאשן געווארן די ליכט. עס איז געווארן פינסטער אויפן ים, פינסטער אויף דער „ליליע" און פינסטער אויפן „רויטן האי־פיש". א שווארצער הימל איז געהאנגען פון אויבן. אין ים האט מען געזען פון צייט צו צייט העלע פאסן. דאס זענען געווען האי־

פיש. זיי האָבן דערשמעקט, אז זיי וועלן באלד האָבן א רייכע סעודה..

די „ליליע" איז אונטערגעגאַנגען זער לאנגזאם. ווען די פּי־ראטן וואָלטן נישט פארשלאָגן אזוי שטארק די טירן פון די קאיוטעס וואָלט זי שוין לאנג געווען אונטערגעגאַנגען. די קאיוטעס האָבן זיך אָנגעפילט מיט וואסער פון הינטן, דאָס וואסער האָט אָבער נישט גע־האַט, וואו ארויסצוגיין און די שיף האָט נישט געקענט אונטער־גיין.

אין דער געשיכטע פון ים־נסיעות געפינען מיר ביישפּילן, ווען אַ שיף מיט א לאָך אין דעק האָט אויסגעהאלטן פון אכט ביז צען טעג און און איז נישט אונטערגעגאַנגען, כל זמן דאָס וואסער האָט נישט דורכגעבראָכן די ווענט פון די קאיוטעס. עס זענען געווען פאלן, ווען דאָס וואסער האָט באדעקט דעם דעק פון שיף און דאָך האָט זי זיך געהאלטן, ביז אלע קאיוטעס און אלע קאמערלעך זענען פול געוואָרן מיט וואסער. ערשט דאן איז דאָס שיף אונטערגעגאַנגען

די נאַכט איז פארגאַנגען. אין מזרח האָט זיך באוויזן א רויִ־טער פאס ליכט. עס איז געוואָרן העלער און העלער. די זון האָט זיך נאָר וואָס געוויזן אויפן ים, און האָט באלויכטן ביידע שיפן. עס איז געווען שטיל. די „ליליע" האָט אלץ געזונקען. העברי נאָרפאַרה איז געשטאַנען אין וואסער ביז די קני. דער אומגליקלעכער מאלא־יער האָט שוין נישט געקענט רעדן. ער איז געהאַנגען אויף זיין שטאַנג, ווי א טויטער. אויפן „רויטן האַי־פיש" האָבן די פּיראטן געשלאָפן, ווי די געהרגעטע.

פלוצלינג האָט מען זיך אָנגעהויבן צו רירן אויפן „רויטן האַי־פיש. דער ערשטער אָפיציר האָט זיך אויפגעכאַפּט און האָט דערזען אז ער האָט פארגעסן אויסצושטעלן א וואך. ער האָט באלד אויפ־געוועקט דעם שיפקאַפּיטאַן. דשיאַוואני דיאַוואָלאָ איז אויפגעשפּרונ־גען און האָט געהייסן, מען זאָל אים שיקן צוויי כינעזער מיידלעך. ווען זיי זענען אריינגעקומען, האָט ער זיך אָנגערופן צו זיי:

„היט אָפּ אָט די פרוי, זי איז אייער הארנטע. איר מוזט טאָן, וואָס זי וועט אייך הייסן.

נאָך דעם האָט ער אַ זאָג געטאָן צו מאַריע ראָנעקאַמפּ:

„וויין נישט, מיין טייערע, עס וועט דיר זיין גוט ביי מיר. די צוויי בינעזער מיידלעך וועלן דיך באדינען... דו וועסט האָבן א לייכט לעבן"...

די אומגליקלעכע מאַריע האָט שטיל געזיפצט און האָט נישט געענטפערט.

„שנעל אויפן זעגלבוים!" — האָט ער געקאָמאנדעוועט צו זיינע מאַטראָזן. — זע, וואָס עס טוט זיך אויפן וואַסער!"

דאַן האָט ער א קוק געטאָן אויף דער „ליליע" און האָט דער־זען, אז הענרי נאָרפאַרד און מאַהאַדריי זענען נאָך אַלץ נישט אומ־געקומען.

„צו אַלדי רוחות! — האָט ער אויסגערופן. — ער לעבט נאָך! די „ליליע" איז נאָך נישט אונטערגעגאַנגען? בינט אָפּ דעם שטריק! לאָזט זי אונטערגיין!

מען האָט אָנגעהויבן אָפּצובינדן דעם שטריק, וועלכער האָט גע־האַלטן ביידע שיפן צוזאַמען.

אין דער מינוט האָט דער פּיראַט דערזען, ווי א ווייסע גע־שטאַלט פון א פרוי איז ארויסגעשפרונגען פון זיין קאַיוטע מיט א שרעקלעכן געשריי:

„הענרי! הענרי נאָרפאַרד! איך קום צו דיר!"

„מאַריע, וואָס טוסטו?" — האָט דיאַוואָלאָ זיך א כאַפּ גע־טאָן צו איר.

מאַריע ראָנעקאַמפּ איז אָבער אריינגעשפּרונגען אין ים. איר זענען נאָכגעשפּרונגען די צוויי בינעזישע מיידלעך וועלכע דער פּי־ראַט האָט געהייסן איר באַדינען.

„דער באָט! לאָזט אראָפּ דעם באָט!" האָט דער איטאַליענער געשריען אויסער זיך. — „שלעפּט זי ארויס פון וואַסער!"

ער איז אליין צוגעלאָפן צום פאָרענץ און האָט געוואָלט נאָכ־שפּרינגען נאָך מאריען.

דער וואכמאטראָז האָט פּלוצלינג אויסגערופן:

„אהא! קאפּיטאן, אהא!"

„וואָס איז?" — האָט דיאָזוואָלאָ געפרעגט.

„איך זע א שיף, א גרויסע שיף!" — האָט געענטפערט דער מאטראָז פון אייבען. — „מיר האכט, אז דאָס איז א קריגשיף."

דער קאפּיטאן איז ארויפגעלאָפן ואויף די שטריקלייטערס ווי א קאץ, האָט גענומען זיין שפּאָקטיוו און האָט א קוק געטאָן אין דער זייט, וואו מען האָט געזען די פרעמדע שיף.

דאָס איז די „וועגדזשענס", אן ענגלישע קריגסשיף! — האָט ער געקריצט מיט די ציין. — „זי זוכט מיך שוין לאנג, — זי האָט מיך אָבער נישט געקאָנט כאפּן."

ער איז אראָפּגעלאָפן אויפן דעק און האָט געהייסן אָנגרייטן די הארמאטן און אָנציען אלע זעגלען.

די „ליליע" איז זיך דערווייל געשוואומען ווייט פונם „רויטן האי־פיש". קיינער האָט זיך אויף איר נישט אומגעקוקט. די אומ־גליקלעכע מאריע האָט מען פאַרגעסן. מען וואָלט איר שוין אויך נישט געקענט העלפן. זי האָט זיך אפילו נישט געראַנגלט מיטן וואסער. זי איז אראָפּגעפאלן, ווי א שטיין און איז באלד דערטרונקען גע־וואָרן. העגרי נאַרפאַרד האָט געהערט איר געשריי און האָט געזען, ווי זי איז אראָפּגעשפּרונגען אין וואסער און איז דערטרונקען גע־וואָרן. וואָס האָט ער אָבער געקענט העלפן? ער אליין האָט זיך קוים גערירט. די שטריק, מיט וועלכע ער איז געווען צוגעבונדן צום פאָ־רענץ, האָבן אים איינגעשניטן די הענט ביז בלוט.

„וואָס זאָלן מיר טאָן מיט די שלים־מזלס, וועלכע זענען צו־געבונדן צו דער „ליליע"? — האָט איינער פון די מאטראָזן גע־פרעגט.

קיינער האָט אים אָבער נישט געענטפערט.

די ענגלישע קריגסשיף ,,דהי וואנדשענס" איז אונטערגעקו־
מען אלץ נענטער און נענטער.

אויף דער ענגלישער קריגסשיף האָט מען זער גוט געזען, אז עס שווימען צוויי שיפן. איינע גייט טיף אין וואסער אָן א פלאג, און די אנדערע האָט ארויפגעצויגן דעם אמעריקאנישן פלאג. דער ענגלישער שיפקאפיטאן איז, נאטירלעך, צוגעקומען פריער צו דער ,,ליליע". אָ שיף אָן א פלאג איז אים פאַרגעקומען פערדעכטיק. ווי גרוים איז אָבער געווען די איבערראשונג פון דעם ענגלישן שיפ־קאפיטאן מיט זיינע מאטראָזן, ווען זיי זענען צוגעקומען צו דער ,,ליליע" און האָבן נישט געזען אויף איר קיין שום לעבעדיקן מענטשן.

,,דאָ האָט פאסירט עפּעס אַן אומגליק!" — האָט אויסגערופן דער קאפיטאן פון דער ענגלישער קריגשיף.

ער האָט געהייסן אראָפּלאָזן א באָט מיט צען מענטשן, מען זאָל זען, וואָס עס טוט זיך אויף דער ,,ליליע". די ענגלענדער זענען ארויפגעקומען אויף דער ,,ליליע" און האָבן געפונען הענרי נאָרפאָרד און דעם מאלאיער מאהאדריי. הענרי נאָרפאָרד איז געלעגן אין חלשות, אז ער איז געווען האלב טויט. ווען די ענגלענדער האָבן אים אָפּגעבונדן און האָבן אים אריבערגעפירט אויף די ,,וואנד־שענס".

מאהאדריי איז געווען טויט, ווען מען האָט אים אָפּגעבונדן פון שטאנג. די ענגלענדער האָבן אים אפילו געוואָלט ארייננווארפן אין ים, איינער אָבער האָט באמערקט, אז מאהאדריי איז נאָך וואָרעם.

,,לאָמיר אים אויך מיטנעמען, אפשר וועט מען אים נאָך קע־נען העלפן."

אויף דער ענגלישער שיף איז געווען א דאָקטאָר. ער האָט זיך באלד גענומען צו די צוויי אומגליקלעכע. ווען הענרי נאָרפאָרד האָט געעפנט די אויגן, איז זיין ערשט וואָרט געווען:

„מאריע! וואו איז זי?"

„נאַרפאַרד, דו ביזט עס?" — האָט געשריען דער ענגלישער שיפקאַפּיטאַן.

„ביינברידש!" — האָט געשטאַמלט נאַרפאַרד.

זיי האָבן זיך דערקענט. העגרי נאַרפאַרד און דער ענגלישער שיפקאַפּיטאַן ראַלף ביינברידש זענען געווען חברים. זיי האָבן צו־זאַמען געדינט אויף דער „וואַטערלאָא".

ביידע חברים האָבן זיך אַרומגענומען און האָבן געוויינט פאַר פרייד און לייד. קאַפּיטאַן ביינברידש האָט אָנגעהויבן אויסצופרעגן הענרי נאַרפאַרד ווי ער קומט אַהער און וואו איז אַהינגעקומען דער שיפקאַפּיטאַן און די מאַטראָזן פון דער „ליליע".

דער „רויטער האַי־פיש!" — האָט נאַרפאַרד קורץ געענטפערט. מער האָט ער נישט געקאָנט ריידן.

דער ענגלישער שיפקאַפּיטאַן האָט איצט געוואוסט, אַז ער האָט געהאַט פאַר זיך דעם פּיראַט, וועלכן מען פלעגט רופן „דער רויטער האַי־פיש", ווי זיין שיף האָט געהייסן. ער האָט געהייסן אים נאָכיאָגן. עס איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. די „ווענדשעם" האָט פאַרלוירן פיל צייט צוליב דער רעטונג פון הענרי נאַרפאַרד און דעם מאַלאַיער, דערווייל איז דער „רויטער האַי־פיש" אַנטרונען געוואָרן און עס איז שוין אוממעגלעך געווען אים צו דעריאָגן.

ראַלף ביינברידש האָט זיך איצט געאײַלט צו קומען ערגעץ אין אַ פּאָרט, וואו ער וועט קענען איבערגעבן זיין קראַנקן חבר. דאָס איז אָבער נישט נייטיק געווען. צומאָרגנס איז הענרי נאַרפאַרד געווען אַזוי ווייט געזונט, אַז ער האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין געלעגער און האָט געבעטן, מען זאָל אים שיקן זיין פריינט, דעם ענגלישן שיפ־קאַפּיטאַן.

„וואָס ווילסטו הענרי?" — האָט דער קאַפּיטאַן געפרעגט.

„נקמה וואָלט איך געוואָלט!" — האָט ער מיט שוים אויף די ליפּן געשטאַמלט.

דער קאַפּיטאַן האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

„ער איז אַנטלאָפן דער פּיראַט!" — האָט ער געזאָגט. — „אין דער צייט, וואָס מיר האָבן זיך באַשעפטיקט מיט דער „ליליע" און האָבן אייך געראַטעוועט, איז דער פּיראַט אַנטלאָפן. איך האָב אים נאָכגעיאָגט, ער איז אָבער אַנטרונען געוואָרן.

קאפיטל צוויי.

דער דערציילער איז אנטשוויגן געוואָרן. די צוהערער האָבן אויך געשוויגן עטלעכע מינוט. צולעצט האָט איינער פון די מאטראָזן געפרעגט:

„וואָס איז געוואָרן מיט הענרי נאָרפארד? און וואָס איז געוואָרן מיטן „רויטן הײַפיש" אָדער מיטן פיראַט?"

„אייגנטלעך האָב איך אייך מער נישט וואָס צו דערציילן," — האָט געענטפערט דער איטאַליענער. — „אזוי ווי איר זענט דאָך אָבער נייגעריק צו וויסן, וואָס עס איז געוואָרן מיט די צוויי הויפּט־העלדן פון מיין דערציילונג, וועל איך אייך דערציילן דעם סוף."

די ענגלישע שיף האָט געבראַכט הענרי נאָרפארד מיטן מאַלאיער קיין שאנכאי. דאָרט האָט דער ענגלישער קאָנסול איבערגעגעבן הענרי נאָרפארד א בריוו פון ענגלאנד. אין דעמדאָזיקן בריוו האָט מען אים געמעלדעט, אז זיין פעטער, לאָרד דריסדייל איז געשטאָרבן און האָט אים איבערגעלאָזן א פארמעגן פון צוויי מיליאָן פונט סטערלינג און דעם טיטל לאָרד: הענרי נאָרפארד איז געוואָרן א מיליאָנער און א לאָרד.

אין זעקס חדשים ארום איז אָנגעקומען קיין שאנכאי אן ענגלישע שיף מיטן נאָמען „דהי אוועדשער", דאָס הייסט דער בעל־נקמה. דער קאפיטאן פון דערדאָזיקער שיף איז געוועזן לאָרד דרים־

דייל, אָדער הענרי נאָרפארד. די שיף האָט געהאַט א סך הארמאטן אויפן דעק און צוויי הונדערט געאיבטע סאָלדאטן.

דער ענגלישער קאָנסול און די כינעזישע רעגירונג האָבן אים געגעבן אלע מעגלעכע מיטלען ארומצופאָרן אין יענע וואסערן און אויסצוזוכן דעם „רויטן האי־פיש". לאָרד דריסדייל האָט געשאָטן מיט געלד, ער האָט געדונגען שפּיאָנען און האָט צוגעזאָגט צו געבן א גרויסע סומע געלט דעם מענטשן, וועלכער וועט אים ברענגען א ידיעה, וואו דער „רויטער האי־פיש" געפינט זיך, עס איז אים ענד־לעך געלונגען. א כינעזישער שפּיאָן האָט אויסגעפונען, אז דער „רויטער האי־פיש" געפינט זיך ביי די אינזלען קירסיו.

לאָרד דריסדייל איז אים נאָכגעפאָרן און האָט אים געטראָפן לעבן א קליינער אינזל. דער דורכגעטריבענער פּיראט האָט אָבער אויך נישט געשלאָפן, ער האָט אויך געהאַט שפּיאָנען און האָט גע־וואוסט, אז מען פארפאלגט אים, ער האָט געוואוסט, אז ער קען זיך נישט שטעלן געגן לאָרד דריסדייל. ער האָט דעריבער אראָפּגענומען פונם „רויטן האי־פיש" דאָס גאנצע גאָלד און זילבער און אלע טייע־רע זאכן, וואָס ער האָט געהאַט און האָט איבערגעלאָזן די שיף אויף הפקר. דער לאָרד האָט געשאָסן אויף דער שיף. ווען ער איז אָבער ארויפגעגאַנגען אויפן דעק, האָט ער געזען, אז קיינער איז נישטאָ.

„וואו איז ער אָבער איצט, אָט דער לאָרד?" — האָט איי־נער געפרעגט.

„ער פאָרט ארום אויף אלע ימים און זוכט נאָך אלץ דעם פּיראַט.

„וואו איז דער פּיראַט?"

דער דערציילער האָט געשוויגן. איך האָב מיך צוגעבויגן צו בען בראס און האָב אים געפרעגט שטילערהייט:

„איז עס אפשר דער דערציילער אליין דער פּיראַט?"

„איך ווייס עס נישט גענוי," — האָט בען בראס געענטפערט,— „איך ווייס נאָר, אז דער קאפּיטאן פון דער „ראפּינא" איז אמאָל גע וועזן א פּיראט. דער איטאליענער, וועלכער האָט דערציילט דידאָזי־

קע געשיכטע, איז אויך אמאָל געווען א פּיראַט: ווער פון די בײַ־
דע איז געווען דער קאַפּיטאַן פונם „רויטן האַי־פיש", איז פאַר מיר
נישט קלאָר..."

דעם איטאַליענערס מעשה האָט פאַראינטערעסירט אַלע מאַט־
ראָזן. מיר האָבן באמת פאַרגעסן אין הונגער. אַלע זענען געווען
צופרידן און מען האָט געוואַרט אויף נייע אינטערעסאַנטע מעשיות,
צו פאַרטרייבן דעם הונגער.

צומאָרגנס אָבער, ווען מען האָט געדאַרפט אויסטיילן אונזער
פּאָרציע צוויבאַק, האָט מען אונז דערלאַנגט נאָר איין פּלעצעלע
און מען האָט אונז געזאָגט, אַז דאָס איז דאָס לעצטע, וואָס מיר האָבן.
מיר האָבן תחילת גערעכנט, אַז מיר האָבן צוויי פעסלעך סוכאַרעס.
היינט אינדערפרי אָבער, ווען מען האָט געעפנט דאָס צווייטע פעסל,
האָט מען דערזען, אַז אין אים ליגן בלויז ברעטלעך און שטיקלעך
האָלץ, וועלכע דער קיכער האָט צוגעגרייט פאַר דער קיך. ווי אַזוי
עס האָט געקענט פאָרקומען אַזא טעות, האָט מען זיך זער לייכט
געקענט פאָרשטעלן. אין איילעניש און שרעק האָט מען נישט גע־
וואוסט, וואָס מען נעמט און וואָס מען טוט.

ערשט איצט האָט מען זיך אַרומגעקוקט, אַז דער קיכער, דער
נעגער שניימאַן, איז אויך נישטאָ מיט אונז. מען האָט זיך אומגע־
קוקט און מען האָט געזען אַז עס פעלן נאָך אַפּאָר מאַטראָזן. איך האָב
מיך דערמאָנט אָן דעם מיידל, וואָס איך האָב געזען אויף דער
„ראַפּינאַ" און האָב זיך געפרעגט:

„וואו איז זי אהינגעקומען?"

„און וואו איז אהינגעקומען אונזער קיכער?" — האָט גע־
פרעגט אַן אַנדערער מאַטראָז.

„וואו איז אהינגעקומען דער אירלענדער פּעטריק?" — האָט
געפרעגט א דריטער.

אויף די אַלע פראַגן האָט קיינער נישט געקענט ענטפערן. ווער
האָט זיך אומגעקוקט אויף א באַקאַנטן ביי דעם אומגליק, וואָס האָט
געטראָפן די „ראַפּינאַ"?

די ידיעה, אז מיר האָבן מער נישט וואָס צו עסן, אז היינט עסן מיר דאָס לעצטע שטיקל סוכאר, האָט געווירקט אויף יעדן, ווי א דונער פון א קלאָרן, ריינעם הימל. יעדער האָט אראָפּגעשלונגען זיין שטיקל סוכאר און האָט אראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ. יעדער האָט זיך געזעצט אויף זיין אָרט טרויעריק און דערשלאָגן. אייניקע זענען געוואָרן ווילד, האָבן זיך געבייזערט, זיך געזידלט און געשאָלטן. וועמען? דאָס האָבן זיי אליין נישט געוואוסט.

איצט האָבן מיר שוין פארלאָרן יעדער האָפנונג זיך צו ראַטעווען. ווי לאַנג קען לעבן א מענטש אָן עסן? עס איז אונז אפילו געבליבן נאָך א פעסל מיט ראָם. ווען די מאַטראָזן פון דער „ראַפּינאַ" וואָלטן געווען אנדערע מענטשן, וואָלטן זיי געווען אָפּגעהיט דאָס פעסל און וואָלטן איינגעטיילט דעם ראָם אין קליינע פּאָרציעס און ס'וואָלט געווען גוט. די מאַטראָזן פון דער „ראַפּינע" אָבער האָבן נישט געוואָלט וויסן פון אָרדנונג. אייניקע זענען געווען אזוי אויפגערעקט, אז זיי האָבן זיך באלד אזוי אָנגעטרונקען, אז זיי האָבן אָנגעהויבן צו זינגען און צו שרייען. אייניקע האָבן אפילו געשפּאַסט, אז ווען דער ראָם קען זיי נישט העלפן צו לעבן, וועט ער זיי ווייניקסטנס העלפן צו שטאַרבן.

אזוי איז פארגאַנגען דער טאָג. די זון האָט געברענט, ווי פייער און מיר האָבן געליטן פון הונגער און פון דורשט. ביז אַחוץ פלעגן מיר אונז פארדעקן פון דער זון מיט א שטיק זעגלטוך, איצט האָבן מיר דאָס אויך נישט געטאָן. צו וואָס? יעדער האָט געוואוסט, אז ער האָט שוין נישט מער קיין האָפנונג צו לעבן און זיך צו ראַטעווען.

אזוי איז פארגאַנגען דער טאָג. דעם אנדערן טאָג זענען אונזערעליידן געוואָרן נאָך ערגער, נאָך שרעקלעכער. פון נעכטן אָן האָבן מיר געגעסן נאָר איין סוכאר. עס איז נאָך גראַדע אויסגעפאַלן זער א הייסער טאָג. מיר האָבן געליטן טאָפּל, פון הונגער און דורשט. אייניקע האָבן זיך אָנגעבויגן צום וואסער און האָבן באַנעצט זייערע ליפּן מיט ים־וואסער. זיי האָבן געהאָפט, אז זיי וועלן ווייניק־

סטנס שטילן זייער דורשט מיטן ים־וואסער, זיי האָבן זיך אָבער אָפּגענאַרט. פונם ים־וואסער זענען נאָר זייערע ליפּן פאַרברענט געוואָרן, פון די שטאַרקע היצן איז דאָס וואסער אין ים נאָך געזאַלצענער און ביטערער.

פון צייט צו צייט פלעגט איינער פון אונז אויפשפּרינגען, פלעגט זיך ארומקוקן אין אלע זייטן. זיינע ברענענדע אויגן פלעגן זוכן א שיף. ער פלעגט אָבער גאָרנישט געפינען און פלעגט זיך צוריק אנידערזעצן אויף זיין אָרט. אייניקע האָבן זיך אָנגעטרונקען, עס איז אָבער זיי ערגער געוואָרן פונם טרינקען דעם שטאַרקן ראָס. דער דורשט איז געוואָרן נאָך שטאַרקער און ברענענדיקער.

עס איז פאַרגאַנגען נאָך א טאָג און מיר האָבן נאָך אַלץ נישט געזען פאַר אונז קיין הילף.

איך און בען בראָס זענען געבליבן אויף אונזער קליינעם פּאַראָם. מיר האָבן נישט געוואָלט ארויפגיין צו די איבעריקע און מיר האָבן זער גלייך געטאָן. איך קען עס מיר ביז היינט נישט דערקלערן, ווי קומט עס, וואָס מענטשן אין אזא לאַגע, ווי מיר האָבן זיך דאַן געפונען, זאָלן נאָך קענען זיך קריגן, זידלען, שעלטן און אפילו ארויסכאַפּן זייערע מעסערס איינער קעגן אנדערן. עס זענען געווען צייטן, ווען זיי האָבן זיך אזוי געקריגט, אז איך האָב געמיינט, אָט, אָט וועלן זיי דערשעכטן איינער דעם אנדערן. האָט זיי דער הונגער געמאַכט אזוי ווילד? איז די היץ געווען שולדיק, וואָס זיי זענען געוואָרן אזוי אויפגערעגט? איך קען עס נישט וויסן, איך ווייס נאָר, אז מען פלעגט זיך קריגן איבער א קלייניקייט. איינעם האָט זיך אויסגעוויזן, אז דער אנדערער האָט באַקומען אביסל מער וואַסער און ער האָט אים אָנגעהויבן צו זידלען און צו שרייען אויף אים, עס פלעגן מוזן זיך אריינמישן די עלטערע און רויִקע מאַטראָזן און זיי איינהאַלטן, זיי זאָלן זיך נישט צושלאָגן.

אזוי זענען פאַרגאַנגען עטלעכע טעג. אונזערע ליידן זענען געוואָרן שרעקלעך, אומערטרעגלעך. די אויגן זענען געוואָרן ביי אונז גאַנץ אנדערש, ווי ביי געוויינלעכע מענטשן. עפּעס האָט גע־

ברענט אין זיי. עפּעס האָט געפּונקלט און געפלאַקערט אין זיי, אַזאַ אויסדרוק אין די אויגן און אין מויל געפינט מען נאָר ביי אַ שרעקלעך הונגעריקן וואָלף.

צייט אַ פּאָר טעג האָב איך אָנגעהויבן צו באַמערקן, אַז מען רעדט עפּעס שטילערהייט, מען סודעט זיך, מען רעדט עפּעס אָפּ, מען פאַרשטייט זיך. דעם סוד האָבן נישט אַלע געוואוסט, נאָר די עלטערע האָבן דערפון גערעדט, איך האָב באַמערקט, אַז פון צייט צו צייט וואַרפן זיי אויף מיר מאָדנע בליקן. מען גיט אַ קוק אויף מיר און מען באַהאַלט זיך.

איך האָב נישט פאַרשטאַנען, וואָס די בליקן באַדייטן, איך האָב אָבער יעדעס מאָל אַ ציטער געטאָן, ווען איינער אָדער דער אַנדערער פלעגט אויף מיר אַ קוק טאָן. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז זיי שעמען זיך, ווען זיי זעען, אַז איך האָב אויפגעכאַפּט זייערע בליקן. אָנפאַנגס האָב איך געזאָגט, אַז זיי קוקן נאָר אויף מיר, באַלד אָבער האָב איך דערזען, אַז זיי קוקן אויף בען בראַס אויך. דאָס האָט מיך אַביסל באַרויקט, איך האָב גערעכנט, אַז עס פאַרדריסט זיי, פאַרוואָס איך און בען בראַס האָבן יאָ באַזונדערן פּראָם. מיר האָבן געהאַט מער פּלאַץ, וואו זיך אויסצוציען און אַנידערצולייגן.

דעם אַנדערן טאָג האָב איך באַמערקט, אַז זיי רעדן אַ לענגערע צייט שטילערהייט צווישן זיך. איך האָב געזען, אַז זיי האָבן באַשלאָסן עפּעס צו טאָן, בען בראַס איז געוואָרן ערנסט און טרויעריק. איך האָב נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר, ער האָט עס אָבער יאָ פאַרשטאַנען, און האָט מיר באַלד אויסגעזאָגט דעם אמת.

„איינער פון אונז וועט מוזן שטאַרבן," — האָט ער פלוצלינג געזאָגט צו מיר, — „דער הונגער איז שרעקלעך. מען וועט מוזן וואַרפן אַ גורל, און אויף וועמען דער גורל וועט פאַלן, דער וועט מוזן שטאַרבן, די אַנדערע זאָלן אים אויפעסן. עס העלפט נישט, ביללי,

מיר פאָרן מיט זיי צוזאמען און מיר וועלן אויך מוזן שפּילן אין אָט דער לעבנסלאָטעריע.

איך האָב נישט געענטפערט. איך האָב אַמאָל געלעזן, אז עס זענען פאָרגעקומען פאלן, ווען א שיף איז אונטערגעגאַנגען און די מענטשן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט אויף א באָט אָדער אויף א פּאראם, האָבן אויפגעגעסן איינער דעם אנדערן. איך האָב גע־צימערט ביי דעם געדאנק, אז איך וועל מוזן עסן מענטשנפלייש.

פלוצלינג האָט זיך אויפגעהויבן איינער אויפן גרויסן באָט און האָט געבעטן, אז אלע זאָלן אים אויסהערן. ער וויל עפּעס זאָגן. אלע זענען געבליבן שטיל. דער רעדנער האָט נישט גערעדט זער פיל. ער האָט געזאָגט קורץ און שארף, אזוי ווי מיר ליידן אלע הונ־גער, מוז איינער שטארבן, כדי צו ראטעווען די איבעריקע. מיר מוזן האָבן וואָס צו עסן, אנישט וועלן מיר אלע שטארבן פאר הונגער.

דאן האָט זיך אויפגעהויבן אן אנדערער און האָט געזאָגט, אז דער ערשטער האָט רעכט. אין אזא פאל מוז איינער שטארבן, כדי צו ראטעווען די איבעריקע. מען מוז אלזאָ ווארפן א גורל, ווער עס זאָל שטארבן פאר די אנדערע.

דאָס האָב איך און בען בראס דערוואַרט, דעריבער האָבן מיר פריער גערעדט. מיר האָבן געוואוסט, אז אנדערש קען עס נישט זיין. קיינער וועט דאָך נישט וועלן זיך מקריב זיין פרייוויליק אין אזא פאל. דאָס לעבן איז דאָך ליב.

ווי גרויס איז דעריבער געווען מיין שרעק און מיין שטוינען, ווען דער פראנצויז לע־גראַ האָט זיך אויפגעהויבן און האָט דער־קלערט אין דערהויך, אז מען דארף נישט ווארפן קיין גורל. מען דארף נעמען דעם יונגן בילי, אים טייטן און אים אויפעסן.

בען בראס איז אויפגעשפּרונגען, ווי אן אָפּגעבריטער און האָט אָנגעהויבן צו שרייען, אז דאָס דארף נישט זיין.

„דאָס קען נישט זיין! האָט ער געשריען—מיר זענען אלע הונ־געריק. יעדער פון אונז דארף זיין גרייט צו שטארבן, ווען דער גורל

וועט פאלן אויף אים, ווי קענען מיר נעמען א מענטש גלאט אזוי און אים טייטן? איך וועל עס אויף קיין פאל נישט דערלאָזן!"

מיר האָבן גערעכנט אז אנדערע וועלן אונז אונטערשטיצן און וועלן פאָדערן, אז מען זאָל ווארפן א גורל, אזוי ווי עס פירט זיך אין דער וועלט. ליידער, האָבן אלע געשוויגן. עס האָבן זיך אפילו געפונען אייניקע, וועלכע האָבן צוגעשטימט צום פאָרשלאָג פון דעם פראנצויז לע־גראַ. עס איז געווען דייטלעך, אז מען האָט זיך פריער אָפגערעדט און מען האָט שוין אלץ אָפגערעדט נעכטן און היינט.

דער פראנצויז לע־גראַ, האָט אפילו ערקלערט אָפן, אז מען מוז מיך טייטן אָן א גורל, ווייל איך בין דאָך נאָר א יונג. אלע זענען מאַטראָזן, עלטערע מענטשן, זיי מוז מען שוינען, ווייל זיי זענען על־מער און ניצלעכער פאַר אלעמען. איך אָבער בין א יונג און מען דארף מיך נישט.

בען בראס האָט זיך געשטעלט קעגן אים, האָט גערעדט, גע־טענהט, געפאָדערט און זיך געגעבן אלע מעגלעכע מי צו איבער־ציינגן אים און אלע איבעריקע, אז דאָס איז נישט ריכטיק, אז אזוי דארף נישט זיין. — אומזיסט! עס האָט גאָרנישט געהאָלפן! די מאַטראָזן פון דער "ראפינא" זענען געווען גאנץ אנדערע מענטשן. זיי האָבן נישט געוואָלט וויסן, וואָס עס איז רעכט און גערעכט.

דאָס איז געווען א ווילדע באנדע, און דער פראנצויז לע־גראַ איז געווען בייז אויף מיר דערפאַר, וואָס בען בראס האָט אים אמאָל געשלאָגן פאַר מיר, ער האָט שוין פריער אָפגערעדט מיט אלעמען, אז מען זאָל מיך טייטן און דאָן אויפעסן.

אלזאָ, איך מוז שטארבן! אלע האָבן שוין אזוי באשלאָסן. פאַר מיר איז שוין קיין רעטונג נישטאָ. די פראגע איז שוין נאָר געווען, ווען זאָל עס געשען?

אויף אָט דער פראגע האָט מען באלד געענטפערט, — עס זאָל געשען באלד! אויפן אָרט! מען זאָל מיר דורכשניידן דעם האלז

געשען באלד! אויפן אָרט! מען זאָל מיר דורכשניידן דעם האלז

מען אויסטרונקען און דאָס פלייש זאָל מען אויפעסן. מען האָט גע־רעדט איבער מיר ווי מען רעדט איבער אַן אָקס, וועלכן מען דאַרף קוילן און אויפעסן. — אך! די הונגעריקע וועלף האָבן געקוקט אויף מיר מיט זייערע פייערדיקע אויגן. יעדער האָט זיך אויסגעקליבן א שטיקל און האָט געוואַרט אויף דער מינוט, ווען ער וועט מיך שוין אויפעסן.

זעקס שטאַרקע מאַטראָזן האָבן זיך געלאָזן גיין אויף אונזער קליינעם פּראָם, מיך צו נעמען, מיך צו בינדן און מיר איבערצו־שניידן דעם האַלז. איר קענט אייך לייכט פאָרשטעלן, ווי מיר איז געווען אויפן האַרצן, איך האָב אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און האָב גע־ציטערט, ווי אין א פיבער.

קוים אָבער זענען זיי צוגעקומען צו אונזער פּראָם, איז ב ע ן ב ר א ם אויפגעשפּרונגען, און האָט זיך געשטעלט צווישן זיי און מיר. ער האָט אַרויסגעכאַפּט זיין מאַטראָזן־מעסער און האָט אויסגערופן:

„אוועק פון דאַנען! איך וועל דערשטעכן יעדן, וועלכער וועט אַרויפקומען אויף מיין פּראָם! — איך זאָג נישט, אַז בילי זאָל נישט זיין דער ערשטער, וועמען מען זאָל אויפעסן, איך פאָדער אָבער אַז מיר זאָלן האַנדלען ווי מענטשן! לאָז מען וואַרפן א גורל! וועט פאַלן אויף אים דער גורל, וועט מען געווים אים אויפעסן. וועט איר מיך נישט הערן, זועל איך אייך שוין ווייזן, וועמען מיר וועלן צוערשט אויפעסן.

מיט די ווערטער האָט ער אויפגעהויבן זיין שאַרף מעסער און האָט אים אויסגעשטעלט קעגן די ווילדע מענטשן. זיי האָבן זיך דערשראָקן און זענען געבליבן שטיין. זיי האָבן נישט גערעכנט, אַז מען זאָל זיך אַזוי שטעלן קעגן זיי. דאָס שאַרפע מעסער האָט געווירקט. זיי האָבן געהאַוסט, אַז בען בראם וועט האַלטן וואָרט. ער וועט אויספירן, וואָס ער דראָט. קיינער האָט נישט געוואָגט צו קריכן אויפן מעסער, ווייל יעדער האָט געוואוסט, אַז קוים וועט

אים בען בחאם פארוואונדן, וועלן די איבעריקע אנפאלן אויף אים און וועלן אים טייטן.

איך האב אויך געכאפט מיין מעסער און האב מיך געשטעלט נעבן מיין באשיצער, איך האב זער גוט געוואוסט, אז איך בין צו יינג און צו שוואך אום זיך צו שטעלן קעגן אזעלכע רויבער און מערדער. איך האב אבער געוואוסט, אז צוויי מענטשן זענען דאך תמיד אלץ שטארקער, ווי איינער.

„לאמיך וויניקסטנס שטארבן אין א געשלעג," — האב איך געטראכט, — „לאמיר זיך וויניקסטנס פארטיידיקן און נישט לאזן אז מען זאל מיך קוילן, ווי א שעפס."

עס זענען אזוי פארגאנגען איניקע מינוטן, און וועלכע מיר זענען געשטאנען איינער קעגן אנדערן און קיינער האט נישט גע־רעדט א ווארט. פלוצלינג האט בען בראס אויפגעהויבן די האנט און האט געמאכט א צייכן, אז ער וויל רעדן. אלע זענען געווארן שטיל. ער האט דאן געזאגט:

„חברים! איז עס נישט גלייך, אז מיר זאלן זיך קרינגן איצט, אין א צייט, ווען מיר געפינען זיך אלע אין אזא נויט?"

קיינער האט נישט געענטפערט, בען בראס האט ווייטער גע־רעדט. זיין שטימע איז געווארן ווייך, און מילד, גלייך ווי ער וואלט עפעס געבעטן:

„חברים," — האט ער ווייטער געזאגט, — קיינער וויל נישט שטארבן, איך ווייס אבער, אז איינער פון אונז מוז שטארבן, צו ראטעווען די אנדערע, אין אזא פאל, פירט זיך אין דער וועלט, אז מען ווארפט א גורל."

„דאס ווילן מיר נישט!" — האבן איניקע געשריען.

„ווען איר ווילט עס נישט, בין איך איינפארשטאנען מיט אייך," — האט בען בחאם געזאגט, — דאן מוז דער יונג שטארבן.

איך האב א ציטער געטאן, ווען איך האב דערהערט, אז מיין בעסטער פריינט, מיין באשיצער, מיין פארטיידיקער וויליגט אויף איין, אז איך זאל שטארבן פאר די איבעריקע. אלזא, איז שוין פאר־

מיר גאָר קיין האָפנונג נישטאָ. איך האָב אַ קוק געטאָן אויף בען בראָס געזיכט. איך האָב נישט געגלויבט, אַז ער מיינט דאָס ערנסט. איך האָב אים נישט פאַרשטאַנען. איך האָב געוואָלט לעזן אין זיינע אויגן, וואָס ער טראַכט צו טאָן מיט מיר. ער האָט זיך אָבער אָוועקגעקערט פון מיר און האָט ווייטער געזאָגט צו די מאַטראָזן:

„איך בין איינפאַרשטאַנען מיט אייך, אַז דער יונג זאָל שטאַרבן, איך וויל אָבער אייך שטעלן אַ תנאי!"

„אַ תנאי? וואָס פאַר אַ תנאי?" — האָבן עטלעכע געפרעגט.

„איך וויל, אַז מען זאָל אים לאָזן לעבן ביז מאָרגן אינדערפרי. ווען די זון וועט אויפגיין מאָרגן אינדערפרי און מיר וועלן נישט דערזען קיין שיף און וועלן נישט באַקומען קיין אַנדערע הילף, וועט איר מעגן טאָן מיט אים, וואָס איר וועט וועלן. איר מוזט ליידן נאָך אַ טאָג און מוזט געבן דעם יינגן בילי נאָך אַ קורצע צייט צו לעבן. וועט איר טאָן, וואָס איך בעט אייך, איז גוט. וועט איר אָבער נישט טאָן, וועל איך מיך שטעלן פאַר אים און וועל אים פאַרטיידיקן מיט מיין לעבן."

די מאַטראָזן האָבן אָנגעהויבן עפּעס צו מורמלען, עפּעס צו רעדן. זיי זענען אָבער דאָך אַוועק אויף זייערע ערטער. זיי האָבן געוואוסט, אַז בען בראָס איז געווען איינער פון די שטאַרקסטע מענטשן אויפן פראַם ווען זיי וועלן זיך שטעלן קעגן אים, וועט ער געווים דערשטעכן איינעם אָדער צוויי פון זיי. יעדער איז אַלזאָ צוריקגעגאַנגען בייז אויף זיין אָרט.

איך קען אייך נישט שילדערן, וואָס איך האָב דורכגעפילט און דורכגעליטן אין דעם טאָג. איך האָב זער גוט געוואוסט, אַז איך האָב נישט צו וואַרטן אויף קיין הילף און רעטונג. מאָרגן אינדערפרי מוז איך שטאַרבן. איך האָב נישט באַשולדיקט בען בראָסן. ער האָט געטון, וואָס ער האָט געקענט. וואַרשיינלעך ווייס ער, אַז ער קען מיך מער נישט פאַרטיידיקן. דאָס איינציקע, וואָס ער האָט געקענט טאָן פאַר מיר, — אויסבעטן אַ טאָג, האָט ער עס געזאָגט.

איך ווייס נישט, וואָס עס פילט אַ מענטש, וועלכער איז פאַר־

משפט צום טויט, ווען מען מעלדעט אים, אז מארגן מוז ער שטארבן. איך ווייס נאר, אז איך האב שרעקלעך געליטן, פון מינוט צו מי־נוט פלעגט א קאלטער פראסט דורכגיין איבער מיין לייב און איך האב געציטערט פון קעלט, אין דער צייט, ווען די זון האט געברענט ווי פייער.

אך! ווי ביטער האב איך איצט חרטה געהאט, וואס איך האב פארלאזן מיינע עלטערן און בין אנטלאפן פון זיי! ערשט איצט, אין דער לעצטער שעה פון מיין לעבן, האב איך מיך דערמאנט אן מיינע גוטע און ליבע עלטערן.

„מארגן מוז איך שטארבן," — פלעג איך טראכטן, — „מיינע עלטערן וועלן אפילו נישט וויסן וואו איך בין אהין גע־קומען. איך ווייס, אז מיינע מערדער וועלן אויך שטארבן, זיי וועלן אויפפרעסן איינער דעם אנדערן און וועלן ענדלעך דאך אלע אויס־שטארבן פאר הונגער, וואס ווערט אבער דערפון? איך מוז שטארבן מיט אזא שרעקלעכן טויט, די ווילדע און פארדארבענע מענטשן וועלן אויסטרינקען מיין בלוט און וועלן אויפפרעסן מיין קערפער. אך ס'ארא פיין!"

איך האב נישט געקענט איינזיצן, איך האב געמוזט זיך אני־דערלייגן. ווען איך פלעג אויפהייבן די אויגן, פלעג איך דערזען די מאטראזן און פלעג טראכטן, ווי זיי וועלן מיך מארגן אויפעסן. איך האב מיך דעריבער אנידערגעלייגט און האב געציטערט, בען בראס איז געלעגן נעבן מיר. אונזערע לייבער האבן זיך פארירט, ער האט מיר אבער נישט געזאגט קיין ווארט. ער האט נאר עפעס געטראכט.

דער טאג איז פארגאנגען, עס איז געווארן נאכט. ווייט, ווייט אויפן הימל האבן זיך געוויזן וואלקנס. איך האב מיך אבער אויף זיי נאכנישט אומגעקוקט. וואס גייען זיי מיך דען אן? וועלן זיי מיר דען ברענגען רעטונג?

עס איז געווארן פינסטער. אויפן גרויסן פאראם איז געווארן שטיל, פלוצלינג האט זיך בען בראס אויפגעהויבן. האט א קאפ גע־

טאָן זיין לאַנגן מעסער און האָט עפּעס א שניט געטאָן. איך האָב מיך נישט אומגעקוקט, וואָס ער האָט געטאָן? וואָס האָט עס מיך גע־קימערט? — איך מוז דאָך שטאַרבן. יעדער מינוט ברענגט מיך נענטער צום טויט. איך בין אַטשלאָפן געוואָרן, אייגנטלעך בין איך נישט געשלאָפן, נאָר אַזוי פאַרמאַכט די אויגן, איך זאָל קיינעם נישט זען. איך האָב געפילט, אַז עס האָט זיך אויפגעהויבן א שטיקל ווינטעלע.

פּלוצלינג האָט זיך אַויסגעוויזן, אַז דאָס וואַסער רוישט אַרום אונזער פּאַראָם. וואָס איז דאָ געשען? איך בין אויפגעשפּרונגען און האָב מיך אומגעקוקט. אונזער קליינער פּאַראָם איז געשוואומען ווייט פון דעם גרויסן.

„מיר זענען געראַטעוועט!" — האָב איך אויסגערופן.

„יאָ, דערוויילנאָר!" — האָט בען בראַס געזאָגט ערנסט. נעם דאָס שטיק ברעט, בילי, און העלף מיר רודערן. דער ווינט וועט אונז איצט צונויף קומען; ער וועט אונז העלפן אַוועקצופאָרן פון די שרעקלעכע מערדער."

איר קענט אייך לייכט פאָרשטעלן, מיט וואָס פאַר א פרייד איך האָב געכאַפּט דעם שטיקל ברעט און האָב אָנגעהויבן צו אַר־בעטן אין וואַסער. איך האָב געאַרבעט מיט אַלע קרעפטן. וואוהין מיר זענען איצט אַנטלאָפן? האָב איך נישט געוואוסט און עס האָט מיך אויך זער ווייניק געקימערט. מיר זענען אַנטלאָפן פון די מער־דער.

„האָב פאַר זיי מער קיין מורא נישט," — האָט מיר בען בראַס געזאָגט, — זיי זענען שוין ווייט פון אונז. זיי קענען נישט שווימען אַזאַ שטרעקע, אָבער וואָס ווייטער מיר וועלן זיין פון זיי, אַלץ בעסער וועט זיין פאַר אונז?

מיר האָבן געאַרבעט מיט אַלע אונזערע כוחות א פּאָר שעה. פון צייט צו צייט האָבן מיר געהערט געשרייען הינטער אונז. אויפן גרעסטן פּאַראָם האָט מען באַמערקט, אַז מיר זענען אַנטלאָפן, מען האָט אָבער נישט געוואוסט וואוהין מיר זענען אַנטלאָפן. די גע־

שרייען זענען געוואָרן אַלעמאָל שטילער, מיר האָבן זיך דערוויי־טערט פון זיי.

מיר האָבן געאַרבעט אַ גאַנצע נאַכט. ווען עס איז ליכטיק גע־וואָרן, זענען מיר ביידע געווען אַזוי מיד, אַז מיר האָבן אוועקגע־וואָרפן אונזערע רודער און מיר האָבן זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטן. מיר האָבן געזען אַרום אונז נאָר הימל און וואַסער. דער גרויסער פּאַראָם איז פאַרשוואונדן געוואָרן. איך און בען בראַס זענען איצט געווען אַליין, אַליין אין דעמראַזיקן גרויסן וועלט־ים, מיד, הונגעריק און שלעפעריק.

איך בין אַנידערגעפאַלן ווי אַ דערהרגעטער אויפן שטיקל זעגלטוך, וואָס מיר האָבן געהאַט ביי זיך און בין באַלד אַנטשלאָפן געוואָרן, וואָס בען בראַס האָט געטאָן, ווייס איך נישט. איך האָב געזען, ווי ער איז געשטאַנען און האָט געקוקט אין אַלע זייטן.

איך ווייס נישט, ווי לאַנג איך בין געשלאָפן. איך געדענק, אַז איך האָב מיד אויפגעכאַפּט מיט שרעק און האָב אַ געשריי גע־טאָן:

„ראַטעוועט מיך, בען! זיי ווילן מיך טייטן! זיי ווילן מיך אויפ־פרעסן!"

„זיי רויק, בילי," — האָט בען געלאַכט, — „זיי וועלן דיר גאָר־נישט טאָן, זיי זענען שוין ווייט פון אונז.

איך בין אויפגעשפּרונגען און האָב מיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן. איך האָב אויפגעאָטעמט פרייער, ווען איך האָב דערזען, אַז מיר זענען ביידע אַליין. אַרום אונז איז נישטאָ קיינער. ווי ווייט דאָס אויג האָט געקענט גרייכן, האָב איך געזען נאָר הימל און וואַסער.

„לאָמיר אָנהויבן צו רודערן," — האָט בען בראַס געזאָגט, — „מיר מוזן זען צו אַנטלויפן פון זיי וואָס ווייטער."

אין דער צייט וואָס איך בין געשלאָפן, האָט בען בראַס צו־רעכט געמאַכט די רודערס. אַן אַלטער, געשיקטער און געאיבטער מאַטראָז, האָט ער צוגעשניצט דאָס שטיקל ברעט, מיט וועלכן איך

האָב ביז אהער געררודערט, און האָט דערפון געמאכט א סאָרט רו־דער.

מיר האָבן זיך גענומען צו דער ארבעט און האָבן געררודערט מיט אַלע אונזערע כוחות. וואוהין? דאָס האָבן מיר אליין נישט גע־וואוסט. בען בראס׳ האָט נאָר אזויפיל געוואוסט, אז דער גרויסער פאראָם מיט די מאטראַזן געפונען זיך אין מעריב זייט, און ער האָט געררודערט אין מזרח זייט.

די זון האָט געברענט ווי פייער. מיר האָבן שוין פיר טאָג גאָר־נישט געגעסן. דאָך האָב איך געארבעט מיט לוסט. איך האָב דאָך געוואוסט, אז איך אנטלויף, צו ראטעווען מיין לעבן.

ענדלעך בין איך געוואָרן אזוי מיד און אזוי שוואך, אז איך האָב געמוזט אוועקלייגן דעם רודער. אויך דער שטארקער בען האָט ענדלעך געמוזט אוועקלייגן דעם רודער. דער ים איז גע־ווען גלאט, ווי א שפיגל. די זון האָט שוין געהאלטן ביים אונטער־גיין, עס איז נאָך אָבער געווען זער הייס.

„אך! עסן!“ — האָב איך אויסגערופן שטילערהייט. — „עפּעס עסן!“

איך האָב מיך אָנגעשפּארט אָן א קלאָץ, וועלכער האָט ארויס־געשטעקט אביסל העכער פון פאראָם, און האָב פארמאכט די אויגן. איך בין נישט געשלאָפן. איך האָב נאָר אזוי פארמאכט די אויגן פאר מידקייט. בען בראס האָט געמיינט, אז איך שלאָף און האָט געזאָגט צו זיך אליין:

„ער קען שלאָפן. ער איז גליקלעך, וואָס ער קען שלאָפן. ער ליידט אָבער, ער איז הונגעריק. וואָס טוט מען? וואו נעמט מען עפּעס צום עסן? איך האָב שוין אויך נישט קיין כוחות. וואָס וועט זיין דער סוף!“

„מיר וועלן מוזן שטארבן,“ — האָב איך געענטפערט. — „מיר האָבן זיך געראטעוועט פון א שנעלן טויט, מיר וועלן אָבער שטארבן פון א לאנגזאמען טויט: פון הונגער און דורשט.“

„אך, דו שלאָפסט נישט, בילי?" — האָט בען בראַס געפרעגט און איז שטיל געבליבן.

ער האָט זיך צוגעשפּאַרט צו מיר און מיר האָבן זיך ביידע אַנידערגעלייגט זייט ביי זייט מיד, מאַט, שוואַך, הונגעריק און דורשטיק.

אַזוי איז פאַרגאַנגען די נאַכט. דעם אַנדערן טאָג אינדערפרי האָב איך מיך קוים געקענט רירן. איך האָב מיך גאָרנישט געוואָלט אויפהייבן: צו וואָס? מיר מוזן שטאַרבן. איך האָב שוין געוואָלט שטאַרבן. איך האָב שוין נישט געקענט איבערטראָגן די ליידן און די אַנגסטן.

בען בראַס איז אויפגעשטאַנען און האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, אפשר וועט ער עפּעס דערזען, וואָס מען קען עסן. דער הימל איז געווען קלאָר און ריין. מיר זענען געווען צו ווייט פון אַ לאַנד, אַז פייגל זאָלן קענען צופליען צו אונז. קיין שיף האָט מען אויך נישט געזען. פון הימל האָבן מיר אַלזאָ קיין הילף נישט געקענט דערוואַרטן.

בען האָט אַראָפּגעקוקט אין וואַסער. דער ים איז געווען שטיל און רויק. מען קען עס אָבער נישט דורכזען. זיינע וואַסערן זענען אייגנטלעך שוואַרץ. ווייל אַלץ, וואָס מען קען נישט דורכקוקן, ווייזט זיך אונז אויס שוואַרץ. דער הימל ווייזט זיך אונז אויס בלוי נאָר דערפאַר, ווייל אונזער אויג קען נישט דערגרייכן שטאַרק הויך.

ווען דער ים איז שטאַרק טיף, ווייזן זיך אויס זיינע וואַסערן שוואַרץ. בען האָט אַראָפּגעקוקט צום וואַסער, אפשר וועט ער דאָרט געפינען עפּעס צו עסן. אָבער אויך דאָרט האָט ער גאָרנישט געפינען. אַלץ איז געווען שטיל און רויק.

ער האָט זיך צוריקגעזעצט צו מיר און האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ אויף דער ברוסט. ער איז געווען פאַרצווייפלט. פאַר אונז איז שוין קיין רעטונג נישטאָ. מיר מוזן שטאַרבן פאַר הונגער.

פּלוצלינג האָט זיך אין ים אָנגעהויבן עפּעס צו קאָכן און צו רירן. פון דער טיפעניש האָבן זיך אויפגעהויבן ווייסע, גלאַנציקע

פאסן און זיינען ארומגעשפרונגען אין אלע זייטן. אייניקע זענען אריבער געשפרונגען איבער אונזער פאראם, אנדערע זענען געפלויגן און האבן געשפריצט ערגעץ ווייט ארום.

„פליענדיקע פיש!" — האט בען בראס געזאגט רויק און איז געבליבן זיצן אויף זיין ארט.

פלוצלינג אבער איז ער אויפגעשפרונגען פון זיין ארט, האט געכאפט דאס שטיקל זעגלטוך, וואס מיר האבן געהאט און האט געזאגט:

„פארוואס זאלן מיר נישט כאפן אייניקע פון זיי?"

ער האט געכאפט דעם רודער און האט אנגעהויבן צו פאכן אין דער לופט און צו שלאגן ארום זיך. א קליינער פיש איז אראפ־געפאלן און האט אנגעהויבן זיך צוווארפן און צו צאפלען. איך בין אויפגעשפרונגען און האב געכאפט דעם קליינעם פיש.

„איך האב אים! איך האב א פיש!" — האב איך אויסגערופן.

בען בראס האט ווייטער ארומגעפאכט און ארומגעשלאגן ארום זיך מיט זיין רודער. עס איז מיר געלונגען צו כאפן נאך איינעם און נאך איינעם. איך האב איצט געהאט דריי פיש, אן עשירות, א גליק! — מיר האבן ענדלעך וואס צו עסן! פיש, פרישע פיש! וואס קען שוין זיין בעסער, ווי פרישע פיש, ווען מען ליידט אזא שרעק־לעכן הונגער.

מיר האבן געכאפט די דריי פיש און האבן זיי פארשלונגען רויערהייט. אונזער הונגער איז געווען געשטילט. דערווייל האבן מיר אפגעגעסן. מיר זענען נישט געווען זאט, דער שרעקלעכער, ביטערער הונגער אבער האט אונז נישט געפלאגט אזוי.

מיר האבן דאן ביידע גענומען אונזערע רודערס אין די הענט און האבן זיך געשטעלט גרייט צו כאפן נאכמער. ליידער זענען די פיש פארשוואונדן געווארן.

„וואס זאל עס זיין?" — האב איך געפרעגט. — „ווי קומט עס, אז די פיש זענען פארשוואונדן געווארן? איך האב געזען עט־

לעבע מאָל פליענדיקע פיש, איך וויים אָבער נישט, פארוואָס די פיש פליען".

"עס זענען דאָ דריי סאָרטן פליענדיקע פיש," — האָט בען בראָס דערקלערט. — "איין סאָרט געפינט זיך נאָר אין מיטלענדישן ים. דאָס איז א גרויסער פיש. ער איז ביז א פוס די לענג און האָט צוויי גרויסע פלוספעדרן, מיט וועלכע ער שפרינגט ארויס פון וואסער, פליט א געוויסע שטרעקע, ביז זיינע פלוספעדרן ווערן נאַס, דאַן פאלט ער צוריק אראָפּ אין וואסער. די איטאליענישע פישער פאנגען אים זער אָפט און ברענגען אים אויף די פישמערק פון די אינזלען מאלטא, סיציליע און אמאָל קיין רוים.

דער צווייטער פליענדיקער פיש געפינט זיך אין אינדישן ים. ער איז פיל קלענער ווי יענער, דערפאַר אָבער פליט ער פיל ווייטער פון אים.

דער דריטער סאָרט פיש געפינט זיך אין אטלאַנטישן וועלט-ים. דער דאָזיקער פיש איז זער ענלעך צו דעם סאָרט, וועלכן די אמעריקאנער רופן פייק. דער פייק האָט אָבער געוועגלעכע פלוס-פעדערן און דער פליענדיקער פיש האָט לאנגע פלוספעדרן, אויף וועלכע ער הייבט זיך אויף פון וואסער און פליט ארויס אויף אייניקע צענדליק שריט. דאַן פאלט ער ווידער אראָפּ. מען כאַפּט אים זער פיל ביי די ברעגעס פון קארנוואָליס אין ענגלאַנד און ביי די ניי-פונדלענד-אינזלען אין אמעריקא. נאָר זעלטן קען מען אים זען אויף א פישמאַרק אין ניו יאָרק."

"אָבער פאַרוואָס פליט דער פיש?" — האָב איך געפרעגט. — "וויים ער דען נישט, אז ער קען נישט לעבן אויסערן וואסער? ווען ער קען פליען, פאַרוואָס פליט ער נישט ארום, ווי א פויגל?"

"מען רופט אים פליענדיקער פיש, ווייל ער קען זיך אויפהייבן, אויף אייניקע מינוטן פונם וואסער און דורכשניידן די לופט; ער פליט אָבער נישט, ווי א פויגל, ער שפרינגט נאָר," — האָט בען בראָס דערקלערט.

„פאַרוואָס אָבער שפּרינגט ער אַרויס פון וואַסער?“ — האָב איך געפרעגט.

אַמאָל האָט מען געגלויבט, אַז ער טוט עס פון פאַרגעניגן וועגן. דער מענטש האָט אויך ליב זיך אַמאָל אונטערצוטונקען אין וואַסער, זיך באָדן. דער פליענדיקער פיש וויל זיך באָדן אין דער לופט. אין דער נייער צייט אָבער האָט מען זיך איבערצייגט, אַז דער פליענדיקער פיש שפּרינגט אַרויס פון וואַסער נישט פון פאַרגעניגן וועגן, נאָר פון נויט.“

„פון נויט? ווער צווינגט אים דען?“ — האָב איך געפרעגט — „וואָס פאַר אַ נויט קען דען האָבן אַ פיש?“

„אַ האַי־פיש אָדער אַן אַנדער פיש יאָגט זיך נאָך אים נאָך,“ — האָט בען בראַם געענטפערט. — דער פליענדיקער פיש וויל נישט אַרויסשפּרונגען פון וואַסער. ער זוכט נאָר צו אַנטלויפן פון זיין פיינט. ווען ער זעט אָבער, אַז פאַר אים איז שוין קיין רעטונג נישטאָ, אין דער גרעסטער נויט, שפּרינגט ער אַרויס פון וואַסער אויף פופצן ביז צוואַנציק שריט און אַזוי ראַטעוועט ער זיך פון זיינע שונאים.“

דער פיש, וואָס יאָגט אים נאָך, שווימט אַוועק ווייטער, אָדער ער זעט, אַז זיין רויב איז פאַרשוואונדן געוואָרן און קערט זיך אום.

„איצט פאַרשטיי איך, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען!“ — האָב איך אויסגערופן. — אַ פּאַרטיע פליענדיקע פיש האָבן זיך געשפּילט ערגעץ נישט ווייט פון אונזער פּאַראָם. עס איז אָנגעקומען אַ גזלן, אַ האַי־פיש, אַ העכט אָדער אַן אַנדער מערדער, און האָט געוואָלט זיי איינשלינגען. זענען זיי זיך צולאָפן. פיל פון זיי האָבן אַנדערש נישט געקענט זיך ראַטעווען און האָבן זיך אויפגעהויבן אין דער לופט.“

„און דערווייל האָבן מיר זיי געכאַפּט און האָבן געשטילט אונזער הונגער,“ — האָט בען בראַם געזאָגט.

„געפינען זיך נאָך אַנדערע באַשעפענישן אין ים, וועלכע קענען אויך פליען?"

„יאָ בילי. אין דעם שטילן וועלט־ים און אין דעם אינדישן וועלט־ים זעט מען אַמאָל, ווי עס הייבן זיך אויף פון וואַסער פאַרשידענע באַשעפענישן, שניידן דורך די לופט אויף אַ גרויסער שטרעקע און פאַלן ווידער אַריין אין וואַסער. די וואַסער־פייגל, ווי דער וואַסעראָדלער, דער פעליקאַן און אַ סך אַנדערע, פאַנגען זיי דאַן און פרעסן זיי אויף. אַט אַזוי איז עס, מיין ליבער בילי."

מיר האָבן איינגעשלונגען די דריי פליענדיקע פיש רויערהייט און האָבן זיך דערוויקט, מיר זענען לעבעדיק געוואָרן.

אין אונז האָט זיך דערוועקט אַ נייע האָפנונג.

ליידער, האָבן מיר אָנגעהויבן צו פילן אַ שרעקלעכן דורשט. עס איז זער מעגלעך, אַז דאָס ים־וואַסער, וואָס האָט זיך געפונען אין די פליענדיקע פיש, האָט אונז געמאַכט אַזוי דורשטיק. די פליענדיקע פיש זענען זער געשמאַק. ווען מען רייניקט זיי און מען קאָכט זיי, ווי עס דאַרף זיין. זיי האָבן דאַן דעם זעלבן געשמאַק, וואָס פרישע הערינג. מיר האָבן אָבער קיין צייט נישט געהאַט זיי צו רייניקן. מיר האָבן זיי פאַרשלונגען, ווען זיי האָבן זיך נאָך געצאַפּלט און האָבן פאַרשלונגען מיט זיי אויך ים־וואַסער, דערפאַר האָבן מיר איצט געפילט אַזאַ שרעקלעכן דורשט.

מיר האָבן שוין אַמאָל געליטן דורשט; דאָס איז געווען דאַ־מאָלס, ווען מיר זענען געזעסן אויפן דראַכן־בוים. עס איז אָבער אַ גרויסער אונטערשיד צווישן ליידן דורשט אין אַן אָרט, וואו מען זעט פאַר זיך נישט קיין וואַסער און ליידן דורשט אינמיטן אַטלאַנ־טישן וועלט־ים, ווען מען זעט אַרום זיך אַזוי פיל וואַסער און מען טאָר עס נישט אָנרירן. עס איז נישטאָ קיין ערגערע זאַך אויף דער וועלט, ווי אַריינצונעמען אין מויל אַ ביסל ים־וואַסער, ווען מען איז דורשטיק. די צונג, דער גומען און דאָס גאַנצע מויל ווערן פאַר־ברענט, מען פילט, אַז מען האָט אַריינגענומען אין מויל הייסע קוילן.

איך האָב עס נישט געוואוסט און האָב מיך אָנגעבויגן צום וואַ־
סער. איך האָב געוואָלט באַנעצן מיינע ליפּן מיט ים־וואַסער. בען
בראַס האָט מיך צוריקגעהאַלטן.

„טו עס נישט, בילי!" — האָט ער אויסגערופן. — „פון
דעם ים־וואַסער וועסט דער דורשט נאָך ערגער."

„אָך בען! עס ברענט אין מיר, ווי אַ פייער! איך קען עס
נישט אויסהאַלטן!"

„לעג בעסער צו די ליפּן צו דיין מעסער," — האָט מיר בען
געראָטן און האָט מיר געוויזן, ווי אַזוי איך זאָל עס טון.

איך האָב עס פּרובירט. איך האָב צוגעפּרעסט מיינע ליפּן צו
דעם קלינג פון מיין מעסער. דאָס קאַלטע אייזן האָט אַ ביסל אָפּ־
געקילט מיינע ליפּן. עס האָט מיר אָבער נישט געשטילט דעם דורשט.
אונזער לאַגע איז געוואָרן שרעקלעך, אומדערטרעגלעך. אַ מענטש קען
לייכטער איבערטראָגן הונגער, איידער דורשט. דער הונגער מאַכט
שוואַך דעם מענטשלעכן קערפּער און אַ שוואַכער קערפּער פילט
נישט אַזוי שטאַרק דעם שמערץ. ווען דער הונגער איז אָבער גע־
שטילט און דער קערפּער איז ווידער שטאַרק, פילט ער דעם דורשט
נאָך ערגער און נאָך שרעקלעכער.

„אָך! ווען איך זאָל האָבן אַ קויל פון אַ ביקס אָדער אַזוי אַ
שטיקל בליי!" — האָט בען בראַס אויסגערופן.

„וואָס וואָלט דען דאַמאָלס געווען?"

„בליי שטילט דעם דורשט בעסער פון אייזן," — האָט בען
בראַס דערקלערט, ווען מען האַלט אַ בלייענע קויל אין מויל, קען
מען אויסהאַלטן דעם דורשט אַ גאַנצן טאָג.

מיר האָבן אָבער גאָרנישט געהאַט ביי זיך אויסער אונזערע
מעסערס, אַ האַק און אַ שפּיז, און אַ לאַנגן האָק, וועלכער בען בראַס
האָט מיטגענומען פון דער „ראַפּינאַ".

די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזן נידעריקער און נידעריקער. זיי
איז געוואָרן רויט און האָט געפאַרבט דעם ים מיט בלוט. ענדלעך
איז זיי אונטערגעגאַנגען. עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ ווינטל.

„לאָמיר אויפשטעלן דאָס שטיק זעגלטוך, וואָס מיר האָבן,“ — האָט בען בראַס געזאָגט צו מיר. — „עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ ווינטל, אפשר וועט ער אונז צוטרייבן ערגעץ צו אַ שיף אָדער צו אַ אינזל.

איך האָב מיך אפילו נישט געקענט רירן, עס האָט אָבער נישט געהאָלפן, איך האָב געמוזט מיך אויפהויבן און אים העלפן אויס־ציען דאָס שטיק זעגלטוך אויף אונזער רודער. עס איז געוואָרן אַ סאָרט זעגל, וועלכן דער ווינט האָט געקענט טרייבן. איך האָב גע־הערט, ווי דאָס וואַסער רוישט, אונזער פּאַראָם האָט זיך גערירט. ער איז געשוואומען. ער איז נישט געשטאַנען אויף איין אָרט. וואָס ווערט אָבער דערפון? מיר האָבן זיך אַנידערגעלייגט איינער נעבן אַנדערן און האָבן געקוקט אויפן הימל.

מיינע עלטערן זענען געווען זער פרום און האָבן מיר געגעבן אַ פרומע דערציונג. אין מיין גרעסטער נויט האָב איך אָנגעהויבן צו וויינען און צו בעטן. בען בראַס פלעגט פון צייט צו צייט אויפ־שטיין און קוקן אויפן הימל.

„וואָס קוקט איר אויפן הימל, בען?“ — האָב איך אים גע־פרעגט.

„מיר דאַכט, אַז איך זע אַ וואָלקן,“ — האָט ער מיר געענט־פערט. „פאַרצווייפל נישט, בילי“

בען בראַס איז געווען אַ גוטער מאַטראָז. ער האָט געהאַט זיי־נע צייכנס, אַז דאָס וועטער וועט זיך ענדערן. עס איז אָבער פאַר־גאַנגען איין שעה נאָך דער אַנדערער און איך האָב נאָך אַלץ געליטן. ענדלעך בין איך אַנטשלאָפן געוואָרן, ריכטיקער געזאָגט, איך בין פאַרטומלט געוואָרן אָדער איך בין געפאַלן אין חלשות. איך ווייס אליין נישט, וואָס מיט מיר איז געשען.

ווי לאַנג איך בין אַזוי געלעגן, ווייס איך נישט. איך ווייס נאָר, אַז בען בראַס האָט מיך אויפגעוועקט.

שטיי אויף בילי!“ — האָט ער מיר געזאָגט, — „עס וועט באַלד רעגנען.“ דער ווינט ווערט שטאַרקער, אויפן הימל האָבן זיך־

געוויזן שוואַרצע וואָלקנס. מיר וועלן באַלד האָבן אַ רעגן. מיר וועלן האָבן וואָס צו טרונקען.

איך בין אויפגעשפּרונגען און האָב מיך אַרומגעקוקט. עס איז געווען פינסטער. דער גאַנצער הימל איז געווען באַדעקט מיט וואָלקנס. עס האָט געבלאָזן אַ שטאַרקער ווינט און האָט געטריבן אונזער פּאַראָם. — וואוהין? — וואָס אַרט עס אונז. — עס איז געווען קלאָר, אַז עס וועט באַלד רעגנען.

„מיר וועלן באַלד האָבן מיט וואָס צו שטילן אונזער דורשט." — האָט בען אויסגערופן.

„וואָס ווערט דערפון, וואָס עס וועט רעגענען?" — האָב איך געפרעגט, ווי וועלן מיר דען טרינקען דעם רעגן? וויפל טראָפּן רעגן קענען מיר דען אַריינכאַפּן?"

„מיר האָבן קליידער," — האָט בען בראַס דערקלערט, — אונזערע קליידער וועלן נאַס ווערן און מיר וועלן זיי דאַן אויסזייגן, אויסדרייען, אויסקוועטשן און מיר וועלן האָבן וואַסער."

„דאָס וואָלט גוט געווען, ווען מיר זאָלן האָבן אַ שיסל אָדער אַ צעבער. מיר האָבן דאָך אָבער נאָר אונזערע בלעכלעך. וואָס קענען מיר טאָן מיט אונזערע בלעכלעך?"

„דו ביזט גערעכט, בילי. עס איז זער טרויעריק, וואָס מיר האָבן מיט זיך נישט קיין שיסל, אין וואָס אַריינצונעמען דאָס וואַסער. ווען עס זאָל שטאַרק רעגענען, וואָלטן מיר געקענט זיך אָנגרייטן וואַסער אויף עטלעכע טעג."

מיר זענען איצט געשטאַנען ביידע אויף אונזער פּאַראָם און האָבן באַטראַכט דעם הימל. פון דערווייטן האָט זיך געוויזן אַ בליץ, דאַן האָט מען געהערט אַ לייכטן דונער. פּלוצלינג האָט בען בראַס אַ קלאַפּגעטאָן מיטן האַנט אָן שטערן, ווי איינער, וועלכער האָט זיך גאַנץ פּלוצלינג אָן עפּעס דערמאָנט.

„מיר האָבן נישט קיין געפעס, אין וואָס אַריינצונעמען דאָס וואַסער, זאָגסטו?" — האָט ער אויסגערופן. — „וואו איז דער ברעזענט?"

„דער ברעזענט ליגט דאָרט,“ — האָב איך געענטפערט. — „וואָס טויג ער אונז אָבער?“

ברעזענט הייסט א שטיק לייוונט, וועלכער איז אויסגעשמירט מיט פעך און מיט אנדערע זאכן, וועלכע לאָזן נישט דורך קיין וואַסער. מיט א ברעזענט פארדעקט מען סחורות, זיי זאָלן נישט פארנעצט ווערן, אויף יעדער שיף געפינען זיך עטלעכע ברעזענטן. מען פארדעקט מיט זיי די ערטער, וואו מען האלט סחורה און אנדערע זאכן, וועלכע קענען לייכט פארדאָרבן ווערן פון וואסער. ווען מיר האָבן זיך אראָפּגעלאָזן פון דער „ראפינע“, האָט בען בראס אראָפּגעוואָרפן אויף אונזער פאראָם א שטיק ברעזענט. ביז אהער האָט ער אונז געדינט אלס מאטראץ צום שלאָפן.

„וואָס וועט איר מאכן פונם ברעזענט?“ — האָב איך געפרעגט.

„צו וואָס בענוצט מען א ברעזענט?“ — ער פּאַשיצט די סחורה פון וואסער. אלזא, קען ער דאָך האלטן אין זיך וואסער. איך זאָג דיר, בילי, אז דער ברעזענט קען זיין זער א גוט געפעס. מען קען פון אים מאכן, וואָס מען וויל: א שיסל, א צעבער, א פעסל און א טאָפּ.“

איך האָב אים נישט פארשטאַנען. איך האָב נישט געוואוסט, וואָס ער מיינט.

„ברענג נאָר אהער דעם ברעזענט, בילי,“ — האָט בען בראס מיר געזאָגט, — „דאן גיב מיר א שטריק.“

איך האָב אים דערלאנגט דעם ברעזענט און א פּאָר שטריקלעך.

„שנעל, בילי, הייב אויף דריי זייטן. — אזוי — גאָר די פערטע זייט. — האלט זיי צו פעסט!“

בען בראס האָט צוגעבונדן צוויי עקן פונם ברעזענט צו איין רודער און די אנדערע צוויי צום אנדערן רודער. פונם ברעזענט איז איצט געוואָרן א מין זאק, ריכטיקער געזאָגט, א סאָרט קעסל.

„ווייסט בילי, ווי מען האַלט ווייַן אויף קאַווקאַז און אין אַנ־דערע לענדער אין דער טערקיי? — אין אַ לאָגל.‘

„וואָס הייסט אַ לאָגל?‟

„אַ פעל פון אַ ציג, וואָס מען טריקנט אויס און מען נעמט צו־זאַמען. מיר האָבן איצט געמאַכט אַ לאָגל פון אַ ברעזענט. וואָס איז דער אונטערשייד? מיר וועלן באַלד האָבן וואַסער, וועט עס וועט נאָר שטאַרק רעגענען.

קאפּיטל דריי

דערווייל האָט אָנגעהויבן צו טאָגן. עס איז געוואָרן העלער. מיר האָבן געקענט זען, ווי דער הימל איז באַדעקט מיט וואָלקנס. דער דונער איז געוואָרן שטאַרקער, די בליצן זענען געוואָרן גרעסער. ענדלעך האָט אויסגעבראָכן אַ שטורעמווינט און עס האָט אָנגעהויבן צו רעגענען.

ווער עס האָט נישט געזען אַ רעגן אין די הייסע לענדער, דער ווייסט גאָרנישט, וואָס אַ רעגן איז. אין די קאַלטע געגנטן רעגנט עס, און אין די הייסע — גיסט עס. דער הימל עפנט זיך און גיסט אויס מיטאַמאָל דאָס גאַנצע וואַסער, וואָס ער האָט.

אַזוי ווי מיר זענען געווען שרעקלעך דורשטיק, האָבן מיר זיך אָנפאַנגס אַנידערגעלייגט מיט די געזיכטער אַרויף, מיר האָבן גע־עפנט אונזערע מיילער און האָבן געשלונגען דעם רעגן. איך בין נישט אימשטאַנד אייך איבערצוגעבן, ווי גליקלעך מיר האָבן זיך דאַמאָלס געפילט. איך האָב געשלונגען דאָס וואַסער, געזופּט, געטרונקען און אַריינגעזויגן די פייכטקייט פונם הימל

מיר האָבן זיך אָנגעטרונקען און זענען אויפגעשפרונגען. דער רעגן האָט אונז געוואַשן, דאָס האָט אונז אָבער נישט געאַרט. מיר זענען איצט געווען צופרידן מיט דער פייכטקייט, מיט דער נעץ.

„לאָמיר זען, וואָס טוט זיך עפּעס אין אונזער לאָגל,‟ — האָט

בען בראס אויסגערופן, — מיר קענען באלד האבן א גאנץ פאס מיט וואסער, ווען דער ברעזענט וועט נאר אויסהאלטן."

מיר זענען צוגעגאנגען צום ברעזענט — ער איז געווען פול מיט וואסער.

„שנעל, בילי! גיב מיר די שטריק! לאמיר צונויפקלייבן אונ־זער לאגל׳ לאמיר אים צוזאמען האלטן. דאס איז געווען דאס נייטיגסטע און דאס טייערסטע, וואס מיר האבן איצט, מיר האבן וואסער! — זעסטו בילי, ווי מען דארף קיין זאך נישט פארנאכ־לעסיקן. איך אליין האב אויסגעשמירט דעם ברעזענט מיט פעך, איידער מיר זענען ארויסגעפארן פון מלך דשינגאס לאנד.

מיר האבן באלד צונויפגעבונדן די פיר עקן פונם ברעזענט און האבן פון אים געמאכט א סארט פאס. ווי לאנג עס האט גערעגנט, האבן מיר אים געהאלטן אפן, דער רעגן אין די הייסע לענדער דויערט אבער געווענלעך נישט לאנג. ער גיסט זיך אוים מיטאמאל. אויך דאס מאל האט דער רעגן געדויערט נאר א האלבע שעה.

באלד זענען די וואלקן זיך צעגאנגען, דער רעגן האט אויפ־געהערט, די זון האט פארגאסן דעם ים מיט ליכט, אלץ איז גע־ווארן פריש. ואפילו די פיש אין ים האבן אנגעהויבן צו שווימען פון אויבן, נענטער צו דער לופט, גלייך ווי זיי וואלטן זיך דערפרייט, וואס עס איז ענדלעך ווידער העל געווארן.

אין א קורצע צייט האבן זיך אונזערע קליידער אויסגעטריקנט און מיר זענען לעבעדיק געווארן. א פרישע, זיסע האפנונג האט אונז דערוואַרעמט, מיר האבן פארגעסן אלע אונזערע פריערדיקע ליידן; מיר האבן פארגעסן די מאטראזן פון דער „ראפינע", מיר האבן פארגעסן אלץ אין דער וועלט. מיר האבן אויפגעלעבט און האבן אנגעהויבן צו פילן כוחות און מוט ווידער צו לעבן, צו קעמפן און צו ראנגלען זיך פאר אונזער לעבן.

איצט האבן מיר אנגעהויבן צו פילן, אז מיר זענען הונגעריק. מיר האבן געכטן אויפגעגעסן דריי פיש, דערמיט קען מען אבער לאנג נישט זאט זיין.

„מיר מוזן זוכן עפּעס צו עסן!" — האָב איך געזאָגט צו בען בראַסן.

„די איינציקע האָפענונג וואָס מיר האָבן איצט, איז צו כאַפּן פיש," — האָט בען בראַס געענטפערט. — לאָמיר טראַכטן, ווי אַזוי צו מאַכן אַ נעץ.

וואָס טוט מען אָבער? פון וואָס מאַכט מען אַ נעץ? זינט מען האָט שוין אַ נעץ, דאַרף מען האָבן אַ שטיקל פלייש, אַ שטיקל פיש, ווערעם אָדער נאָך אַזעלכע זאַכן, וועלכע זאָלן פאַרנאַרן די פיש אין דער נעץ. וואו נעמט דאָס אַלץ?"

צום אומגליק נאָך האָבן מיר גראָדע היינט געזען זער פיל פיש שווימען אַרום אונזער פּראַם. איך ווייס נישט, וואָס די סיבה איז געווען, פאַרוואָס מיר האָבן גראָדע היינט געזען מער פיש, ווי אַן אַנדער טאָג. עס איז מעגלעך, אַז דער רעגן און דער שטורעם האָבן זיי אַרויסגערופן, אָדער דער שטורעם האָט אונז פאַרוואָרפן אין אַ געגנט, וואו עס געפינען זיך מער פיש. ווי די זאַך איז, אונזער אַפּעטיט האָט זיך צובערענט, ווען מיר האָבן געזען פאַר אונז אַזוי פיל פיש און האָבן נישט געקענט כאַפּן קיין איינעם פון זיי.

בען בראַס האָט געטראַכט איניקע צייט. ער האָט געטראַכט און געקלערט וואָס צו טאָן. ענדלעך האָט ער דאָך עפּעס אויסגעטראַכט.

„מיר מוזן צושניידן אונזער זעגל און מאַכן אַ נעץ," — האָט ער געזאָגט. — „איך ווייס נישט פון קיין אַנדער מיטל."

„ניין, בען, איך האָב געזען, ווי מען כאַפּט פיש מיט אַ האַטשיק און מיט אַ לאַנגן פאָדעם. לאָמיר פּרובירן מאַכן אַזאַ ווענטקע.

אַזוי ווי מיר האָבן געהאַט גענוג שטריק, האָבן מיר באַלד געמאַכט אַ ווענטקע. בען בראַס האָט געהאַט ביי זיך אַ שפּילקע, ער האָט זי צונויפגעבויגן און האָט פון איר געמאַכט אַ האַטשיק. אויפן האַטשיק האָבן מיר אָנגעשטאָכן אַ שטיקל לייוונט פון אונזער העמד.

איך מוז זאָגן, אַז דאָס איז געווען זער אַ שלעכטער אינסטרו־

מענט צו כאַפּן פיש. בען בראַס האָט מיר אַפילו פאַרזיכערט, אַז עס געפינען זיך איך ים אַזעלכע פיש, וועלכע פאַרשלינגען אַלץ וואָס זיי דערזעען. וואָס ווערט אָבער דערפון? ווער ווייס, אויב אַזאַ מין פיש וועט וועלן צוקומען צו אונזער האַטשיק?

איך בין געזעסן מיט די פיס אונטער זיך און האָב געהאַלטן די ווענטקע. פּלוצלינג האָב איך דערזען אַ שיינעם, גלאַנציקן פיש. אַזאַ שיינעם פיש האָב איך נאָך אין מיין לעבן נישט געזען. ער האָט געגלאַנצט מיט אַלע פאַרבן פונעם רעגנבויגן. ער איז געווען נישט גרעסער פון אַ הערינג, אָבער אַזוי שיין, אַז איך האָב מיך נישט געקענט איינהאַלטן און האָב געזאָגט צו בען בראַס

„זע נאָר, בען, דאָס איז אַ זעלטענער פיש, איך האָב נאָך אין מיין לעבן נישט געזען אַזאַ שיינעם פיש.”

בען בראַס האָט זיך אומגעקוקט און האָט דערזען דעם שיינעם פיש. אויף זיין געזיכט האָט זיך געוויזן אַ פינסטערער וואָלקן. איך האָב נישט געקענט פאַרשטיין, פאַרוואָס בען בראַס איז געוואָרן אַזוי אומצופרידן מיט דעמדאָזיקן זעלטענעם פיש.

„ דו וועסט אים נישט כאַפּן, בילי,” — האָט בען פּלוצלינג געזאָגט.

„פאַרוואָס?”

„וייל ער אַליין זוכט זעלטן זיין פּרעס, אַנדערע זאָרגן זיך פאַר אים”.

„ווער זענען די אַנדערע?”

„זיינע הערן”.

איך האָב אָנגעקוקט בען בראַסן מיט שרעק און שטוינען. איך האָב נישט געקענט פאַרשטיין, אַז אַ פיש האָט אַ האַר, אַ באַלעבאָס אויף זיך. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז בען איז אַראָפּ פון זינען.

„וואָס רעדסטו, בען?” האָב איך געפרעגט „אַ פיש האָט איבער זיך אַ האַר, וואָס פאַרזאָרגט אים מיט עסן?”

„לאַך נישט, בילי, — האָט בען געענטפערט ערנסט. „דאָס איז דער פּילאָט־פיש. באַטראַכט אים גוט, בילי, ער זוכט עפּעס.

ער איז א שפּיאָן, ער פּאָרשט עפּעס אויס און לויפט עס דערציילן זיין האר, זיין באַלעבאָס".

וואָס מער בען האָט גערעדט, אלץ מער האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אז ער איז אַראָפּ פון זינען. איך האָב קיין מאָל נישט געהערט, אז אַ פיש זאָל זיין א שפּיאָן.

„וואָס איז דאָס פאר א רייד, בען? האָב איך ענדלעך אויסגערופן, „דערצייל מיר, וואָס איז עס פאר א פיש?"

„דער פּילאָט-פיש איז איינער פון די מערקווירדיקע פיש אין ים. ער שווימט שטענדיק און לעבט שטענדיק מיט די ווילדעסטע און שרעקליכסטע פישן, באַזונדערס אָבער מיט דעם האַמערפּיש. ער איז פלינקער, שנעלער און געשיקטער פונם גרויסן האַמערפיש."

„וואָס איז אָבער א האַמערפיש?" האָב איך געפרעגט

„דער האַמערפיש איז אויך אַ סאָרט האַיפיש, אָבער גרעסער, ווילדער, שטאַרקער און געפערליכער פון א געוויינליכן האַיפיש. מען רופט אים האַמערפיש, ווייל זיין קאָפּ ווייזט אויס, ווי א גרויסער האַמער. פון ביידע זייטן קאָפּ שטעקן אַרויס זיינע צוויי גרויסע אויגן. דער פּילאָטפיש שווימט פאָרויס פאַרן האַמערפיש. קוקט אויס דעם ים, שפּיאָנירט אויס, צי עס געפינט זיך נישט עפּעס צו עסן. ווען ער דערזעט עפּעס, לויפט ער עס דערציילן דעם האַמערפיש."

„צו וואָס טוט ער עס?" האָב איך געפרעגט.

„ווייל עס בלייבט אים שטענדיק עפּעס איבעריק נאָכן מיטאָג פונם האַמערפיש. ווען דער האַמערפיש כאַפּט עפּעס: א מענטשן אָדער אַן אַנדער גרויסן פיש, לאָזט ער איבער א שטיקל פאר זיין געטרייען דינער און ערליכן שפּיאָן — דעם פּילאָטפיש."

איך האָב געוואָלט נאָך עפּעס פרעגן וועגן דעם דאָזיקן מערקווירדיקן פיש, אָבער אין דער מינוט איז דער קליינער פּילאָטפיש צוריקגעקומען און הינטער אים האָבן זיך געוויזן צוויי גרויסע שוואַרצע קערפּער. איך האָב א ציטער געטאָן, ווען איך האָב זיי

דערזען. בען בראָס איז בלייך געוואָרן. ווען מיר זאָלן זיך געווען געפינען אויף אַ שיף, וואָלטן מיר פאַר זיי קיין מורא נישט געהאַט. מיר האָבן זיך אָבער געפונען אויף עטלעכע ברעטער, די שרעקלעכע האַמערפיש קענען אָנפאַלן אויף אונז.

מיר האָבן קיין צייט נישט געהאַט פיל צו טראַכטן, ווייל איינער פון די גרויסע האַמערפיש האָט אַ זעץ געטאָן אונזער פּאַראָם מיט דעם שטאַרקן עק. דער פּאַראָם האָט אַ ציטער געטאָן און מיר זע־נען ביידע אומגעפאַלן. בען בראָס האָט נישט פאַרלוירן דעם מוט. ער האָט געוואוסט, וואָס פאַר אַ געפערליכן שונא ער האָט פאַר זיך. ער האָט געכאַפּט די האַק און האָט אַ געשריי געטאָן צו מיר:

„נעם דעם שפּיז, בילי! מיר מוזן זיך פאַרטיידיקן. זיי וועלן אויף אונז אָנפאַלן."

בען בראָס איז געווען גערעכט. די קלוגע פיש האָבן דערזען אַ פּאַראָם. דאָס איז געווען ביי זיי אַ נייס און זיי האָבן געפּרווט וואָס דאָס איז. קוים האָבן זיי דערזען, אַז דער פּאַראָם איז שוואַך און מיר זענען אומגעפאַלן, האָט איינער פון זיי אַרויסגעשטעקט זיין גרויסן קאָפּ פון וואַסער און האָט געוואָלט אָנכאַפּן בען בראָסן ביי די פיס. דאָס איז אָבער אים נישט געלונגען, בען בראָס האָט אויפגעהויבן די האַק און האָט מיט זיין גאַנצער קראַפט זי אַראָפּ־געלאָזן אויף דער נאָז פונם האַמערפיש. די שווערע האַק האָט גוט געטראָפן. זי האָט צעשפּאָלטן דעם שנוק פונם האַמערפיש, דאָרט וואו די נאָזלעכער געפינען זיך. אַ שטראָם בלוט האָט זיך אַ גאָס געטאָן פון דער שרעקלעכער וואונד.

דער דאָזיקער טייל פון האַמערפיש איז גראָדע דער שוואַכ־סטער. בען בראָס האָט נישט געוואוסט, וואו ער האָט געטראָפן. דער האַמערפיש איז אָפּגעשפּרונגען פון אונזער פּאַראָם, האָט זיך איבערגעקערט מיטן בויך אַרויף און האָט אָנגעהויבן זיך צו וואַרפן און צו שלאָגן מיט זיין שרעקליכן עק. דאַן איז ער געבליבן ליגן שטיל.

אין דער צייט וואָס בען בראָס האָט געטויט דעם ערשטן האַ־

מערפיש, איז דער צווייטער אנגעפאלן אויף מיר. איך האב געהאט גור דעם לאנגן שפיז. ווען ער האט געעפנט זיין גרויס מויל, האב איך אים ארייגעשטעקט דעם שפיז אין מויל אריין, ער האט אפגעביסן א גרויס שטיק פון דעם גרויסן שטאנג און איז אפגעשפרונגען פון אונזער פאראם. מער האבן מיר אים נישט געזען. ער האט זיך דערשראקן, ווייל ער האט געזען, ווי מען האט דערהרגעט זיין חבר, אדער עס האט אים ווי געטאן די וואונד, וואס איך האב אים געמאכט דאס ווייס איך נישט. איך ווייס נור, אז מיר האבן אים מער ניט געזען.

עטלעכע מינוטן האבן מיר געקוקט איינער אויפן אנדערן, גלייך ווי מיר האבן געוואלט זיך איבערצייגן, צי מיר לעבן נאך ביידע און זענען נאך געזונט: איך האב געזאגט: „בען, ס'איז ווייטער גוט!"

בען בראס האט א ציטער געטאן, ער האט ערשט איצט אנגעהייבן צו פארשטיין, אין וואס פאר א געפאר מיר האבן זיך געפונען. מיר האבן ווירקלעך זיך געראטעוועט דורך א וואונדער. דער האמערפיש האט א שטארק לעבן אין זיך: מען קאן אים עפענען דעם בויך, ארויסנעמען זיין אינגעוויד און ער וועט נאך אלץ לעבן, דער איינציקער ארט אין זיין קערפער, וואו מען קאן אים טייטן, איז דער קאפ, דער מארך. אין דעם ארט האט גראד געטראפן בען בראס. דאס איז געווען דאס וואונדער.

מיר האבן זיך אומגעקוקט און האבן דערזען דעם צווייטן האמערפיש שווימען מיטן בויך ארויף.

„ער איז טויט," האט בען בראס געזאגט, איך האב אים גוט געטראפן לאמיר פרובירן אים כאפן.

„צו וואס טויג ער אייך?" האב איך געפרעגט.

„דו וועסט עס באלד זען. גיב מיר א שטריק."

איך האב אים דערלאנגט א שטריק. בען בראס האט אנגעהייבן צו מאכן א שלייף.

„צו וואס, בען?"

„העלף מיר צורודערן א ביסל צום טויטן האמערפיש, — שנעל, בילי!"

מיר האָבן צוגערודערט אונזער פּראָם צום טויטן האמערפיש. בען בראם האָט אויף אים פארוואָרפן דעם שלייף. דאן האָט ער אים צוגעשלעפּט צו אונזער פּראָם. דער האמערפיש איז געווען טויט און האָט זיך נישט גערירט. בען האָט צורעכט געמאכט דעם שלייף און האָט אָנגעהייבן צו צושלעפּן דעם שווערן פיש צו אונזער פּראָם. איך האָב איהם געהאָלפן און באלד איז דער גרויסער פיש געלעגן לעבן אונזער פּראָם. בען האָט אים צוגעבונדן צו די ברעטער פון פּראָם.

„וואָס וועלן מיר דען מאכן פון אים?" האָב איך געפרעגט.

„וואָס וואָלט ער געמאכט פון אונז? ער וואָלט אונז אויפגעגעסן, איצט וועלן מיר אים עסן," האָט בען בראם גאנץ רוהיק געענטפערט.

פאר וואָס איך אליין בין נישט געפאלן אויף דעם געדאנק צו עסן דעם האמערפיש, ווייס איך נישט. אין דער צייט, וואָס די ווילדע פיש זענען אויף אונז אָנגעפאלן, האָב איך פערגעסן וועגן עסן. בען בראם האָט באלד אויסגעשניטן א גרויס שטיק פלייש פון דער זייט פון האמערפיש און מיר האָבן בידע אָנגעהייבן צו עסן. מיר זענען געווען אזוי הונגעריק און האָבן געשלונגען שטיקער האמערפיש רויערהייט.

ווען מיר האָבן זיך אָנגעגעסן זאט, האָבן מיר זיך אָנגעטרונקען מיט וואסער פון אונזער לאָגל און האָבן זיך געלייגט אָפּרוען. איך האָב געזאָגט בען בראסן, אז עס וואָלט גלייכער געווען, אז איינער פון אונז זאָל שלאָפן און דער אנדערער זאָל האלטן וואך, אפשר וועלן אָנפאלן אויף אונז אנדערע האמערפיש.

„מען דארף נישט," האָט בען געענטפערט. „די האמערפיש זענען זייער זעלטן. אין דעם אָרט, וואו עס געפינען זיך נאָר א פּאָר פון זיי, איז שוין גענוג, אז קיין אנדערע זאָלן נישט קומען אהער. זיי דערלאָזן נישט, אז אנדערע רויבפיש זאָלן זיך געפינען לעבן

זיי. מיר מאָגן זיין גאַנץ רויק. כל זמן מיר געפינען זיך אין דער געגנט, וועלן מיר שוין קיין אַנדערן האַמערפיש אַזוי גיך נישט טרעפן."

מיר האָבן זיך אַנידערגעלייגט און האָבן זיך גוט אויסגעשלאָפן. מיר זענען איצט געווען גליקלעך. מיר זענען געווען זאַט און האָבן געהאַט וואַסער. מיר וועלן דאָך אָבער מאָרגן ווידער וועלן עסן. דער ים איז ווידער רויק. ווער ווייס, ווי לאַנג עס וועט אַזוי בלייבן. ווער ווייס, ווי לאַנג מיר וועלן אַזוי אַרומשווימען צווישן הימל און וואַסער?

בען בראַס איז געזעסן פאַרטראַכט. פּלוצלונג האָט ער אויסגערופן, "פאַרוואָס זאָלן מיר נישט צוגרייטן שפּייז אויף אַ לאַנגע צייט?"

"וואָס הייסט?"

"מיר וועלן אויסטריקענען דאָס פלייש פון האַמערפיש, ווי מען טריקנט הערינג אָדער אַנדערע פיש. די זון ברענט דאָ. ווען מיר צעשניידן דעם האַמערפיש אויף דינע פאַסן און הענגען זיי אויף טריקענען, וועט די היסע זון זיי באַלד אויסטריקענען און זיי וועלן זיך קאָנען האַלטן אַ לענגערע צייט."

דאָס איז געווען אַ פּלאַן. דער האַמערפיש איז געווען צוגעבונדן צו אונזער פּראַם. ווען מיר זאָלן אים געווען לאָזן אַזוי אין וואַסער, וואָלט ער אין אַ קורצער צייט פאַרדאָרבן געוואָרן.

מיר האָבן נישט לאַנג געטראַכט. בען בראַס האָט געכאַפּט זיין מעסער און האָט אָנגעהייבן צו שניידן גאַנץ דינע לאַנגע שטיקער פלייש פונם האַמערפיש. איך האָב געטאָן דאָסזעלבע. מיר האָבן אויסגעשניטן אַ שטיק, האָבן עס צעשניטן אויף שטיקלעך און האָבן אויסגעלייגט די שטיקלעך אויפן פּראַם. פּלוצלינג האָט בען אויסגערופן:

"גיב נאָר אַ קוק, בילי! זע נאָר, וואָס דאָ שטעקט אַרויס."

"איך האָב מיך אָנגעבויגן און האָב דערזען, אַז צום בויך פון האַמערפיש איז עפּעס צוגעקלעפּט אָדער אַריינגעשטאָכן. עס האָט

מיר אויסגעוויזן, אז א דינער און א לאנגער שטעקן איז אריינגע-שטאָכן אין בויך פון האיפיש. איך האָב מורא געהאַט עס אָנצו-רירן.

"נעם עס בילי!" האָט בען בראַס געזאָגט מיט א שמייכל.

איך האָב אָנגעכאַפּט דעם אויסטערלישן שטעקן און האָב גע-פילט, אז עס וואַרפט זיך, צאַפּלט זיך און רייסט זיך.

"דאָס איז דאָך א פיש!" — האָב איך אויסגערופן.

"געוויס איז דאָס א פיש," — האָט בען געלאַכט. — "אָבער וואָס פאר פיש?"

איך האָב עס נישט געוואוסט. איך האָב קיינמאָל נישט געזען אזא סאָרט פיש. איך האָב נישט געזען קיין קאָפּ, נישט קיין אויגן, נישט קיין מויל, נאָר א לאַנגן דינעם קיילעכדיקן קערפּער, וועלכער האָט געלעבט און האָט זיך געוואָרפן.

"וואָס איז דאָס פאר א מערקווירדיקער פיש, בען?" — האָב איך געפרעגט.

"דאָס איז דער "זויגער", — האָט בען דערקלערט — דאָס איז איינער פון די מערקווירדיקסטע פיש אין וועלט-ים. ער קען נישט גוט שווימען, ווען ער דאַרף אָבער אריבערשווימען פון איין אָרט צום אנדערן, מוז ער זיך צו קלעפּן צו עמעצן אין ים. ער האָט נישט קיין אויגן, נאָר א גרויס מויל, אין וועלכן עס געפינען זיך עטלעכע זויגערס. מיט אָט די זויגערס קלעפּט ער זיך צו צו א פיש אָדער צו א שיף און פאָרט אזוי א געוויסע שטרעקע. דער פיש, דאָס שטיק האָלץ אָדער דאָס שיף דינען אים פאר א פּאָסט-וואָגן אָדער אן אייזנבאַן, וועלכע פירט אים בחינם פון איין אָרט צום אנדערן."

איך האָב מיך זער פאראינטערעסירט מיט דעמדאָזיקן פיש. איך האָב געוואָלט אים אָפּרייסן פון האַמערפיש. דאָס איז אָבער געווען אוממעגלעך. בען האָט זיך צולאַכט.

"עס איז אומזיסט דיין ארבעט, בילי, דו וועסט אים אזוי

ליבט נישט אַפּרייסן פון האַמערפיש, דו קענסט אים צושניידן אויף צוויייען, אַפּרייסן אָבער וועסטו אים נישט.״

„איך וויל דאָך אָבער אים בעסער באַטראַכטן,״ — האָב איך געבעטן.

בען בראַס האָט אויסגעשניטן אַ גרויס שטיק פלייש פון האַמערפיש צוזאַמען מיטן „זייגער״ און האָט עס אַ וואָרף געטאָן אויפן פּאַראָם. דער „זייגער״, האָט דערפילט, אַז ער איז נישט אין וואַסער און האָט אָפּגעלאָזן דאָס פלייש פונם האַמערפיש. ערשט איצט האָב איך געקענט אים גוט באַטראַכטן. ער האָט געהאַט זיין גרויס מויל און איך האָב געקענט זען, ווי ער פרעסט. ער פרעסט ווערעם, אויסטערן און אנדערע קליינע און ווייכע באַשעפעניש פון ים. ווען ער שווימט אַרום אַ געוויסע צייט אין אַן אָרט און האָט שוין אַלץ אויפגעפרעסן, זוכט ער אויס אַ גרויסן פיש, אַ שטיק האָלץ אָדער אַ שיף, זויגט זיך איין אין זיי און וואַנדערט מיט זיי אַוועק ווייטער.

„געפינען זיך נאָר אַזעלכע מינים פיש?״ — האָב איך געפרעגט.

„געוויס, האָט בען געענטפערט, לעבן די אינזלען קובאַ, יאַמאַיקאַ און פּראַטאַריקאָ געפינט זיך אַ גרויסער און שטאַרקער זויגערפיש. ווען קאָלומבוס האָט אנטדעקט אַמעריקע, האָט ער געפונען אויף דער אינזל קובאַ ווילדע מענטשן, וועלכע האָבן געהאַלטן דידאָזיקע פיש אין באַזונדערע טייכן ביים ים. פון צייט צו צייט פלעגט מען עפענען די טייכן אין ים. די „זויגערפיש״ פלעגן אַרויסשווימען און פלעגן אָנברענגען אנדערע פיש און אפילו טשערעפּאַכעס. קאָלומבוס האָט געזען מיט שטוינען, אַז מען קען אויסלערנען אַ פיש צו גיין אויף יאַגד.״

„איך פאַרשטיי עס נישט, בען, ווי אַזוי האָט דער פיש געוואוסט צוריקצוקומען? ער האָט דאָך נישט קיין אויגן?״

„מען פלעגט צו אים צובינדן אַ גאַנץ לאַנגן פּאָדעם. דער אינדיאַנער פלעגט האַלטן דעם פּאָדעם אין די הענט, ווען ער האָט גע־

פילט, אז דער פיש האַלט זיך ערגעץ פעסט, האָט ער אים אָנגעהויבן אַרויסצושלעפּן. דער זייגער האָט מיטגעבראַכט דעם פיש אָדער דאָס שטיק האָלץ, צו וועלכן ער האָט זיך צוגעקלעפּט. דורך דעם „זייגער־פיש" פלעגט מען אַמאָל כאַפּן אַ פיש, וועלכער האָט געוואויגן צענדליקער פונט."

איך האָב געשאָקלט מיטן קאָפּ, איך האָב עס נישט געגלייבט.

„דו קענסט עס נישט פאַרשטיין, בילי," — האָט בען געזאָגט, — „איך בין געווען אין מאָזאַמביק און האָב געזען, ווי די נעגערס פאַנגען דאָרט פיש אויך דורך די זייגפיש. אין אַנדערע ווילדע געגנטן, וואו די מענטשן ווייסן נאָך נישט פון קיין אייזערנע האַטשיקעס צו כאַפּן פיש, באַנוצט מען אויך דעם זייגער."

„איז ער גוט צום עסן אויך?"

„דאָס וועלן מיר שפּעטער זען."

היינט זענען מיר געווען זאַט. ערשט צומאָרגנס האָבן מיר אויפגעגעסן דעם „זייגער," אַ מאָדנע זאַך, אָנפאַנגס איז מיר געווען זער שווער צו עסן רויע פיש. איך בין אָבער באַלד געוואוינט געוואָרן און פלעג עס עסן מיט אַפּעטיט.

מיר האָבן אַ גאַנצן טאָג געאַרבעט. מיר האָבן געשניטן שטיקער פון דעם האַמערפיש, האָבן זיי אויסגעלייגט אויף אונזער פּראַם אָדער האָבן זיי אויסגעהאָנגען אויף די רודערס.

„ווייסטו, בילי, אַז מיר קענען מאַכן אַ זעגל פונם פלייש פון האַמערפיש? וואָס איז דען דער זעגל? — אַ וואַנט, אָן וועלכער דער ווינט שלאָגט זיך אָן און טרייבט די שיף. פאַרוואָס זאָלן די דינע פאַסן פלייש פון האַמערפיש נישט קענען דינען אַלס זעגל?"

איך האָב נישט געענטפערט. מיר האָבן אויפגעשטעלט ביידע רודער, האָבן געצויגן פון איינעם צום אַנדערן דינע שטריקלעך און אויסגעהאָנגען אויף זיי דאָס פלייש פון האַמערפיש. מיר האָבן אויך אַזוי אַרום באַקומען אַ ריכטיקן זעגל. פאַרנאַכט, ווען עס האָט זיך ווידער אויפגעהויבן אַ ווינטל, האָבן מיר דערזען מיט פרייד און

הנאה, אז אונזער פֿאַרם שטייט נישט אויף איין אָרט. ער גייט, דער ווינט טרייבט אים.

„מיר פֿאָרן!” — האָט בען בראַם אויסגערופֿן, — „מיר שטייען נישט אויף איין אָרט. אפשר וועלן מיר דאָך ערגעץ צוקומען.

עס איז נאַכט געוואָרן. דער הימל איז ווידער געווען קלאָר און ריין. מיר האָבן זיך אויסגעצויגן אויף אונזערע עטלעכע ברעטער און זענען אַנטשלאָפֿן געוואָרן. אין דער נאַכט זענען מיר גע־שלאָפֿן געשמאַק. איך האָב מיך אויפֿגעכאַפּט דער ערשטער, האָב מיך אַנידערגעזעצט און האָב אָנגעהויבן צו באַטראַכטן דעם הימל און דאָס וואַסער אַרום מיר. פּלוצלינג האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך הער שטימען, מענטשנשטימען.

איך האָב אַ ציטער געטאָן. איך האָב גוט געוואוסט, אַז מיר געפֿינען זיך ווייט פֿון מענטשן, ווייט פֿון לאַנד. מיר שווימען אינ־דערמיט פֿונם אַטלאַנטישן וועלט־ים. ווער זאָל עס דאָ רעדן? — אפשר געפֿינען מיר זיך ווידער נעבן די מאַטראָזן פֿון דער „ראַפּינע?” אָט דער געדאַנק האָט מיך איבערראַשט און דערשראָקן.

די שטימען זענען אָבער שטיל געוואָרן, איך האָב מיך אומגע־קוקט אין אַלע זייטן און האָב קיינעם נישט געזען. איך האָב מיך דערפֿרייט. באַלד אָבער האָב איך ווידער דערהערט שטימען. דאָס מאָל האָב איך געהערט גאַנץ דייטלעך די יונגע שטימע פֿון אַ קינד. איך האָב מיך נישט געקענט איינהאַלטן און האָב געמוזט אויפֿ־וועקן בען בראַסן.

„שטייט אויף, בען!” — האָב איך געשריען, — „איך הער שטימען, איך הער מענטשן רעדן.”

בען בראַס האָט זיך באַלד אויפֿגעכאַפּט, האָט זיך אויסגע־ווישט די אויגן און האָט זיך אומגעקוקט.

„וואָס איז בילי? וואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקן?” — האָט ער געפֿרעגט.

„איך האָב געהערט שטימען. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז צוויי מענטשן האָבן גערעדט. איינער פון זיי איז אַ קינד...״

וואָלט געווען טאָג, וואָלטן מיר געזען, וואו מיר געפינען זיך. דער ווינט האָט אונז פאַרטריבן צוריק אויף דעם אָרט, וואו די „ראַפינע״ איז אונטערגעגאַנגען. מיר וואָלטן דאַן געזען שטיקער האָלץ, ברעטער, פעסער, קלעצער און אַנדערע זאַכן פון דער „ראַפינע״ אַרומשווימען אַרום אונז. עס איז נאָך אָבער געווען פינסטער און מיר האָבן גאָרנישט געקענט זען. בען בראַס האָט זיך צוגעהערט און האָט אויך דערהערט שטימען.

„מיר מוזן אַנטלויפן!״ — האָט ער געזאָגט. — „מיר זענען געוויס צוגעשווימען צו די מאַטראָזן פון דער „ראַפינע״. ווען זיי וועלן אונז כאַפּן וועלן זיי אונז געוויס אויפעסן.״

„איך מיין, אַז דאָס זענען נישט די מאַטראָזן פון דער „ראַפינע.״ — „איך האָב געהערט אַ שטימע פון אַ קינד.

„דו מיינסט אַזוי? האָסטו קיין טעות נישט?״

„ניין בען, איך האָב געהערט גאַנץ דייטלעך די שטימע פון אַ יונגן מענטשן.״

בען בראַס האָט באַטראַכט דעם הימל און דעם ים פון אַלע זייטן. עס איז אָבער געווען אַזוי פינסטער, אַז עס איז געווען אוממעגלעך צו זען עפּעס אויף צען שריט ווייט פון זיך. די לבנה איז אונטערגעגאַנגען. עס איז געווען פאַרטאָג, ווען עס איז שטאַרק פינסטער.

„עס העלפט נישט. מיר מוזן וואַרטן, ביז עס וועט טאָג ווערן. דאַן וועלן מיר זען וואָס צו טאָן. מיר מוזן זיין גרייט צו אַנטלויפן.

מיר זענען געזעסן איינער נעבן אַנדערן און האָבן אויסגעשפּיצט אונזערע אויערן. מיר האָבן איייניקע מאָל געהערט דיזעלבע שטימען, אָבער שטילער און פון דערווייטן. ווייט אין מזרח האָט זיך געוויזן אַ פּאַס ליכט. עס האָט אָנגעהויבן צו ווערן העלער און העלער. מיר האָבן זיך אומגעקוקט און האָבן דערזען, ווי דער ים איז

אויף א גרויסע שטרעקע באדעקט מיט שטיקער האָלץ, קלעצער, ברעטער און קאסטנס.

„וואָס איז דאָס?" — האָב איך אויסגערופן. — „וואו זענען מיר ערגעץ? פון וואנען האָבן זיך גענומען די שטיקער האָלץ?"

בען בראס האָט געשוויגן, זיינע אויגן האָבן עפּעס געזוכט. פּלוצלינג האָט ער אויסגערופן:

„זע נאָר בילי, אָט איז עפּעס."

איך האָב א קוק געטאָן אין דער זייט, וואו בען האָט מיר געוויזן און בין געבליבן דערשראָקן און מבולבל. זוייט, ווייט פון אונז איז געשווימען עפּעס א גרויסע און ווילדע זאַך. עס איז געווען נישט קיין שיף, נישט קיין פּראָם, נישט קיין הויז און נישט קיין באָט. עס האָט אויסגעוויזן, ווי א קאסטן עס איז אָבער נישט געווען קיין קאסטן. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אז איך זע אויף אים געשטאַלטן און איך האָב זיי דאָך נישט געזען.

„וואָס איז דאָס בען?" — האָב איך געפרעגט.

„איך ווייס נישט," — האָט בען געענטפערט, — „איך מוז פּראָבירן רופן, שרייען און רעדן צו דעם אויסטערלישן קאסטן, אפשר וועט מען אונז ענטפערן, אפשר געפונען זיך דאָרט מענטשן.

ער האָט צוגויפגעלייגט ביידע הענט, ווי א רער און האָט אָנגעהויבן צו שרייען אויף אלע מעגלעכע שפּראַכן, וואָס ער האָט געקענט.

„ווער זייט איר? פון וואנען קומט איר?"

„ווער זייט איר?" — האָט מען געענטפערט.

„דאָס איז דער ווידער קול," — האָב איך אויסגערופן.

„ניין, בילי," — האָט בען געזאָגט, — „דאָס איז נישט קיין ווידער קול. אויפן ים הערט מען נשט קיין ווידער קול. א ווידער קול אָדער אן עכאָ, הערט מען נאָר נעבן א וואלד אָדער צווישן בערג.

„זייט איר עס, קאפּיטאן? זייט איר עס, מיסטער לע־גראַ? האָט ווידער געשריען דזעלבע שטימע.

דאָס מאָל איז די שטימע געווען אזוי הויך און אזוי דייטלעך, אז בען בראס האָט זי באַלד דערקענט.

„דאָס איז דער שניימאַן, אונזער קיכער!" — האָט בען אויסגערופן. — „ווי קומט דער נעגער אהער? איך האָב געגלויבט, אז ער איז דערטרונקען געוואָרן, ווען די „ראַפּינע" איז אונטערגעגאַנגען.

ערשט איצט האָב איך מיך דערמאָנט, אז ציים מיר זענען אראָפּגעשפּרונגען פון דער „ראַפּינע", האָב איך נישט געזען דעם נעגער שניימאַן אָדער סנאַאי, ווי זיי פלעגן אים רופן.

„ווער זייט איר?" — האָט ווידער געפרעגט דיזעלבע שטימע, — „איך בין דער קיכער פון דער „ראַפּינע", וועלכע איז אונטערגעגאַנגען מיט עטלעכע טעג צוריק. זייט איר אויך פון דער „ראַפּינע", אָדער זייט איר אויף א שיף?

„מיר זענען אויך פון דער „ראַפּינע". — האָט בען בראס געשריען.

„ווי הייסט איר? זייט איר דער שיפקאַפּיטאַן?"

„ניין, איך בין בען בראס."

„מיסטער בראס! האַלאָ, מיסטער בראס! קענט איר צוקערמען צו מיר?"

„קום דו אהער!" — האָט בען געשריען.

„איך קען נישט. איך האָב קיין רודער נישט און איך קען נישט רודערן.

בען בראס האָט געכאַפּט איין רודער, איך האָב גענומען דעם אנדערן און מיר האָבן אָנגעהויבן צו רודערן. דערביי האָבן מיר צעוואָרפן די שטיקער פלייש פונם האמערפיש, וועלכע האָבן זיך געטריקנט. וואָס האָט דאָס אָבער אונז געקימערט? מיר האָבן זיך דערפרייט, וואָס מיר האָבן ענדלעך געטראָפן א באַקאַנטן מענטש. מיר האָבן פאַרגעסן אַלץ אין דער וועלט און זענען געלאָפן זען א מענטשלעך פּנים. מיר האָבן אפילו נישט געטראַכט, אז עס איז זער מעגלעך, אז מיר וועלן נאָך דאַרפן אים געבן עסן.

עס האָט געדויערט אַ שטיק צייט, איידער מיר זענען צוגע־קומען צו אים. דערווייל האָבן מיר גערעדט און געשריען איינער צום אנדערן:

„ביסט דו אליין, סנאַאי?" — האָט בען בראָס געפרעגט.

„איך בין נישט אליין, לילי איז ביי מיר."

„לילי? ווער איז די לילי? איך געדענק נישט קיין לילי אויף דער „ראַפּינע".

„דאָס קליינע מיידעלע, וועלכעס איז געווען ביי אונז אויף דער „ראַפּינע".

ערשט איצט האָב איך מיך דערמאָנט אָן דעם מיידל וואָס איך האָב נאָר אַפּאָר מאָל געזען אויף דער „ראַפּינע". איך האָב מיט איר דעמאָלט נישט געקענט רעדן, ווייל איך האָב שטענדיק געמוזט אַרבעטן און אַלע האָבן מיך געשלאָגן.

באַלד זענען מיר צוגעקומען צו דער „שיף" אָדער פּאַראָם, וואָס דער נעגער סנאַאי האָט זיך געמאַכט. איך קען אייך נישט באַשרייבן מיין פרייד, ווען איך האָב דערזען די צוויי מענטשלעכע פּנימער. פאַרוואָס האָב איך מיך געפרייט? געפינען מיר זיך אַלע נישט אין דער גרעסטער געפאַר? וועט אונז דען בעסער ווערן דער־פון, וואָס מיר וועלן ליידן צוזאַמען מיטן נעגער?

בען בראָס האָט צוגעבונדן אונזער פּאַראָם צו דער געביידע פונם נעגער און מיר האָבן אָנגעהויבן אויסצופרעגן ביי אים, ווי אַזוי ער האָט זיך געראַטעוועט און ווער איז דאָס מיידל לילי.

מיר מוזן זיך אָבער אומקערן צו דער צייט, ווען מען איז נאָר וואָס געוואָרן, אַז די „ראַפּינע" ברענט. דער קאַפּיטאַן און דער ערשטער אָפיציר האָבן געשלאָגן דעם נעגער שניימאַן, אַז דאָס בלוט האָט זיך געגאָסן פון זיינע פּלייצעס. ווען דער קאַפּיטאַן האָט געזען, אַז מען קען שוין גאָרנישט העלפן דער „ראַפּינע", איז ער אַנטלאָפן געוואָרן.

קוים האָט דער קאַפּיטאַן אויפגעהערט אים צו שלאָגן, האָט זיך דער אומגליקלעכער נעגער באַהאַלטן אין זיין קיך און די גאַנצע צייט

וואָס מען האָט פּרובירט צו לעשן די „ראַפּינע", איז ער געלעגן דאָרט באַהאַלטן. ערשט ווען די מאַטראָזן האָבן אָנגעהויבן צו שרייען, אַז אַלץ איז פאַרלוירן און מען מוז זיך ראַטעווען אויף די באָטן, איז דער נעגער אַרויסגעקראָכן פון זיין קיך.

ער האָט געזען, ווי דער שיפקאַפּיטאַן, דער ערשטער אָפיציר און פיר מאַטראָזן זענען אַנטלאָפן אויפן „שיפל". ער האָט אָבער מורא געהאַט צוצוגיין צו אים און אים בעטן, ער זאָל אים אויך מיטנעמען. דער נעגער האָט זער גוט געוואוסט, אַז אַלע זענען בייז אויף אים, ווייל ער האָט דאָך אָנגעמאַכט דאָס פייער אויף דער „ראַפּינע".

ער האָט מורא געהאַט זיך צו ווייזן פאַר די מאַטראָזן, ווייל ער האָט זער גוט געוואוסט, אַז קוים וועט ער זיך ווייזן פאַר זיי, וועלן זיי אים צורייסן אויף שטיקער. ער האָט דעריבער פאַרשטאַנען, אַז ער מוז אַליין געפינען אַ מיטל, ווי זיך צו ראַטעווען. ווען ער האָט געהערט אַז די מאַטראָזן שרייען: „אַ פּאַראָם! מאַכן אַ פּאַראָם!" האָט ער זיך געטראַכט, אַז ער מוז מאַכן פאַר זיך אַליין אַ שטיקל פּאַראָם, און זיך ראַטעווען.

דאָס איז נישט געווען שווער. ער האָט געהאַט אין קיך שטיקער האָלץ, מעסערס, העק, זעגן און אַלע נייטיקע אינסטרומענטן. ער האָט זיך באַלד גענומען צו דער אַרבעט. אין דער צייט, וואָס די מאַטראָזן האָבן געמאַכט דעם גרויסן פּאַראָם פונם זעגלבוים און פונם פאַרענץ פון דער „ראַפּינע", האָט ער זיך געמאַכט אַ קליינעם פּאַראָם פון הינטן פון דער „ראַפּינע", אין דעם אָרט, וואו דער קאַפּיטאַן מיט זיינע מענטשן זענען אַנטלאָפן.

ער האָט דעמאָלט נישט געזען די קליינע לילי. אַז דער שיפקאַפּיטאַן און דער ערשטער אָפיציר האָבן דערזען, אַז די „ראַפּינע" ברענט, האָבן זיי פאַרשלאָסן די קאַיוטע, וואו דאָס קינד פלעגט שלאָפן און האָבן עס נישט אַרויסגעלאָזן. דאָס אָרעמע קינד האָט געוויינט, געשריען און געבעטן, מען זאָל עפענען די טיר. קיינער האָט איר אָבער נישט געהערט.

ערשט ווען דער נעגער איז געווען פארטיק מיט זיין ארבעט, האט ער זיך דערמאָנט אָן דער קליינער לילי. ער האט דערהערט, ווי זי קלאפט אין דער טיר, ווי זי וויינט און בעט, אז מען זאָל זי ארויסלאָזן. דער נעגער האט געעפנט די טיר און האט זי ארויס־געלאָזן. דאָס אומגליקלעכע קינד איז געווען הונגעריק און האט זיך דערשראָקן, ווען עס האט דערזען, וואָס עס טוט זיך אויף דער „ראפינע".

„ווער איז אָבער די קליינע לילי?" — האט בען בראס גע־פרעגט.

„די קליינע לילי איז די טאָכטער פון א רייכן סוחר פון ריא דע זשאנייראָ אין בראזיליען. זי האט געוואוינט מיט אירע עלטערן אין לאנד פון מלך דשינגא און איר פאָטער האט געהאנדלט מיט אלע נעגערס, וועלכע האָבן געוואוינט אין יענער געגנט. דאָרט האט אויסגעבראָכן אן עפּידעמישע קראנקהייט, און לילים עלטערן זענען געשטאָרבן.

ווען לילים פאָטער האט געזען, אז ער מוז שטארבן, האט ער געשיקט רופן דעם ענגלישן קאָנסול און האט אים געבעטן, אז אין פאל, אויב ער וועט שטארבן, זאָל דער קאָנסול צונעמען צו זיך זיין איינציק קינד און זיין פארמעגן און זאָל זיי איבערשוקן צו זיין ברודער קיין ריא דע זשאנייראָ.

ווען די „ראפינע" איז געשטאנען אין טייך נעבן לאגער פון מלך דשינגא, האט דער ענגלישער קאָנסול איבערגעגעבן דעם שיפ־קאפיטאן פון דער „ראפינע" די קליינע לילי און האט אים צוגעזאָגט גוט צו באצאָלן, ווען דער קאפיטאן וועט ברענגען פון בראזיליען א קוויטינג, אז ער האט זי אָפּגעגעבן געזונט און שטארק.

דאָס איז געווען אלץ, וואָס דער נעגער האט געוואוסט פון דער קליינער מיידעלע. דער שיפקאפיטאן פון דער „ראפינע" האט אים פארטרויט דאָס קינד און האט אים אָנגעזאָגט, אז ער זאָל זי אָפּהיטן און זאָל אויף איר אכטונג געבן. שניימאן האט ליב באקומען

דאָס שיינע און שטילע קינד און האָט עס אָפּגעהיט, זוי זיין אויג אין קאָפּ.

ווען ער האָט געזען, אַז אַלע מאַטראָזן פון דער „ראַפּינע" ראַטעווען זיך אויפן פּאַראָם, האָט ער מורא געהאַט צוצוגיין צו זיי און זיי בעטן, אַז זיי זאָלן מיטנעמען די קליינע לילי מיט זיך. ער האָט געזען, ווי זיי זענען אַלע בייז און אויפגערעגט. ער האָט דערי־בער באַשלאָסן זי מיטצונעמען מיט זיך. כל זמן ער וועט האָבן עפּעס צו עסן, וועט ער איר אויך געבן.

אַזוי ווי ער איז געווען דער קיכער פון דער „ראַפּינע", האָט ער שטענדיק געהאַט ביי זיך אין קיך מעל, ברויט, סוכאַרעס, פּירות און אַנדערע עסנוואַרג. ער איז געווען פּאָרזיכטיק און האָט מיטגע־נומען אַלץ, וואָס ער האָט נאָר געקענט. ער האָט געהאַט גענוג פּראָוויאַנט פאַר צען מענטשן, זיין פּאַראָם אָבער איז געווען זער שוואַך.

דער נעגער איז נישט געווען קיין מאַטראָז. ער האָט גוט גע־קענט שווימען, ער האָט אָבער נישט געוואוסט, ווי אַזוי אַרומצוגיין מיט אַ רודער און ווי אַזוי צו פירן אַ פּאַראָם אָדער אַ באָאָט. קוים האָט ער צונויפגעבונדן עטלעכע ברעטער און עטלעכע שטי־קער האָלץ צוזאַמען, האָט ער אָנגעהויבן צו שלעפּן פון שיף אַלץ, וואָס ער האָט נאָר געקענט. ער האָט אָנגעבויט אַ טורם פון האָלץ, פעסער, קאַסטנס, ברעטער און קלעצער. ער האָט זער גוט געוואוסט, אַז ליידיקע פעסער שווימען גוט אויפן וואַסער און האָט אַראָפּגע־וואָרפן פון דער שיף אַלע ליידיקע פעסער, וועלכע ער האָט נאָר געקענט געפינען. דאַן האָט ער אַלץ צונויפגעבונדן צוזאַמען, ווי ער האָט געקענט. ער האָט געזען, אַז שטריק קענען אים צונוץ קומען און האָט אָנגעשלעפּט אויף זיין פּאַראָם, וויפל שטריק ער האָט נאָר געקענט געפינען.

די קליינע לילי האָט אים געהאָלפן און האָט געטאָן אַלץ, וואָס זי האָט נאָר געקענט טאָן מיט אירע קליינע פינגערלאַך.

דער נעגער האָט נישט געוואוסט, אַז צוליב דער „ראַפּינע"

געפינט זיך פּולווער. ער האָט דעריבער ערשט דאַן אויפגעהערט צו שלעפּן זאַכן פון דער „ראַפּינע“, ווען די גאַנצע שיף האָט שוין געברענט און עס איז שוין געווען אוממעגלעך ארויפצוגיין אויפן שיף.

צום גליק פאָרן נעגער מיט דער קליינער לילי, האָבן די נעגער, וועלכע איך האָב ארויסגעלאָזן פון דער שטאַל, נישט דערזען דעם קליינעם פּראַם, אויף וועלכן שניימאַן און לילי האָבן זיך געפונען. זיי האָבן עס נישט געקענט דערזען, ווייל זיי זענען אלע געשטאַנען אין פראָנט פון דער שיף. שניימאַן מיט לילי אָבער האָבן זיך געפונען פון הינטן דאָרט וואו דער רודער געפינט זיך.

שניימאַן האָט געזען די שרעקלעכע דראַמע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אויפן ים. ער האָט געזען, ווי זיינע אומגליקלעכע ברי־דער האָבן זיך אריינגעוואָרפן אין וואַסער. ער האָט געזען, ווי די האַי־פיש האָבן זיי פארשלונגען, וויפל זענען נאָכגעשוואומען דעם גרויסן פּראַם. ער האָט אלץ געזען און האָט נישט געקענט העלפן.

ענדלעך איז געקומען די שרעקלעכע קאַטאַסטראָפע: דאָס פּול־ווער האָט זיך אָנגעצונדן און די „ראַפּינע“ איז צעריסן געוואָרן אויף שטיקלעך. אזוי ווי דאָס פּולווער איז געלעגן אין פראָנט פון דער „ראַפּינע“, האָט עס וויניק געשאַדט דעם נעגערס פּראַם. דער ים האָט אפילו אָנגעהויבן צו קאָכן, זידן און רוישן ארום זיין פּראַם אַדער ארום זיין טורם פון ברעטער, פעסער און קלעצער. אייניקע ברעטער האָבן זיך אפילו אָפּגעריסן. דאָס וואַסער האָט אים פארשפּריצט און פארגאָסן צוזאַמען מיט דער קליינער לילי. עס האָט זיי אָבער נישט געשאַדט.

ער איז געבליבן מיט דער קליינער לילי אליין אין א שרעקלעכע פינסטערניש: ער האָט זי אָנגעכאַפּט ביי די הענט און האָט זי גע־האַלטן, ביז עס איז טאָג געוואָרן. דאָס אָרעמע קינד האָט געוויינט, דער נעגער האָט געציטערט. אזוי האָבן זיי פארבראַכט די נאַכט.

ענדלעך איז געוואָרן טאָג און דיביידע אומגליקלעכע האָבן געקענט זען, וואו זיי געפינען זיך, ארום זיי זענען געלעגן צעזייט און

צעשפּרייט שטיקער האָלץ, ברעטער, פּעסער, קאַסטנס, קעסטלעך און טויזנטער זאַכן, וועלכע זענען געבליבן פון דער אומגליקלעכער „ראַפּינע". דער גאַנצער ים אַרום זיין קליינעם פּראָם איז געווען באַדעקט מיט דיזאַזיקע זאַכן פון דער „ראַפּינע". אַ סך קליינ־קייטן זענען געווען אַזוי נאָענט פון זיין פּראָם, אַז ער האָט גע־קענט זיי כאַפּן מיט דער האַנט.

ער האָט אָנגעהויבן צו כאַפּן אַלץ, וואָס ער האָט נאָר געקענט דערגרייכן. ער האָט געגעבן דער קליינער לילי עפּעס עסן און האָט זי געלייגט שלאָפן. דאָס אָרעמע קינד איז געווען מיד און צו־בראָכן. עס איז באַלד אַנטשלאָפן געוואָרן. שניימאַן אָבער איז נישט געשלאָפן. ער האָט צוזאַמענגעבונדן דריי ליידיקע פּעסער און האָט אָנגעהויבן אַרומצופאָרן אויף זיי צווישן די רוינען, די צעבראָכענע שטיקער פון דער „ראַפּינע". אַלס רודער האָט ער באַנוצט אַ שטיק האָלץ. ער איז אַפילו געווען אַ שלעכטער מאַטראָז און האָט גערודערט זער לאַנגזאַם, דאָס האָט אים אָבער ווייניק געקימערט. ער האָט געהאַט גענוג צייט. דערווייל האָט ער געהאַט גענוג וואַסער און גענוג פּראָוויאַנט צו עסן.

ער האָט זער גוט געוואוסט, אַז וואַסער איז דאָס נייטיקסטע פאַר אים און אַזוי ווי ער האָט געהאַט ביי זיך אין קיך אַ פּעסל מיט וואַסער, האָט ער עס אָראָפּגעקייקלט אויפן פּראָם. ער איז אַלזאָ געווען אויף אַ קורצע צייט פאַרזאָרגט מיט אַלעם נייטיקן און האָט געהאַט גענוג צייט זיך אַרומצוקוקן און אויפצונעמען אַלץ, וואָס ער האָט געפונען פאַר נייטיק.

אַזוי האָט ער פאַרבראַכט די צייט, פון דער נאַכט ווען די „ראַפּינע" איז אונטערגעגאַנגען, ביז מיר האָבן אים באַגעגנט, ריכ־טיקער געזאָגט, ביז מיר זענען זיך צונויפגעקומען. יעדן טאָג פלעגט ער אַרומפאָרן אויף זיינע דריי ליידיקע פּעסער און פלעגט זוכן צווישן די רוינען, די צעבראָכענע שטיקער פון דער „ראַפּינע" זאַכן, וואָס קענען אים נוצן. ער האָט שוין געהאַט אַזויפיל מאַטעריאַל, אַז מען וואָלט געקענט אויסבויען אַ ריכטיקע שיף. ער האָט אָבער

נישט געוואוסט, וואָס צו טאָן דערמיט. ער איז נישט געווען קיין מאטראָז און האָט נישט געהאַט קיין באַגריף ווי אַזוי מען מאכט אַ באָאָט און ווי אַזוי מען פירט אַ באָאָט.

ווי אַזוי קומען מיר צו אים? דאָס ווייס איך נישט. איך שטעל מיר פֿאָר, אַז אין דער צייט פֿון אַ שטורם, ווען מיר האָבן באַקומען וואסער, האָט אונז דער ווינט געטריבן צוריק צו דעם אָרט, וואו די „ראפינע" איז אונטערגעגאנגען. ווען מיר האָבן געמאכט אַ זעגל פֿונם פלייש פֿון האמערפיש, האָט דער ווינט אונז געטראָגן צו דעמזעלבן אָרט.

דער נעגער מיט דער קליינער לילי האָבן זיך נישט גערירט פֿונם אָרט, צייט די ראפינע איז אונטערגעגאנגען. זיי האָבן נישט געקענט ווייטער פאָרן, ווייל זיי האָבן נישט געהאַט קיין זעגל און נישט קיין רודער. דער נעגער האָט געהאַט נאָר איין איינציקע האָפנונג: עס וועט אָנקומען אַ שיף און וועט זיי אויפנעמען.

טאָג נאָך טאָג זענען פארגאנגען און זייער לאגע האָט זיך נישט געענדערט. די קליינע לילי איז געווען צו יונג אום צו פארשטיין איר לאגע. זי האָט געהאַט וואָס צו עסן און וואָס צו טרינקען און איז געווען צופרידן. שניימאַן פלעגט זער אָפט טראכטן פֿון זיין לאגע. ער פלעגט עס אָבער נישט ווייזן דער קליינער לילי. דער דורכגעטריבענער נעגער האָט זער גוט פארשטאנען, אַז ער דאַרף נישט באַאומרויקן דאָס אומגליקלעכע קינד.

דאָס שרעקלעכסטע אין זייער לאגע איז געווען, וואָס זיי פלעגן זער אָפט זען האַיפיש שווימען ארום זייער פּאַראָם. די האַיפיש האָבן געהאַט אויף דעם אָרט אַ בלוטיקן באַל. זיי האָבן צעריסן און פארשלונגען איבער פיר הונדערט מענטשן און זיי האָבן נישט געוואָלט אָפּטרעטן פֿון דעמדאָזיקן אָרט. שניימאַן פלעגט ציטערן יעדעס מאָל, ווען אַ האַיפיש פלעגט ארויסשטעקן זיין גרויסן קאָפּ און פלעגט אַ קוק טאָן אויף אים מיט זיינע גרויסע בלוטדורשטיקע פארלאָפענע אויגן.

די ערשטע פּאָר טעג זענען די האַיפיש געווען זאַט און פלעגן

זיי וויניק באאומרויקן. אויפן פיפטן, זעקסטן טאָג אָבער זענען זיי געוואָרן זער אומרויק און פלעגן שווימען גאַנץ נאָענט ארום זייער פאַראָם. שניימאַן האָט מורא געהאַט אָפּצוטרעטן פונם פאַראָם, ער האָט שוין מורא געהאַט ארומצושווימען אויף זיינע דריי פעסער. די האיפיש זענען געוואָרן אזוי פרעך און אזוי אומפאַרשעמט, אז זיי פלעגן אָנפאַלן אויף זיין פאַראָם, פלעגן כאַפּן א שטיק האָלץ, א ברעט אָדער א פאַס און פלעגן עס צוקייען מיט זייערע שאַרפע ציינער.

ער האָט געמוזט זיך באַוואָרענען פאַר זיי. ער האָט פּראָבירט זיי שלאָגן איבער די קעפּ מיט שטיקער האָלץ, די פרעכע האיפיש פלעגן זיך אָבער וויניק דערשרעקן פאַר אים. זיי פלעגן אויף א מינוט אנטלויפן, באַלד אָבער פלעגן זיי קומען צוריק און פלעגן ווידער אָנפאַלן אויף אים.

שניימאַן האָט געמוזט מאַכן ארום זיין פאַראָם א הויכע וואַנט פון ליידיקע פעסער. ער האָט געהאַט גענוג פעסער און גענוג שטריק צוזאַמען צובינדן זיי. זיין פאַראָם האָט איצט אויסגעוויזן, ווי אן איינגעפאַלענע פעסטונג. פון אלע פיר זייטן זענען געווען צוגעבונדן ליידיקע פעסער און צוויי רייען אין דער הויך. אין דערמיט איז געווען אויסגעשפּרייט א גרויס שטיק זעגלטוך, אויפן זעגלטוך זענען געלעגן לילים זאַכן, א וואָלענע קאָלדרע צוויי קישעלעך און איינציקע קליינקייטן.

דאָס איז געווען זייער בעט. דאָ זענען ביידע געשלאָפן, אזוי ווי די האיפיש זענען געוואָרן מיט יעדן טאָג אומרויקער און ווילדער, האָט מען שטענדיק געמוזט שטיין אויף דער וואַך. ווען דער נעגער פלעגט ווערן שרעקלעך מיד און האָט געמוזט זיך אָפּריען, פלעגט לילי מוזן האַלטן די וואַך. די קליינע לילי האָט זער גוט געקענט די געפאַר, אין וועלכער זי האָט זיך געפונען. זי האָט אויך געציטערט פאַר די האיפיש. זי האָט געזען, ווי די האיפיש האָבן צוריסן און פאַרשלונגען די נעגערס פון דער „ראַפּינע"

איינמאָל, ביינאַכט, האָט זיך דער נעגער געלייגט שלאָפן און

די קליינע לילי האָט געהאַלטן די וואַך. עס איז געווען א פינסטערע נאַכט. די לבנה האָט נישט געשיינט, ווייל עס איז געווען סוף חודש. דער ים איז געווען שטיל און רויק. לילי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן א פּאַס און האָט געקוקט אויפן ים. פּלוצלינג האָט א גרויסער האַי־פיש אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון וואַסער און האָט געוואָלט זי אָנכאַפּן. לילי האָט אָנגעהויבן צו שרייען און איז אַרויפגעפאַלן אויפן בעגער. שיינמאַן האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט געכאַפּט א שטיק האָלץ און איז צוגעלאָפן צום פּאַס, וואו דער האַיפיש האָט זיך געוויזן. ער איז פאַרשוואונדן געוואָרן.

דאָס זענען געווען די שטימען, וואָס איך האָב געהערט ביי־נאַכט. ווען מיר זאָלן זיך נישט געווען דערשראָקן און נישט געווען מורא האָבן, אז דאָס זענען די מאַטראָזן פון דער ,,ראַפּינע'', וואָלטן מיר זיי שוין לאַנג געווען דערגרייכט.

אָס מערקווירדיקסטע דערביי איז געווען, וואָס שניימאַן און לילי האָבן געהערט אונזערע שטימען אויך. לילי האָט געבעטן דעם בעגער, ער זאָל שרייען, און זאָל אונז רופן, ער האָט אָבער מורא גע־האַט עס צו טאָן. ער האָט מורא געהאַט פאַר די גייסטער פון ים. אין זיין לאַנד פלעגט מען דערציילן, אז ביינאַכט שווימען אַרום אויפן ים גייסטער, וועלכע שלעפּן אַראָפּ די מענטשן אין דער טי־פעניש. ערשט ווען עס איז טאָג געוואָרן, האָט ער זיך דערלויבט צו שרייען און צו רעדן אין דער הויך. דעמאָלט האָבן מיר זיך באַ־געגנט.

קאַפּיטל פיר.

מיר זענען איצט געווען גליקלעך. מיר געפינען זיך צווישן באַקאַנטע. מיר האָבן אַביסל וואַסער און זיי האָבן אַביסל וואַסער. מיר האָבן אַביסל פּראָוויאַנט און זיי האָבן אַביסל פּראָוויאַנט. מיר האָבן געטריקנטע פיש און זיי האָבן סוכאַרעס.

איך קען אייך נישט באַשרייבן מיט וואָס פאַר אַן אַפּעטיט, מיט וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן איך האָב איינגעשלונגען די ערשטע פאָר שטיקלעך סוכאַרעס, וועלכע לילי האָט מיר געגעבן. איך האָב זיי פאַרשלונגען, גלייך ווי זיי וואָלטן געווען דאָס טייערסטע עסן, וואָס מען גיט פאַר אַ מלך, בען בראַס האָט אויך געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט.

דעררדאָזיקער טאָג איז געווען ביי אונז אַ יום־טוב. מיר האָבן געגעסן די בעסטע עסנס און האָבן געטרונקען גענוג וואַסער. נאָכן עסן האָבן מיר זיך געלייגט שלאָפן און האָבן אָפּגעשלאָפן דעם גאַנצן טאָג. דער נעגער און לילי האָבן געהאַלטן וואַך פאַר אונז. פאַרנאַכט זענען מיר אויפגעשטאַנען און דער נעגער האָט זיך געלייגט שלאָפן. לילי איז געשלאָפן אויף איר געלעגער נעבן אים. ביי־נאַכט האָבן אַ פּאָר הייפיש ווידער פּראָבירט אָנפאַלן אויף אונז, בען בראַס האָט זיי אָבער געגעבן אַזאַ לעקציע, אַז זיי האָבן אים געהאַט צו געדענקען. ער האָט ווידער צעשפּאָלטן איינעם דעם קאָפּ מיט זיין האַק.

דעם אנדערן טאָג אינדערפרי זענען מיר ווידער געזעסן אלע פיר און האָבן געגעסן פרישטיק צוזאמען. נאָכן עסן האָבן מיר אָנגעהויבן צו טראכטן, וואָס צו טאָן.

„מיר האָבן גענוג מאטעריאל, האָט בען בראס געזאָגט, מיר קענען מאכן א שטארקן פּראָם, א מין באָט, אויף וועלכן מיר זאָלן קענען שווימען, מיר זאָלן קענען ווייטער פאָרן."

„ווי זאָלן מיר עס אָבער מאכן?" — האָב איך געפרעגט.

„די עטלעכע ברעטער, אויף וועלכע מיר זענען ביז איצט געפאָרן, זענען צו שוואך און צו קליין פאר אונז. מיר מוזן עס צונעמען און מיט אָט די ברעטער און קלעצער באפעסטיקן דעם נייעם באָט."

„איך דענק, עז עס וואָלט גלייכער געווען, מיר זאָלן זיך אלע איבערקלייבן אויף אונזער קליינעם פּראָם און זאָלן דאָרט בלייבן, ביז מיר וועלן מאכן עפּעס פון דעם מאטעריאל, וועלכער געפינט זיך אויפן גרויסן פּראָם," — האָב איך געזאָגט.

„גאַנץ ריכטיק," — האָט דער נעגער באמערקט. — „גאַנץ ריכטיק! אזוי וועט עס בעסער זיין. זעט דעם ים ארום. עס געפינען זיך דאָ אזוי פיל קלעצער און ברעטער, אז מען קען מאכן א גאנצע שיף.

דער פּלאַן איז געפעלן געוואָרן און מיר האָבן זיך באלד גענומען צו דער ארבעט. בען בראס האָט איצט געוויזן, אז ער האָט נישט פארגעסן, וואָס ער האָט געלערנט אין שול. ער האָט צוערשט געמאכט א פּאָנטאָן־בריק פון ליידיקע פעסער. מיר זענען ארומגעפאָרן און האָבן אויסגעפאנגען אלע ליידיקע פעסער, וועלכע מיר האָבן נאָר געקענט געפינען, האָבן זיי אויסגעלייגט אין רייען און אויף זיי האָבן מיר ארויפגעלייגט ברעטער, וועלכע מיר האָבן צוגעשלאָגן אָדער צוגעבונדן צו די פעסער.

מיר האָבן אלע געארבעט פלייסיק, אפילו די קליינע לילי האָט געארבעט. אזוי ווי מיר האָבן געהאַט ווייניק טשוועקעס, האָבן מיר אָנגעהויבן ארויסצושלעפּן די אלטע טשוועקעס פון די ברעטער פון

דער „ראפינע", ווען עס זענען אונז אויסגעגאנגען די טשוועקעס האָבן מיר אָנגעהויבן צוצובינדן די ברעטער צו די פעסער מיט שטריק.

צוזאַרגנס האָבן מיר שוין געהאַט א גאנץ גרויסן, ברייטן און גרוימיקן פאראַם, באָט, פּאָנטאָן־בריק אָדער שיף. רופט עס ווי איר ווילט. איך ווייס אליין נישט, ווי מען זאָל עס רופן, עס איז געווען גענוג שטארק און דער עיקר, גענוג הויך איבערן וואסער, אזוי אז א האיפיש האָט נישט געקענט אזוי לייכט צוקומען צו אונז.

ווען די פּאָנטאָן־בריק איז געווען פארטיק, האָבן מיר דערויף איבערגעטראָגן אלע אונזערע זאַכן און מיר האָבן אָנגעהויבן צוברעכן און צונעמען דעם קליינעם פאראָם, אויף וועלכן איך און בען בראס זענען געשווימען ביז אהער און וואו מיר האָבן אזוי פיל דורכגעלעבט און דורכגעליטן.

בען בראס האָט געוואוסט, ווי אזוי צו בויען א שיף, ער האָט געוואוסט, אז דער פראָנט פון א שיף מוז זיין מיט א שפּיץ. ער מוז זיין שארף, ער זאָל קענען שניידן דאָס וואסער. בען האָט צוזאמענגעשלאָגן די ברעטער אין א שארפן ווינקל און האָט געמאכט פון זיי א נאָז פאר אונזער נייע שיף.

פינף טעג נאָכאנאַנד האָבן מיר אלע געארבעט זער שווער, ביז מיר האָבן אויסגעבויט א סאָרט באָט אָדער א סאָרט מאשין, וועלכע מען האָט געקענט פירן און ארומפירן, וואוהין מען האָט געוואָלט, עס איז נאָך נישט געווען קיין באָט, עס איז אָבער געווען בעסער פונם פאראָם. ווען אלץ איז געווען פארטיק, האָבן מיר אָנגעהויבן צו טראכטן, וואָס פאר א נאָמען מען זאָל געבן אונזער שיף, אזוי ווי בען בראס איז געווען דער הויפּט־ארכיטעקטאָר פון אונזער שיף, האָבן מיר אים געגעבן דעם כבוד צו געבן א נאָמען דער שיף.

„אלבאטראָס", — האָט ענדלעך בען ארויסגעזאָגט.

און אזוי איז געבליבן. אונזער שיף האָט געהייסן „אלבאטראָס". מיר האָט אפילו דערדאָזיקער נאָמען נישט שטארק געשמעקט. איך

האָב אויך געפונען, אז ,אונזער שיף איז נישט שטאַרק ענלעך צום גרויסן און שטאַרקן אדלער, וועלכן מען רופט אַלבאַטראָס. עס איז אמת, דער אַלבאַטראָס איז דער איינציקער פייגל, וועלכער פליט אַוועק אויף טויזנטער מייל אין ים כאַפּן פיש. ער איז אָבער זער שטאַרק און האָט צוויי לאַנגע און שטאַרקע פליגלען. ווען ער ווערט מיד, רוט ער זיך אָפּ אויף זיינע אייגענע פליגלען. איך מוז אָבער זאָגן דעם אמת, אז אונזער שיף האָט נישט פאַרדינט דעם נאָמען אַלבאַט־ראָס, ווייל עס איז געווען נישט שטאַרק, ווי אַן אַלבאַטראָס און נישט שנעל, ווי אַן אַלבאַטראָס. בען בראַס איז אָבער געווען דער ערשטער אַרכיטעקטאָר, דער ערשטער אַרבעטער און דער שיפּ־קאַפּיטאַן פון אונזער שיף. מיר האָבן געמוזט פאָלגן אַלץ, וואָס ער האָט אונז געהייסן און מיר האָבן געמוזט זיין צופרידן מיטן נאָמען אַלבאַטראָס.

ווען ער איז געווען פאַרטיק, האָבן מיר זיך ווידער אָפּגערוט אַ פּאָר טאָג. דאַן האָבן מיר אָנגעהייבן צו פּראָבירן אונזער „אַלבאַט־ראָס", זען, ווי ער וועט גיין. מיר האָבן תחילת פּראָבירט אים טרייבן מיט רודערס. אונזער אַלבאַטראָס איז געגאַנגען זער לאַנגזאַם.

„מיר מוזן אויפשטעלן אַ זעגלבוים און ארויפציען אויף אים אַ זעגל," — האָט בען געזאָגט און האָט זיך באַלד גענומען צו דער אַרבעט.

אין אַ קורצע צייט זענען געשטאַנען אויפן אַלבאַטראָס צוויי זעגלביימער, אויף וועלכע עס זענען געהאַנגען זעגלען. דאָס האָט געהאָלפן. פאַרנאַכט, ווען עס האָט זיך אויפגעהייבן אַ ווינט, האָבן מיר אָנגעצויגן די זעגלען. דער „אַלבאַטראָס" האָט זיך אָנ־געהויבן צו רירן.

„קיין אַמעריקע! קיין אַמעריקע!" — האָט בען בראַס מו־טיק ,אויסגערופן. — מיר פאָרן קיין אַמעריקע!"

ער האָט זער גוט געוואוסט, אז אויף אַזאַ מאַשין, ווי אונזער „אַלבאַטראָס" איז נישט אַזוי לייכט צו קומען קיין אַמעריקע; עס האָט אים אויך זער ווייניק געקימערט, צו מיר וועלן קומען קיין

אמעריקע צי קיין אפריקע. מיר האָבן געוואָלט קומען צו א לאנד, וואו עס געפינען זיך ציוויליזירטע מענטשן. ער האָט געשריען: „קיין אמעריקע!" נאָר אונז צו ווייזן, אז אונזער „אלבאט־ראָס" איז אזוי שטארק, אז מיר קענען מיט אים פאָרן אין דעם לאנד פון קאָלומבוס.

איך בין געווען צופרידן, וואָס מיר האָבן פארלאָזט דעמדאָזיקן אומגליקלעכן אָרט, וואו אזוי פיל מענטשן האָבן פארלאָזן דאָס לעבן. איך פלעג א ציטער טאָן יעדעס מאָל, ווען איך פלעג אקוק טאָן אויפן וואסער און פלעג דערזען די גרויסע פייערדיקע אויגן פון א האיפיש, וועלכער פלעגט נאָך אלץ קוקן אויף אונז און זוכן אונז צו פארשלינגען.

דער „אלבאטראָס" איז געגאנגען זער לאנגזאם. ער איז געקראָכן, ווי א פאָר אָקסן, וועלכע שלעפּן א שווערן וואָגן. אָבער ער איז דאָך געגאנגען. ער איז דאָך נישט געשטאנען אויף אן אָרט. בען בראם אָדער דער נעגער פלעגן שטיין ביים רודער, איך און לילי פלעגן שטיין אָן א זייט און קוקן אויפן ים.

איך האָב איצט שוין דערציילט, אז איך פלעג שטענדיק ליב האָבן דעם ים. עס פלעגט מיך שטענדיק ציען צו אים. איצט איז דאָס געווען מיין טרייסט. איך האָב געקענט באטראכטן דעם ים מיט זיינע וואונדער.

אך, ווי גרויס און הערלעך איז דאָס וועלט־ים! וויפל וואונדער, וויפל סודות ליגן פארבאָרגן אונטער זיינע טיפע וואסערן! ווען מען פאָרט אויף א שיף, באזונדערס, ווען מען פאָרט אויף די גרויסע און שנעלע דאמפשיפן, ווייס מען גארנישט און מען קען גארנישט וויסן, וואָס דער ים איז. אויף אונזער „אלבאטראָס", אויף עטלעכע ברעטער און ליידיקע פעסער, האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו לערנען דעם ים, צו שטודירן אים און צו קענען אים.

איך וואָלט געווען גליקלעך, ווען איך זאָל געווען קענען רעדן מיט מיין נייעם פריינט, לילי, ליידער, האָט זי גערעדט נאָר פּאָרטוגעזיש און איך האָב גערעדט נאָר ענגליש. מיר האָבן געמוזט רעדן זיקן אומגליקלעכן אָרט, וואו אזוי פיל מענטשן האָבן פארלאָרן דאָס

דורך צייכנס און דורך איינציקע ווערטער, וועלכע מיר האָבן בייַ דע פארשטאַנען, מיר האָבן גערעדט אויפן לשון, וועלכע אַלע מענטשן פון דער וועלט: שוואַרץ און ווייס, געל און רויט, יונג און אַלט פארשטייען — דאָס איז די שפּראַך פון ליבע.. מיר האָבן זיך פארשטאַנען, ווייל מיר האָבן זיך איינגעליבט, מיר האָבן זיך געליבט, ווייל מיר זענען ביידע געווען אומגליקלעכע, וועלכע זענען פארוואָרפן געוואָרן אויפן גרויסן וועלט־ים און האָבן זיך שטענדיק געפונען אין דער גרעסטער געפאַר.

עס זענען פארגאַנגען עטלעכע טעג אָן שום פאַסירונגען. דער „אַלבאַטראָס" האָט געשוואומען זער לאַנגזאַם. ווען עס פלעגט זיך אויפהייבן אַ ווינטל, פלעגן מיר אויפציען די זעגלען און פלעגן פאָרן שנעל, פלעגט זיין שטיל, פלעגן מיר רודערן מיט דער מאַשין, וואָס בען בראַס האָט געמאַכט.

דאָס וועטער איז געווען שיין. די זון האָט געברענט, ווי פייער און די לעבעדיקע איינוואוינער פונם וועלט־ים פלעגן זער אָפט ארויסשטעקן די קעפּ פונם וואַסער און קוקן אויף אונז מיט זייערע אויגן אָן ברעמען. אַלץ איז געווען שטיל און רויק. איינמאָל איז אונז געלונגען צו כאַפּן אַ גרויסן פיש מיט אַ לאַנגן שטיק אייזן, וואָס דער נעגער סנאַי האָט מיטגעבראַכט פון דער „ראַפּינע". מיר האָבן געגעסן רויע אָדער געטריקנטע פיש. פון צייט צו צייט פלעגן מיר זיך מאַכן אַ יום־טוב און פלעגן זיך דערלויבן צו עסן סוכאַרעס. די סוכאַרעס זענען אפילו געווען פארנעצט און געזאַלצן פון ים־וואַסער.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָבן מיר אָפּגעגעסן אונזער פרישטיק און האָבן זיך געזעצט אָפּרוען. דער טאָג איז געווען אַ ברענענדיקער, די זון האָט געברענט, ווי פייער. דער ים איז געווען גלאַט, ווי אַ שפּיגל. עס האָט זיך נישט גערירט קיין ווינטעלע. דער נעגער שניימאַן האָט געהאַלטן די וואַך ביינאַכט און האָט זיך געלייגט שלאָפן. בען בראַס האָט זיך געשטעלט ביים רודער און האָט פּראָבירט צו רודערן. איך און לילי זענען געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן אַ

ברעט, וואָס האָט אונז געדינט פאַר אַ פּאַרענץ, און האָבן געקוקט אויפן ים.

פלוצלינג האָט זיך דאָס וואַסער אָנגעהויבן צו רירן. און עס האָט זיך באַוויזן אַ מאָדנע געשטאַלט.. עס האָט אויסגעוויזן, ווי אַ גרויס פאַס. פון איין זייט פאַס האָט אַרויסגעשטעקט אַ גרויסע שנאָבל, ווי ביי אַ פויגל. אין דער מיט פאַס האָבן אַרויסגעשטעקט צוויי גרויסע גרויע אויגן..

וואָס איז דאָס פאַר אַ באַשעפעניש? ווי קומט עס אהער? לילי איז געשטאַנען נעבן מיר און האָט אויך געקוקט אויף דער דאָזיקער בריאה. מיר זענען ביידע געווען אַזוי פאַראינטערעסירט, אַז מיר האָבן קיין צייט נישט געהאַט צו רעדן איינער מיט דעם אַנדערן אַ וואָרט.

מיר האָבן געזען, אַז עס לעבט, אַז עס רירט זיך; מיר האָבן אָבער נישט געזען נישט קיין קאָפּ, נישט קיין פלוספעדערן, נישט קיין פיס, נישט קיין שופּן, נישט קיין מויל, און דאָך האָט עס זיך גערירט, געדרייט, זיך אויסגעצויגן און זיך צענויפגעקייקלט

עס זענען פאַרגאַנגען אייניקע מינוטן און מיר האָבן אַלץ גע־קוקט אויף דער דאָזיקער בריאה. פלוצלינג האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אַ לאַנגער פּאַס, ווי אַ לאַנגער און שטאַרקער רימען און האָט זיך אַרומגעוויקלט אַרום לילים פוס. לילי האָט אַרויסגעלאָזן אַ שרעק־לעכן געשריי:

„גוואַלד! ראַטעוועט מיך!"

איידער איך האָב צייט געהאַט מיך אומצוקוקן, האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אַ צווייטער רימען און האָט אַרומגעוויקלט איר קערפּער. ביידע רימענס אָדער ביידע לאַנגע פּאַסן האָבן זי געשלעפּט אין ים. זיי וואָלטן געוויס זי אַריינגעשלעפּט אין וואַסער, ווען זי זאָל נישט געווען אומגעפאַלן אויפן „אַלבאַטראָס" און זאָל נישט געווען זיך אָנשפּאַרן מיט די פיס אָן די ברעטער, וועלכע האָבן אונז געדינט אַלס פּאַרענץ

בען בראס איז צוגעשפרונגען צו אונז האָט א קוק געטאָן אויפן ים.

„דער אָקטאָפּוס!" — האָט ער א געשריי געטאָן. — „שנעל בילי! וועק אויף דעם נעגער!"

איך האָב נישט געוואוסט, וואָס דאָס איז פאר א באשעפעניש דער אָקטאָפּוס. עס איז אָבער קיין צייט געווען צו פרעגן און צו טראכטן. די קליינע לילי האָט געוויינט, געשריען און געבעטן, מען זאָל זי ראטעווען. איך האָב אָנגעכאפּט דעם נעגער ביי די פּלייצעס און האָב אָנגעהויבן אים צו וועקן. אין איינִיקע מינוטן זענען מיר אַלע דריי געשטאנען ארום דער אומגליקלעכער לילי.

„ער עסט מיך !אויף! ער טרונקט מיך אויס!" — האָט דער־ווייל דאָס אומגליקלעכע קינד געשריען.

שניימאן דער נעגער, האָט געכאפּט זיין מעסער און האָט אָנגעהויבן צו שניידן די משונהדיקע רימענס, וועלכע זענען געווען ארומגעוויקלט ארום לילים קערפּער. עס האָט אָבער גאָרנישט גע־האָלפן. די רימענס זענען געווען הארט, ווי שטאָל.

דער אָקטאָפּוס אָדער „אכטפוס" איז ווירקלעך איינס פון די מערקווירדיקסטע באשעפענישן, וועלכע געפינען זיך אין ים. זיין קערפּער איז זער ענלעך צו א פאס. עס איז א קיילעכדיק שטיק פלייש מיט צוויי גרויסע אויגן אין דער מיט. און איין אָרט שטעקט ארויס א שנאָבל, ווי ביי א פויגל, אָבער פיל גרעסער און פיל שארפער, ווי ביי א פויגל. ארום די אויגן געפינען זיך אכט פיס, אָדער אכט לאנגע לעדערנע רימענס. ווען דער אָקטאָפּוס פארהאלט זיך רויק, ציט ער זיי צענויף און מען קען זיי נישט זען; ווען ער דערזעט אָבער אַ פיש, א קראב, אָדער א מענטשן, ציט ער אויס זיינע פיס אָדער זיינע לעדערנע רימענס, וויקלט זיי ארום און שלעפּט זיי צו־צו זיך

דידאָזיקע פיס אָדער רימענס זענען נישט גאנץ גלאַט. זיי זע־גען באזעצט מיט קליינע עפענונגען, אָדער מיילער, אָדער זויגער. זיי קלעפּן זיך צו, זויגן זיך איין אין דער זאך, וואָס זיי כאפּן ארום

און זויגן אים אויס דאָס בלוט. דער אָקטאָפּוס זויגט מיט זיינע פיס. ערשט ווען ער זויגט אויס דאָס גאַנצע בלוט פון דעם פיש אָדער פונם מענטשן, שלעפט ער אים צו צום שנאָבל און צערייסט אים און פרעסט אויף דאָס פלייש.

דער אָקטאָפּוס איז איינער פון די געפערלעכסטע רוצחים און מערדער, וועלכע האַלטן זיך אויף אין ים. ער קען לעבן אַ קורצע צייט אויף דער לופט. ביי די ברעגעס פון ים מאַכט זיך אַמאָל, אַז ער קריכט אַרויס אויף דער יבשה און קריכט אַרום אויף זיינע אַכט פיס אָדער אַכט הענט זוכנדיק עפּעס צו עסן. עס מאַכט זיך אָפּט, אַז ער געפינט אַ קינד ביים ברעג ים און שלעפּט עס אַוועק. די עלטערן ווייסן אַפילו נישט, וואו דאָס קינד איז אַהינגעקומען.

ביים ברעג ים געפינען זיך אָבער געוויינלעך נאָר קליינע אָקטאָפּוסן. די פישער קענען זיי זער גוט, פאַנגען זיי און טויטן זיי. אויף די פישמערק פון ניו־יאָרק קען מען אַמאָל זען קליינע אָקטאָפּוסן. די איטאַליענער עסן זיי.

אַ גרויסן אָקטאָפּוס אָבער קען מען זען נאָר ווייט אין ים, וואו קיינער שטערט אים נישט און ער וואַקסט אַמאָל אויס זער גרויס. דאַן איז ער געפערלעך. ווען ער זויגט זיך איין אין אַ מענטשן, איז אוממעגלעך אים אָפּצורייסן. זיינע לעדערנע פיס זענען האַרט, ווי אייזן. מען דערציילט, אַז אין די אַלטע צייטן פלעגט אַמאָל אַן אָקטאָפּוס אַראָפּכאַפּן אַ מאַטראָז פון אַ שיף.

אַזאַ גרויסער און שטאַרקער אָקטאָפּוס האָט איצט אַרומגעוויקלט זיינע הענט אָדער זיינע פיס אַרום לילים קערפּער. דאָס אומגליקלעכע מיידל האָט געשריען און געוויינט.

„ראַטעוועט מיך! ער עסט מיך אויף! ער טרינקט מיך אויס!"

אַלע מיילער פונם אָקטאָפּוס האָבן אָנגעהויבן אויסצוזויגן דאָס בלוט פונם אָרימען קינד. ער וואָלט זי געוויס אַראָפּגעשלעפּט אין וואַסער, ווען בען בראַס זאָל זי נישט געוועןצוהאַלטן. דערמיט

אָבער האָט ער איר ווייניק געהאָלפן. אויף יעדער פוס פונם אָקטאָפּוס געפינען זיך פון פופציק ביז זעכציק אזעלכע מיילער און יעדעס מויל זויגט, יעדעס מויל פרעסט, יעדעס מויל ציט ארויס דאָס בלוט און די זאפט פונם מענטשן אָדער חיה, וואָס דער אָקטאָפּוס האַלט ארומגעוויקלט. מען קען זיך לייכט משער זיין, ווי דאָס אָרימע קינד האָט געליטן, ווען די צוויי לענגסטע פיס פונם אָקטאָ־פוס האָבן זיך ארומגעוויקלט ארום איר און האָבן אָנגעהויבן זי צו זויגן.

„האַלט זי צו, סנאָאי!” — האָט ענדלעך בען בחאָס אויס־געדופן, — „איך מוז אים טויטן!”

דער נעגער האָט אָנגעכאַפּט דאָס אומגליקלעכע קינד און האָט עס געהאַלטן פעסט, דער אָקטאָפּוס זאָל זי נישט ארײַנשלעפּן אין ים. בען בראָס האָט געכאַפּט זיין מעסער און איז ארײַנגעשפּרונגען אין וואסער. אין די מינוט האָט דער אקטאָפּוס ארויסגעוואָרפן א דריטן רימען, א דריטע האַנט, וועלכע האָט זיך ארומגעוויקלט ארום בען בראָס. אַן אַנדערער אויף זיין אָרט, וואָלט פאַרלוירן דעם מוט און וואָלט אָנגעהויבן צו שרייען און צו וויינען. בען בראָס איז אָבער נישט געווען אַזאַ מענטש, וועלכער דערשרעקט זיך אַזוי לייכט. ער האָט גוט געקענט דעם פיינט, וועלכן ער האָט יעצט געהאַט פאַר זיך.

בען האָט געוואוסט, אַז אין קערפּער פונם אקטאָפּוס איז דאָ נאָר איין אָרט, וואו מען קען אים טויטן. דער גאַנצער קערפּער איז גאַנץ ווייך און איז באַדעקט מיט א גאַנץ דינער הויט. דער אקטאָפּוס פילט אָבער נישט, ווען מען שניידט זי איין. מאַכט מען אָבער א שניט צווישן די אויגן פון אָקטאָפּוס, טויט מען אים אויפן אָרט.

בען בראָס האָט זיך דעריבער זער ווייניק געקימערט, וואָס דער אָקטאָפּוס האָט אים אָנגעכאַפּט, ער איז אפילו געווען צופרידן דער־מיט, וואָס דאָס פאַרזעעניש שלעפּט אים צו זיך. דאָס האָט ער געדאַרפט. ער האָט געהאַלטן זיין שאַרפן מאַטראָזן־מעסער אין דער הויך און איז צוגעשוואומען צום אָקטאָפּוס, וועלכער האָט שוין אויס

געשטעלט זיין גרויסן שנאָבל אים צוצורייסן. אין דער מינוט האָט בען ארייגעשטאָכן זיין שארף און שפיציק מעסער ואין קאָפּ פון אקטאפוס, פונקט צווישן דיביידע גרויסע אויגן און האָט אָנגעהויבן אויסצושניידן א גרויס שטיק, ווי א פענסטער.

דער אָקטאפוס האָט אָפּגעלאָזן בען בראס און לילין, זיינע לאנ־גע /העגנט זענען אראָפּגעפאלן און האָבן זיך צונויפגעצויגן. יעצט האָט אָבער בען בראס נישט אָפּגעלאָזן דער אָקטאפוס. ער האָט אים ארויפגעשלעפּט אויפן „אלבאטראָס.”

לילי איז געלעגן אין חלשות. פון די ערטער פון איר קערפּער וואו די רימענס פונם אָקטאפוס האָבן זי ארומגענומען, האָט גערו־נען בלוט, ווי עס רינט דאָס בלוט פון א מענטשן, וועלכן מען האָט נאָר וואָס געשטעלט באנקעס. אויף איר פּוס און אויפן קערפּער זענען געווען קליינע צוביסענע וואונדן, פון וועלכע עס האָט גע־רונען בלוט.

ווען בען בראס איז ארויסגעקומען פון וואסער, האָבן מיר באמערקט אז פון זיינע פּוס רינט אויך בלוט. ווי קורץ דער אָקטאפוס האָט אים געהאלטן, און דאָך האָט ער שוין צייט געהאָט דורכצו־קעכערן זיין הויט ביז בלוט. דער שטארקער מאטראָז האָט באלה צעריסן זיין העמד און האָט זיך ארומגעבונדן דעם פוס. איך האָב צעריסן מיין העמד און בען בראס מיטן נעגער האָבן פארבונדן לילים וואונדן. באלד ואיז לילי געקומען צו זיך און האָט געעפנט די אויגן.

די ערשטע זאך, וואָס זי האָט דערזען, איז געווען דער טויטער אָקטאפוס. יעצט האָבן מיר געקענט אים באטראכטן. ער איז געווען גרויס, ווי א פאס און האָט געוואויגן, מער פון הונדערט פונט. אין אן אנדערע צייט וואָלטן מיר אים ארייגעוואָרפן אין וואסער, יעצט אָבער האָבן מיר אים געמוזט באטראכטן אלס פּראָוויאנט. בען בראס האָט אָפּגעשניטן זיינע לאנגע פיס און דעם הארטן שנאָבל. דעם קערפּער האָבן מיר געגעסן. לײדער, איז נישט געווען פיל וואָס צו עסן. פרישערהייט קען מען אים נאָך עסן, ווען ער

ליגט אָבער א טאָג אָדער צוויי, ווערט ער צונויפגעצויגן, איינגע־דארט און הארט ווי לעדער.

היינט האָבן מיר זיך אָפּגערוט, בען בראס איז געווען מיד פון יאגד אויפן אָקטאפּוס, לילי האָט געקרעכצט שטילערהייט. אירע זוואונדן האָבן איר ווי געטאָן. דער נעגער איז נישט אָפּגעטרעטן פון איר, מיר האָבן דעריבער געמוזט רוען.

דעם אנדערן טאָג האָבן מיר זיך גענומען צו דער ארבעט, מיר האָבן אויפגעצויגן די זעגלען און האָבן אָנגעהויבן צו טרייבן אונ־זער „אלבאטראָס". מיר האָבן זיך באוועגט זער לאנגזאם. לילי איז מיט יעדן טאָג בעסער געוואָרן, אויפן פיפטן טאָג האָבן מיר שוין פארגעסן די טרויעריקע געשיכטע מיטן אָקטאפּוס, אונזער רייזע איז ווידער געוואָרן לאנגווייליק. מיר האָבן אפילו געהאט וואָס צו עסן און וואָס צו טרינקען, וואָס העלפט עס אָבער? וואו זענען מיר? ווי ווייט געפינען מיר זיך פון יבשה? וואוהין פאָרן מיר? דאָס אלץ האָבן מיר נישט געוואוסט. מיר האָבן געטריבן אונזער מאשין אָדער באָט, ווייל מיר האָבן נישט געוואָלט שטיין אויף איין אָרט, מיר האָבן אָבער נישט געוואוסט, וואוהין מיר זענען געפאָרן.

מיין איינציקע טרייסט, מיין איינציק פארגעניגן איז געווען צו זיצן נעבן לילי און צו רעדן מיט איר, יעצט ווען זי איז קראנק געווען, האָב איך געמוזט זיין איר פארעמהארציקער ברודער, איך האָב געוואָלט וויסן, ווער זי איז און ווער אירע פריינט און ברידער זע־נען, זי האָט אָבער געוואוסט פון זיי זער ווייניק. זי האָט נאָר גע־וואוסט, אז אירע עלטערן האָבן אמאָל געוואוינט אין ריאָ דע זשאנייראָ, דאן זענען זיי געפאָרן קיין אפריקע.

אזוי זענען פארגאנגען איין טאָג נאָכן אנדערן. מיר האָבן נישט באקומען קיין פרישן פראוויאנט און עס איז ענדלעך לאנגווייליק געוואָרן צו עסן געטריקנטע פיש אָן סוכארעס, איך מוז אייך זאָגן, אז דעם סוכאר האָבן מיר געהאלטן נאָר פאר לילין. איך, בען און דער נעגער שניימאן פלעגן עסן נאָר געטריקנטע פיש.

און אָט די עטלעכע טעג האָבן מיר אפילו געזען פיל פיש אין

ים. זיי זענען אָבער געווען צו ווייט פון אונז און מיר האָבן נישט געהאַט די מעגלעכקייט זיי צו פאנגען. ווי גענוי און עקאָנאָמיש מיר האָבן געלעבט, האָבן מיר דאָך אָנגעהויבן צו פילן, אַז אונזער פּראָוויאַנט לאָזט זיך אויס

מיר מוזן בלייבן שטיין אויף איניקע טעג, זיך צו פאַרזאָרגן מיט פרישן פּראָוויאַנט,'' — האָט ענדלעך בען בראַס געזאָגט.

מיר זענען געווים מסכים געווען מיט אים, די פראַגע איז נאָר געווען, וואו נעמט מען פרישן פּראָוויאַנט? — אויף אָט דער פראַגע האָט אונז באַלד געענטפערט דער צופאַל.

דעם דריטן טאָג אינדערפרי, ווען מיר זענען געזעסן ביים פרישטיק און האָבן געגעסן אונזער פּאַרציע געטריקנטע פלייש פונם האַמערפיש, האָבן מיר דערהערט עפּעס א גערויש אין ים. מיר האָבן א קוק געטאָן אין דער זייט, וואו דער ים האָט גערוישט און האָבן דערזען, אז ערגעץ ווייט פון אונז האָט דאָס וואַסער אָנגענו־מען א גאַנץ אַנדערע פאַרב. עס האָט זיך אויסגעוויזן, אז עפּעס שווימט אויף אים. עפּעס א פעטע זאַך, ווי שמאַלץ אָדער קעראָסין איז געשוואומען און האָט פאַרדעקט דעם ים אויף א גרויסן מהלך.

מיר זענען אַלע צוגעגאַנגען צום פּאַרענץ פון „אַלבאַטראָס'' און באַטראַכט דאָס נייע וואונדער פון וועלט־ים. איניקע צייט זע־נען מיר געשטאַנען, האָבן געקוקט און האָבן נישט געוואוסט, וואָס דאָרט קומט פאָר. פּלוצלינג האָט בען בראַס אויסגערופן:

„הערינג! עס גייט א מחנה, אַן אַרמיי! הערינג, הערינג!''

הערינג! ווער פון אונז ווייסט עס נישט, וואָס א הערינג איז? מיר עסן אים רויערהייט, געזאַלצן, געראָיכערט, מאַרינירט און צו־געריכט אויף טויזנטערליי אופנים. וואו נעמט זיך אָבער דער הערינג? וואו לעבט ער? ווי אזוי פאַנגט מען אים? — דאָס האָב איך ביז אַהער נישט געוואוסט.

באַלד בין איך עס געוואָר געוואָרן. די מחנה הערינג איז צו־געקומען אַלעמאָל נענטער און נענטער. דער ים איז געוואָרן געדיכט פון זיי. דאָס ריינע קלאָרע וואַסער, איז געוואָרן טונקל און האָט

באקומען א גאנץ אנדערע פארב. שופּן פון פיש, קליינע שטיקלעך רויגן און שמאלץ זענען געשווימען אויפן וואסער. עס איז געווען א געוואלדיק בילד, ווער עס האָט עס נישט געזעען מיט זיינע אויגן, דער קען גאָר קיין באגריף נישט האָבן וואָס פאַר א מענגע פיש דאָרט האָט זיך געפונען.

דער הערינג גייט נאָר אין געוויסע צייטן פון איין אָרט צום אַנדערן. ווען ער קומט לעבן די ברעגעס פון ענגלאנד, האָלאנד, שווערן און נאָרוועגן, גייען ארום די פישער און כאַפּן זיי אין גרויסע מענגעס מיליאָנענווייס. דער האָלענדער הערינג איז זער גוט, ווייל, ווען ער קומט צו קיין האָלאנד, איז ער געוועגלעך זער פעט. שפּעטער ווערט ער מאָגער און איז נישט אזוי געשמאַק.

פון וואנען קומען די הערינג? וואוהין גייען זיי? פארוואָס זעט מען זיי נאָר אין געוויסע צייטן פון יאָר? אויף אָט די פראגן איז זער שווער צו ענטפערן, מען ווייס נאָר, אז די הערינג קומען ערגעץ פון די קאלטע געגנטן און גייען אוועק אין די קאַלטע געגנטן.

„יעצט, שניימאַן, מאך א נעץ און לאָמיר כאַפּן פיש!" — האָט בען בראָס געשריען. — „די הערינג גייען אזוי געדיכט, אז מען קען זיי כאַפּן מיט די הענט"

„דאָס קען נישט זיין בען," — האָב איך באמערקט, — „איך פארשטיי עס נישט, איז עס מעגלעך, אז א פיש זאָל נישט אנטלויפן, ווען מען וויל אים כאַפּן?"

„דו זועסט עס באלד זען, בילי," — האָט בען געענטפערט לוסטיק. — „לאָזן זיי נאָר צוקומען נענטער צו אונז."

די הערינג זענען צוגעקומען אזוי נאָנט צו אונזער „אלבאַטראָס", אז מען האָט ווירקלעך געקענט זיי כאַפּן מיט די הענט איך וואָלט געקענט מיך אָנבויגן איבערן געלענדער, אוים-אויסשטרעקן די הענט און כאַפּן עטלעכע הערינג. אָבער צייט עס האָט אונז פּאסירט די געשיכטע מיטן אָקטאָפּוס, האָב איך מורא באקומען פאַר די מערדער און רויבער פונם ים.

פלוצלינג האָבן די הערינג זיך אָפּגערוקט פון אונזער „אַלבּאַט־ראָס". זיי האָבן זיך אויסגעבויגן, ווי עס בייגט זיך אויס און דרייט זיך אויס א פאָלק סאָלדאַטן אויף דעם באַפעל פון זייער קאָמאַנדיר.

„זיי אַנטלויפן!" — האָט לילי אויסגערופן, — „זיי האָבן זיך עפּעס דערשראָקן. זעט נאָר, וואָס איז דאָרט?"

איך האָב דערזען מיט גרויס פחד און שרעק אַ נייעם סאָרט פיש, וועלכן איך האָב נאָך ביז אהער נישט געזען. תחילת האָב איך געמיינט, אז דאָס איז א הייפיש; ווען ער האָט אָבער אויפגעהויבן דעם קאָפּ, האָב איך דערזען, אז עס שטעקט ארויס פון אים א לאַנ־גער און שווארצער ביין, וועלכער ענדיקט זיך מיט א שפּיץ, דין ווי א שווערד. דער פיש אליין איז נישט אזוי ווילד און נישט אזוי שרעקלעך, ווי דער האיפיש, דערצו איז ער פיל לוסטיקער און שנעלער פון האיפיש.

„וואָס איז דאָס פאר א פיש?" — האָט לילי געפרעגט.

„דאָס איז דער שווערדפיש!" — האָט בען בראס דער־קלערט. — „דאָס איז איינער פון די ערגסטע טיראַנען פון וועלט־ים. עס דאכט זיך נאָר, אז ער איז אזוי גוט און שטיל, ער איז דאָ דער גרעסטער באנדיט און מערדער. דער הייפיש פרעסט נאָר, ווען ער איז הונגעריק, דער שווערדפיש טויט אנדערע באַשעפענישן, ווען ער ווערט בייז און אויפגערעגט. ער איז שטענדיק אויפגערעגט. ער איז א גרויסער כעסן, פון יעדער קלייניקייט ווערט ער בייז און לויפט זיך שלאָגן. ווען ער איז רויק, איז זיין פארב טונקל ברוין, קוים ווערט ער אָבער אויפגערעגט, ווערט ער בלוי. זיין פארב ענדערט זיך, ווי עס ענדערן זיך די פארבן פון א מענטש, ווען ער ווערט בייז און אויפגערעגט.

איך האָב געטלעכע מאָל באגעגנט א שווערדפיש אויף מיינע נסיעות," — האָט בען בראס ווייטער דערציילט. — „איינמאָל איז ער אפילו אָנגעפאלן אויף אונזער שיף. ער איז מסתמא בייז געוואָרן, וואָס אונזער שיף איז אים געקומען אין וועג און האָט אים עפּעס געשטערט. ער איז אָנגעפאלן אויף אונזער שיף מיט אזא קראפט,

אַז ער האָט אַרייַנגעשטעקט זייַן לאַנגע שווערד אין די ברעטער פון שיף און האָט אים מער נישט געקענט אַרויסנעמען. ווען מיר זענען געקומען צום פּאָרט, האָבן מיר געפונען דעם שווערד שטעקן אין שיף. ער האָט דורכגעלעכערט די דיקע ברעטער און איז געבליבן שטעקן אין אַ קאַסטן מיט סחורה".

דער שווערדפיש האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויף די הויפּנס הערינג און האָט אָנגעהויבן אויפצושטעכן אויף זייַן שווערד איינעם נאָכן אַנדערן. ווען ער האָט אויפגעשטאָכן אַ שטיק צוואַנציק דרייַ־סיק, האָט ער אויפגעהויבן זייַן קאָפּ און האָט אָנגעהויבן צו שאָק־לען מיט אים, די הערינג זענען אַראָפּגעפאַלן פון זייַן שווערד אים אין מויל אַרייַן.

מיר האָבן עס באַטראַכט מיט פּחד און אימה, ווי דער שווערד־פיש האָט געכאַפּט און געפרעסן זייַן רויב. מיר האָבן פאַרגעסן, אַז מיר ווילן אויך זיך אָנגרייטן פרישע פיש. מיר האָבן אָבער זיך נישט געקענט אָפּרייסן פון אָט דעם געוואַלדיקן שפּיל. דער שווערדפיש האָט געשלונגען די הערינג איינעם נאָכן אַנדערן. ערשט יעצט האָבן מיר געקענט זען, אַז ער האָט אַזאַ גרויס מויל, איז עס אים זער לייַכט אייַנצושלינגען אַ מענטשן.

פּלוצלינג איז דער שווערדפיש פאַרשוואונדן געוואָרן. האָט ער זיך דערשראָקן פאַר עפּעס? איז ער שוין זאַט געווען? האָט ער דערזען אַ פייַנט, וועלכער איז שטאַרקער פון אים? דאָס האָבן מיר נישט געקענט וויסן. ער איז פאַרשוואונדן געוואָרן אין די טיפע וואַסערן פון וועלט־ים.

„איצט לאָמיר אָנהייבן צו כאַפּן פיש," — האָט בען בראַס גע־זאָגט צום נעגער.

„ווי אַזוי אָבער זאָלן מיר כאַפּן פיש?" — מיר האָבן דאָך נישט קיין נעצן?" — האָט דער נעגער געפרעגט.

בען בראַס האָט אַראָפּגענומען אַ זעגל, האָט אים צוגעבונדן צו צוויי שמיקער האָלץ און האָט געמאַכט אַ סאָרט נעץ. אַזוי ווי די הערינג זענען געשוואומען זער געדיכט, האָט אַזאַ מין נעץ אויך גע־

קענט נוצן; מען האָט מיט אים אויך געקענט כאַפּן, באַזונדערס איצט אַז דער שווערדפיש איז פאַרשוואונדן. די הערינג זענען געוואָרן רויקער און אונזער „אַלבאַטראָס" איז געשוואומען גראַדע אין דער־מיט פון דעם גרויסן און געדיכטן הויפן.

פּלוצלינג האָבן די הערינג אָנגעהויבן צו שפּרינגען און צו אַנטלויפן. פיל פון זיי זענען אַרונטערגעלאָפן אונטער אונזער „אַל־באַטראָס", אַנדערע האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן טיף אין ים.

מיר האָבן זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטן און האָבן גאָרנישט געזען. מיר האָבן אויף קיין פאַל נישט געקענט פאַרשטיין, פאַרוואָס די הערינג האָבן זיך אַזוי דערשראָקן. מיר האָבן געזוכט מיט די אויגן דעם פיינט, פאַר וועלכן זיי האָבן זיך דערשראָקן און האָבן אים נישט געקענט געפינען. פּלוצלינג האָט סנאָאַי דער נעגער אויסגערופן:

„גיט נאָר אַ קוק אויבן אויפן הימל!"

מיר האָבן אַ קוק געטאָן אינדערהויך און האָבן דערזען גאַנץ הויך איבער אונזערע קעפּ צוויי שוואַרצע פּונקטן; מיר האָבן אָבער נישט געוואוסט, וועך די שוואַרצע פּונקטן זענען און וואָס זיי זענען.

„וואָס זעסטו דאָרט, סנאָאַי?" — האָב איך געפרעגט.

„דעם פרעגאַטן אַדלער."

איך האָב נישט געוואוסט, וואָס אַ פרעגאַטער אַדלער איז. בען בראַס האָט געמוזט אונז דערקלערן, אַז עס געפינט זיך אַ גרוי־סער פויגל, אַ סאָרט אַדלער, וועלכער לעבט נאָר פון פיש. די מאַטראָזן רופן אים „פרעגאַטער־אַדלער", ווייל ווען ער שטרעקט אויס זיינע לאַנגע און שטאַרקע פליגל, ווייזט ער אויס, ווי אַ פרע־גאַט, וועלכער האָט אָנגעצויגן אַלע זיינע זעגל.

דער פרעגאַטער אַדלער פליט זער ווייט אין ים. ער פליט אַוועק אויף גאַנצע טעג. ווען ער ווערט מיד, שפּרייט ער אויס זיי־נע לאַנגע און רייטע פליגלען און רוט זיך אָפּ אין דער לופט. ער

שלאָפט אפילו אין דער לופט. מען זעט אמאָל דעם פרעגאַטן אָדלער אוועקשטיין שעה לאַנג אין דער לופט.

מיר האָבן זיך דערפרייט, וואָס מיר האָבן דערזען דעמדאָזיקן פייגל. ער מוזט דאָך האָבן ערגעץ א נעסט אויף א ברעג.

„איך מיין, אז מיר זאָלן נאָכזען, וואוהין די פויגל וועלן אוועקפליען און מיר וועלן פאָרן אין דער זייט," — האָב איך באמערקט.

„ניין בילי, דו האָסט א טעות," — האָט בען בראַס געענט־פערט. — „אַט די פויגל פליען אוועק צוויי און דריי טויזנט מייל ווייט פון ברעג.

אין דער מינוט האָבן זיך צוויי פייגל אראָפּגעלאָזן, ווי א פייל פון בויגן, אויף דער מחנה הערינג און האָבן אָנגעהויבן צו שלינגען, וויפל זיי האָבן געקענט. מיר זענען געשטאַנען און האָבן געקוקט, ווי די פייגל זענען געשפּרונגען פון איין אָרט צום אַנדערן און האָבן אויסגעקליבן די בעסטע און גרעסטע פיש.

פלוצלינג האָט איינער פון די אָדלערס אָנגעהויבן צו שרייען און צו קלאַפּן מיט די פליגל. אָנפאַנגס האָב איך געמיינט, אז ער שפּילט זיך אזוי אָדער ער רופט זיין חבר, באַלד אָבער האָב איך זיך איבערצייגט, אז דאָ איז עפּעס אַנדערש. דער פויגל האָט זיך געריסן און האָט געוואָלט אוועקפליען, עפּעס האָט אים אָבער צו־ריקגעהאַלטן. עפּעס האָט אים געשלעפּט אראָפּ אין וואַסער. מיר האָבן געזען גאַנץ דייטלעך, אז דער פויגל האָט געציטערט און האָט געשריען פאַר אַנגסט.

„וואָס איז מיט אים? פאַרוואָס שרייט ער? פאַרוואָס פליט ער נישט אוועק?" — האָב איך אויסגערופן. — „ווער האַלט אים צו?"

דער נעגער איז צוגעקומען צו אונז און האָט געוואָלט עפּעס זאָגן. פלוצלינג האָט אונזער „אַלבאַטראָס" א ציטער געטאָן און מיר זענען אַלע אומגעפאַלן אויף די ברעטער פון אונזער שיף. דער נעגער איז אראָפּגעפאַלן אין וואַסער און האָט אָנגעהויבן צו שרייען:

„ראטעוועט מיך!"

בען בראס איז אויפגעשפרונגען און האט אנגעכאפט דעם נע־
גער ביי זיינע געקרייזלטע שווארצע האר.

„וואס איז דיר, שניימאן? ווי אזוי ביסטו עס אראפגע־
פאלן?"

„איך ווייס נישט, האט דער נעגער געשטאמלט, עפעס האב
איך געזען א שווארצן קערפער — „עס איז געווים געווען דער
רוח אליין."

מיר האבן קיין צייט געהאט פיל צו רעדן, ווייל אין די מי־
נוט האט דער „אלבאטראס" אנגעהויבן צו קרעכצן און צו ברעכן
זיך. עס האט זיך אויסגעוויזן, אז אונטער אונז האט זיך עפעס גע־
טאן: אונטער אונזער „אלבאטראס" האט מען זיך געשלאגן, געריסן
און געקעמפט; עס האט זיך אויסגעוויזן, אז מען וויל אויפהייבן
אונזער פראם.

מיר האבן זיך קוים געהאלטן אויף אונזערע פיס, יעדע מי־
נוט האבן מיר מורא געהאט אומצופאלן. קיינער פון אונז האט
נישט געוואוסט, וואס עס קומט פאר אונטער אונז. יעדער האט
זיך אנגעכאפט אן וואס ער האט געקענט. באלד איז אלץ קלאר
געווארן: פון אונזער פראם האט זיך געוויזן דער גרויסער קאפ
פונם שווערדפיש, אין זיין רעכטן אויג האבן זיך איינגעגראבן די
שארפע נעגל פון דעם פרעגאטן אדלער.

עס איז שווער צו זאגן, ווי דאס איז געשען. דאמאלסט האב
איך דעריבער גארנישט געטראכט. שפעטער ערשט האט בען בראס
דערקלערט. דער שווערדפיש האט אויפגעהויבן דעם קאפ אין דער
מינוט, ווען דער פראגאטער אדלער האט זיך אראפגעלאזן אין וואַ־
סער און האט בשעת מעשה ארונטערגעשטעקט דעם קאפ אונ־
טער די שארפע נעגל פונם גרויסן און שטארקן פויגל. דער שווערד־
פיש האט געזוכט לויז צו ווערן פון זיין שרעקלעכן רייטער, דער
פויגל ווידער איז אויך געווען שטארק אומצופרידן מיט זיין לאגע.

ער האָט זיך געריסן יאָן האָט געריסן דאָס אויג פונם שווערדפיש.

בען בראָס האָט געכאַפּט זיין האַק און האָט צעשפּאָלטן דעם שווערדפיש דעם קאָפּ. סנאָאי האָט אָנגעכאַפּט דעם פויגל ביים האלז.

מיר האָבן יעצט געהאַט פיש און פלייש מיטאָמאָל.

קאפיטל פינף.

אינדער צייט וואָס מיר האָבן געכאפּט דעם שווערדפיש מיטן פּרעגאַטן אַדלער, איז די מחנה הערינג אַוועקגעשוואומען פון אונז. דער ים איז ווידער געוואָרן ריין און קלאָר. מיר זענען געווען מיד און אויפגערעגט און האָבן געמוזט זיך אָפּרוען.

מיר האָבן זיך אומגעקוקט און האָבן דערזען, אַז דער שווערדפיש האָט אונז געמאַכט פיל שאָדן. איינציקע פעסער פון אונזער מאַשין האָבן זיך אָפּגעריסן, איינציקע ברעטער האָבן זיך צורוקט און זיך צורירט. אונזער זאַפּאַס פון געטריקנטע פיש איז אַראָפּגעפאַלן אין וואַסער און איז פאַרלאָרן געגאַנגען, מיר האָבן מער פאַרלאָרן דורכן שווערדפיש, ווי געפונען.

דער נעגער האָט אָפּגעשניטן דעם קאָפּ פונם פּרעגאַטן אַדלער און האָט אים אָפּגעפליקט. מיר האָבן פּראָבירט אים עסן, נאַטירלעך רויערהייט. זיין פלייש אָבער איז געווען זייער האַרט און זייער נישט געשמאַק. צום גליק, האָבן מיר געהאַט עטלעכע פרישע הערינג, וועלכע מיר האָבן איינגעשלונגען מיטן גרעסטן אַפּעטיט.

ווי מיד מיר זענען געווען, האָבן מיר דאָך נישט געקענט זיך אָפּרוען נאָכן עסן. מיר האָבן געמוזט זיך נעמען צו דער אַרבעט און אויסבעסערן דעם שאָדן, וואָס דער שווערדפיש האָט אונז געמאַכט.

מיר האָבן געאַרבעט אַ גאַנצן טאָג זייער שווער, ביז מיר האָבן ווידער צורעכט געמאַכט אונזער „אַלבאַטראָס." ערשט אין אָוונט האָבן מיר געקענט זיך לייגן שלאָפן. אַזוי ווי בען בראַס האָט גע-

ארבעט מער פון אונז אלע, האָט ער זיך פריער געלייגט און דער נעגער האָט געהאלטן וואך. מיר האָבן געמוזט האלטן שטענדיק א וואך, ווי שטארק אונזער „אלבאטראָס" איז געווען, האָט דאך יעדער פון אונז געוואוסט, אז אויף אזא מאשין קען מען ווייט נישט פאָרן. אונזער איינציקע האָפנונג איז געווען, אז מיר וועלן באגעגנען א שיף און זי וועט אונז אויפנעמען. מיר האָבן געוואָלט קומען אויף דעם הויפּטוועג, אויף וועלכן עס פאָרן שיפן פון אפריקע קיין אמעריקע אָדער קיין כינע. דאָס איז געווען אונזער איינציקע רעטונג. ווען מיר וואָלטן געהאט ביי זיך א קאָמפּאס אָדער א ים־קארטע, וואָלטן מיר גערודערט טאָג און נאכט, צו קומען אויף דעם דאָזיקן הויפּטוועג. מיר האָבן אָבער גאָרנישט געהאט ביי זיך און מיר האָבן ארומגעבלאָנקעט אויפן גרויסן אטלאנטישן וועלט־ים אָן א וועג און אָן א שטעג. מיר האָבן געטאפּט אין דער פינסטער, ווי א בלינדער.

אזוי זענען ווידער פארגאנגען איניקע טעג, און וועלכע עס האָט גאָרנישט פּאסירט. איין אָוונט האָט בען בראס געהאלטן וואך ביז האלבע נאכט און די אנדערע האלבע נאכט האָט סנאָאי דער נעגער געדארפט האלטן וואך. בען בראס האָט זיך געלייגט שלאָפן און איז באלד אנטשלאָפן געוואָרן. איך און לילי זענען געשלאָפן געשמאק. אונז האָט מען נישט פארטרויט די וואך ביינאכט. מיר זענען געווען צו יונג פאר אזא ערנסטן ענין.

גאנץ פרי, ווען מיר זענען אלע געשלאָפן זער געשמאק, האָבן מיר דערהערט א געשריי:

„יבשה! יבשה!"

בען בראס, איך און לילי זענען אויפגעשפרונגען, ווי די אָפּגעבריטע און האָבן זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטן.

„וואו זעסטו יבשה?" — האָט בען געפרעגט.

„דאָרט! זע נאָר דאָרט!" — האָט דער נעגער געשריען און האָט געטאנצט פאר פרייד.

עס איז נאָך נישט געווען גענוג ליכטיק אום צו זען דייטלעך

וואו דאָס לאַנד געפינט זיך. מיר האָבן דעריבער אַלע אויסגעגלאָצט אונזערע אויגן און האָבן געקוקט אין דער זייט, וואו דער נעגער האָט אונז געוויזן. מיר האָבן דערזען ווייט, ווייט אין ים אַ שוואַרצע ליניע. עס האָט גיכער אויסגעוויזן, ווי אַ שטיק וואָלקן, ווי אַ שטיק יבשה, אָבער עפּעס איז עס געווען. אַזוי ווי דער הימל איז געווען קלאָר און ריין, האָט מען געקענט מיינען, אַז דאָרט איז ווירקלעך אַ שטיק יבשה אָדער ווייניקסטנס אַן אינזל.

בען בראַס האָט געמאַכט פון דער האַנט אַ רער און האָט געקוקט אויף דעמדאָזיקן וואונדער.

„דאָס קען נישט זיין,“ — האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין, — „מיר דאַכט, אַז אין דעראָזיקער געגנט פונם אַטלאַנטישן וועלט־ים דאַרף זיך קיין אינזל נישט געפונען, ווי קומט אַהער יבשה?“

זאָט זער גוט געקענט די געאָגראַפיע פונם אַטלאַנטישן וועלט־ים, נאָך זיין חשבון האָבן מיר זיך געפונען זער ווייט פון יעדער אינזל.

„איך זע דאָרט מענטשן!“ האָט דער נעגער געשריען, אַ סך מענטשן! — זעט! אָט גייען זיי אַרום, אָט לויפן זיי, — זיי האָבן אונז דערזען!“

מיר האָבן אַלע געקוקט אויף דעם אינזל אָדער אויף דער יבשה און האָבן געזען, אַז עפּעס רירט זיך דאָרט, עס איז אָבער געווען אוממעגלעך צו זען, צי דאָס זענען מענטשן אָדער חיות. מיר האָבן נאָר אַזוי פיל געזען, אַז דאָרט טוט זיך עפּעס, אַז מיר האָבן פאַר זיך עפּעס אַ סוד אָדער אַ וואונדער פונם וועלט־ים. מיר האָבן געמוזט וואַרטן, ביז די זון וועט אויפגיין און מיר וועלן קענען בעסער זען.

„אַלנפאַלס מוזן מיר צורודערן אַהין,“ — האָט בען בראַס באַמערקט.

ער האָט אויפגעצויגן אַלע זעגלען, וואָס מיר האָבן געהאַט און האָט אָנגעהויבן אויסצודרייען אונזער „אַלבאַטראָס“ צו דער

זייט, וואו די יבשה אָדער די אינזל האָט זיך געוויזן. עס איז גע־וואָרן העלער און העלער.

„צו אלדי רוחות! וואָס זאָל דאָס זיין?" האָט בען בראַס אויס־געשריען. — „מיר דאַכט, אַז איך זע ווירקלעך מענטשן — איך מיין מענער — דאַכט זיך, אַז דאָרט געפינען זיך פרויען אויך. די פרוי־ען טראָגן ווייסע קליידער. — ווער קען עס אָבער זיין? עס איז אַ קליינע אינזל, אויף איר שפּאַצירן ארום מענער, פרויען און קינ־דער. וואָס טוען זיי דאָרט אזוי פרי? ווען איך זאָל זיין אָבערגלוי־ביש, וואָלט איך געזאָגט, אַז דאָס איז אַ כישוף... מען האָט אונז פארבלענדט די אויגן. — דאָס איז אָבער אוממעגלעך. מיר געפינען זיך אינדערמיט פונם אטלאַנטישן וועלט־ים."

„ניין, מיסטער בראַס!" האָט דער נעגער אויסגערופן. — „דאָס איז נישט קיין כישוף. מיר זעען פאַר זיך אַן אינזל, אַ ריכטיקע אינזל. — לאָמיר צופאָרן צו איר."

מיר זענען נאָך געווען זער ווייט פון דער אינזל, אָבער מיר האָבן שוין געקענט זען, אַז די אינזל איז פיל העכער פונם וואַסער. אין איין אָרט איז זי גאַנץ הויך, ווי אַ ברעג, אין דעם אנדערן אָרט איז זי געווען פיל נידעריקער. עס איז געווען אַ לאַנג שטיק לאַנד אָדער אַ שטיין, וועלכער האָט ארויסגעשטעקט פון וואַסער, לאַנג און שמאָל, ווי אַ גרויסער ציגאַר. מיר האָבן געזען אויף דער אינזל געשטאַלטן. מיר האָבן נישט געקענט זאָגן אויף געוויס, צו דאָס זע־נען מענטשן, מיר האָבן אָבער געזען הויכע געשטאַלטן, וועלכע זע־נען געשטאַנען אָדער זענען געגאַנגען צו דריי, צו פיר. אייניקע זע־נען געווען העכער, אנדערע זענען געווען נידעריקער און קלע־נער.

„דאָס זענען עלטערן מיט קינדער," — האָט דער נעגער דער־קלערט.

מיר זענען געווען אזוי נייגעריק, אַז מיר זענען געשטאַנען, ווי אויף הייסע קוילן און האָבן געוואָלט צוקומען צו דער פאַרכישופ־טער אינזל, וואָס פריער. ליידער האָט דער ווינט געבלאָזן פון אַ

גאַנץ אַנדער זייט און בען בראַס, אונזער שיפקאַפּיטאַן, האָט געמוזט אַרבעטן זער שווער, צו פירן אונזער אומגעלומפּערטן „אַלבאַטראָס" צו דער אינזל. וואָלטן מיר זיך געפינען אויף אַ הויכער שיף, וואָלטן מיר געקענט זען דייטלעכער און דערקענען, וואָס עס קומט פאָר אויף דער אינזל. אונזער „אַלבאַטראָס" אָבער איז געשוואומען גאַנץ נאָענט צום וואַסער און די יבשה וואָס מיר האָבן געזען, איז געווען פיל העכער פון אונז.

„וואָס זאָל דאָס הייסן?" — האָט פלוצלינג בען בראַס אויסגערופן, — „איך זע אַ פלאַג אויף דער אינזל. צו וואָס האָבן זיי אַרויפגעצויגן אַ פלאַג? וואָס ווילן זיי? וואָס טוען אַזוי פיל מענטשן אויף אַזאַ קליינער אינזל? — וואָס פאַר אַ פאָלק איז דאָס? — איך קען, דאַכט זיך, די פלאַגן פון אַלע לענדער, איך קען אָבער דאָך נישט אָט דעם פלאַג. זאָל עס זיין נאָר אַ שטיק רויטע לייוונט? אַ שטיק פון אַ העמד? אַלזאָ געפינען זיך דאָרט מענטשן, וועלכע האָבן געליטן פון אַ שיפבּרוך גלייך מיט אונז? אפשר זענען עס די מאַטראָזן פון דער „ראַפּינע?" — ניין! דאָס קען נישט זיין! — איך זע דאָרט פרויען און אויף דער ראַפּינע זענען נישט געווען קיין פרויען."

וואָס נענטער מיר זענען צוגעקומען צו דער דאָזיקער אויסטערלישער אינזל, אַלץ דייטלעכער האָבן מיר געקענט זען דעם פלאַג. מיר האָבן געזען גאַנץ דייטלעך אַ הויכן שטעקן, אויף וועלכן עס האָט געפלאַטערט אין דער לופט אַ רויט שטיק שטן

„דאָרט זענען דאָ מענער, פרויען און קינדער!" — האָט אויסגערופן דער נעגער נאָכאַמאָל.

מיר האָבן אָנגעהויבן צו טאַנצן פאַר פרייד, באַזונדערס איך און לילי. מיר האָבן זיך געפרייט, וואָס מיר וועלן ענדלעך זיך געפינען צווישן מענטשן.

„מעגלעך, אַז דאָרט געפינט זיך אַן ענגלישער קאָנסול, וועלכער וועט מיר געבן די מעגלעכקייט צו פאָרן אַ היים," — האָב איך מיר געטראַכט, — „דאַן וועל איך מיטנעמען לילין מיט מיר. זי האָט

גישט קיין עלטערן, מיינע עלטערן וועלן זי אויפנעמען און וועלן זי האלטן ווי זייער אייגן קינד."

איך ווייס נישט, וואָס לילי האָט געטראַכט, איך בין אָבער זיכער, אַז זי איז אויך געווען גליקלעך, וואָס מיר האָבן ענדלעך די מעגלעכקייט צו פאַרלאָזן אונזער "אַלבאַטראָס". דער געגנט איז אויך געווען העכסט צופרידן, וואָס מיר האָבן דערזען יבשה, נאָר איין בען בראָס איז געוואָרן ערנסט און פאַרטראַכט.

"ווער ווייס, וואָס פאַר אַ מענטשן עס געפינען זיך דאָרט?" — האָט ער געברומט אונטער דער נאָז. — "אפשר זע־נען עס ווילדע מענטשנפרעסער, וועלכע וועלן אונז באַלד אויפ־פרעסן? לאָמיר רופן צו זיי; ווען דאָס זענען איי־וויליזירטע מענטשן, וועלן זיי צושיקן צו אונז אַ באָט."

ער האָט באַלד אָנגעהויבן צו שרייען:

"אונזער שיף איז אונטערגעגאַנגען, ראַטעוועט אונז!"

מיר האָבן אים נאָכגעטאָן און יעדער פון אונז האָט אָנגע־הויבן צו שרייען און צו רופן צו די מענטשן, וועלכע מיר האָבן געזען פון דערווייטנס.

ווי עס ווייזט אויס, האָט מען אונז דערהערט אויף דער אינזל; די צווייפוסיקע געשטאַלטן, וועלכע האָבן זיך דאָרט געפונ־נען, האָבן זיך באַלד אויפגעהויבן און זענען זיך צעפלויגן מיט אַ שרעקלעכן געשריי.

"דאָס זענען דאָך פייגל!" — האָט לילי אויסגערופן.

לילי האָט זיך נישט גענאַרט. דאָס זענען געווען פייגל, גרויסע און קליינע פייגל, וועלכע האָבן זיך דערשראָקן פאַר אונזערע גע־שרייען. פון דערווייטנס האָט זיך אונז אויסגעוויזן, אַז דאָס זענען מענטשן, אַז צווישן זיי געפינען זיך פרויען אין ווייסע קליידער.

איצט האָט זיך אונז געשטעלט די פראַגע: זאָלן מיר צופאָרן צו דער אינזל אָדער נישט? די אינזל איז קליין, זי איז נישט באַ־וואוינט: אויף איר געפינען זיך נישט קיין מענטשן. עס איז זער מעגלעך, אַז דאָס איז גאָר קיין אינזל נישט, נאָר אַ גרויסער שטיין,

זועלכער שטעקט ארוים פון וואסער, צו וואָס זאָלן מיר צופאָרן צו אים?

„מיר מוזן דאָך צופאָרן,‟ — האָט בען בראס ענדלעך זיך באשלאָסן, אפשר וועלן מיר דאָרט געפינען וואסער.‟

מיר האָבן דאָך באשלאָסן צוצופאָרן צו דער אינזל און זען, אפשר וועלן מיר דאָרט לייכט געפינען וואסער. מיר האָבן זיך גע־נומען אלע צו דער ארבעט און אין א קורצער צייט זענען מיר גע־ווען אזוי נאָענט פון דער אינזל, אז מיר האָבן זי געקענט גוט באַ־טראכטן.

„א רוח זאָל אים נעמען!‟ — האָט בען בראס אויסגע־רופן, — „דאָס איז נישט קיין אינזל, נישט קיין לאַנד און נישט קיין שטיין! — דאָס איז... א וואַלפיש!‟

„עס ווייזט אוים, ווי א וואלפיש, — האָט דער נעגער שטיל געזאָגט.

„שניימאן! נעגער! סנאַאי, זעסטו דען נישט, אז דאָס איז א וואלפיש?‟

„שוטה, וואס איך בין! פארוואָס האָב איך עס פריער נישט פארשטאנען?‟

„עס איז אמת, אז דאָס איז איינער פון די גרעסטע וואלפיש, וועלכע איך האָב געזען אין מיין לעבן.‟

„ווי קומט אָבער א רויטער פלאג אויף אים?‟ — האָב איך געפרעגט.

„דערדאָזיקער וואלפיש איז הארפונירט געוואָרן פון וואלפיש פאנגער,‟ — האָט בען בראס דערקלערט. — „די הארפונע האָט אים נישט געטויט מיטאמאָל. ער איז אנטלאָפן געוואָרן מיט דער הארפונע אין רוקן און האָט קרעפירט ערשט שפעטער.‟

די וואליפש פאנגער מאכן א ציי‍כן אויף זייערע הארפונעס, בכדי צו וויסן, ווער עס האָט געטויט דעם ריז פונם וועלט־ים. דאָס רויטע שטיקל טוך, וואָס מיר האָבן געזען אויף דער אינזל און האָבן

געמיינט, אז דאָס איז א פלאַג, איז געווען א צייכן פון א וואַפּליש־פּאַנגער.

„ווען מענטשן האָבן געטויט דעם וואַלפיש, מוזן זיי דאָך דאָ ערגעץ זיין," — האָב איך באַמערקט, — אַלזאָ מוזן זיי דאָך זיין ערגעץ נישט ווייט. האָבן זיי דאָך א שיף... אפשר וועלן מיר זיי געפינען און זיי וועלן אונז אויפנעמען.

„דו האָסט רעכט, בילי," — האָט בען בראַס געענטפערט.— „איך האָב עס שוין געטאָן, איך האָב שוין געקוקט אין אַלע זייטן. ליידער, האָב איך גאָרנישט דערזען."

מיר האָבן אָנגעהויבן צוצורודערן צום וואַלפיש. איצט האָבן מיר דערזען, אז ער איז גאָרנישט אזוי גרויס, ווי ער האָט זיך אונז אויסגעוויזן. דאָס איז געווען א גרויסער וואַלפיש, אבער נישט אזוי גרויס, ווי מיר האָבן אים פריער געזען. אונזער אויג האָט אונז אָפּגענאַרט, ריכטיקער געזאָגט נישט אונזער אויג, נאָר אונזער פאַנ־טאַזיע. דער הונגער האָט אונז אויפגעוועקט מיט דעם געשריי:

„יבשה! יבשה!"

און מיר זענען זיכער געווען, אז מיר זעען פאַר אונז א אינזל. אונזער פאַנטאַזיע האָט אונז פאַרגעשטעלט, אז דאָס איז אן אינזל און עס געפינען זיך דערויף מענטשן. אזוי איז שוין דער מענטש. ער זעט נאָר דאָס, וואָס ער וויל זען; ער זעט פונדערווייטן נאָר דאָס, וואָס אים איז אָנגענעם צו זען.

מיר זענען צוגעפאָרן גאַנץ נאָענט צום טויטן וואַלפיש. בען בראַס האָט אָנגענומען א שטיקל האָלץ, האָט עס פאַרשניצט מיט א שפּיץ, אריינגעשלאָגן עס אין קערפּער פונם וואַלפיש און האָט צו־געבונדן אונזער „אַלבאַטראָס" צו אים.

בען בראַס האָט געוואָלט אַרויפקריכן אויפן וואַלפיש. ער האָט געהאַט געוויסע סיבות, פאַרוואָס ער האָט דאָס געטאָן. אזוי ווי דער וואַלפיש איז געווען פיל העכער פון אונזער „אַלבאַטראָס", האָט ער געהאָפט, אז ווען ער וועט שטיין אויף אים, וועט ער פון דער הויך אפשר דערזען א שיף.

דאָס ארויפקלעטער'ן אויפן וואלפיש איז אָבער געווען נישט אזוי לייכט, ווייל זיין קערפּער איז געווען גלאט און גליטשיק פון דער פעטקייט, וועלכע ער גיט ארוים פון זיך. אפילו ווען דער וואל־פיש לעבט, גיט ער שטענדיק ארוים פון זיך א סאָרט אייל אָדער שמאלץ, וואָס באדעקט דעם ים אויף א גרויסע שטרעקע ארום אים. ווען עס קומען זיך צונויף עטלעכע וואלפ'ש אויף איין אָרט און פארברענגען דאָרט עטלעכע טעג, ווערט דער גאנצער ים אויף צענער מיילן ארום באדעקט מיט אייל אָדער מיט פיש־שמאלץ.

ווי שווער ס'איז געווען ארויפצוקלעטערן אויפן וואלפיש, האָט עס דאָך בען בראָס געטאָן. ער האָט דערבײַ באנוצט די מעטאָדע, וועלכן מען באנוצט, ווען מען קלעטערט אויף א הויכן בארג. ער האָט אריינגעשלאָגן פלעקער אין קערפּער פונם וואלפיש, האָט צו יעדן פלאקן צוגעבונדן א שטריק און האָט אזוי ארויפגעקלעטערט ביז אויפן קאָפּ פונם וואלפיש, דער העכסטער פונקט אויף אים פון דאָרט האָט ער געוואָלט באטראכטן דעם ים, אפשר וועט ער דאָך דערזען א שיף.

ווען ער איז אָנגעקומען אויבן, האָט ער אראָפּגעוואָרפן א שטריק צום נעגער און האָט אים געהייסן ארויפקלעטערן צו זיך. אין א קורצע צייט זענען ביידע געשטאנען אויפן קאָפּ פונם וואלפיש און האָבן געקוקט אויפן ים. זיי האָבן אָבער גאָרנישט געזען. דער ים איז געווען רויק. ווי ווייט דאָס אויג האָט געקענט גרייכן, האָט מען געזען נאָר הימל און וואסער.

נישט ווייט פון דעם אָרט, וואו זיי זענען געשטאנען, האָט גע־שטעקט אין קערפּער פונם וואלפיש די הארפּונע. דער וואלפיש איז א גרויסער און שטארקער פיש. אים קען מען נישט אזוי לייכט טויטן. פאנגען אים מיט א נעץ אָדער מיט אן אנדער מאשין איז אוממעגלעך. עס איז נישטאָ אויף דער וועלט אזא גרויסע און שטארקע נעץ, מיט וועלכער מען זאָל קענען פאנגען א וואלפיש. מען טויט אים מיט א הארפּונע. דאָס איז א גרויס און שווער שטיק

אייזן, וועלכעס איז אזיבן גראַב און אנטן גייט עס דינער און דינ־
נער, ביז עס ענדיקט זיך מיט א גאַנץ דינעם שפּיץ.

די שיף, וועלכע פאָרט ארויס אויף דעם וואַלפיש פאַנג, האָט
ביי זיך פיל אזעלכע הארפונען. ווען מען דערזעט אויף איר א וואַל־
פיש, לאָזט מען אראָפּ א באָט מיט עטלעכע מאַטראָזן און עטלעכע
הארפונען. דאָס באָט רודערט צו שטיל־ערהייט צום וואַלפיש און
א געשיקטער מאַטראָז וואַרפט אריין די הארפונע אין קערפּער פונם
ריז. די שווערע הארפונע קריכט אריין אין שמאַלץ פונם וואַלפיש
און קריכט אריין תמיד טיפער און טיפער אין זיין לייב, ביז זי קומט
צו צום הארצן, און דאָ איז זיין סוף.

דאָס איז אָבער נישט אזוי לייכט, ווי עס ווייזט זיך אויס. מען
קען אמאָל אריינוואַרפן צען הארפונעס אין איין וואַלפיש און ער
זאָל דאָך נישט קרעפירן. מען מוז טרעפן אין דעם אָרט, וואו זיין
הארץ געפינט זיך, אנישט קען מען אים נישט טויטן.

אויף דעם וואַלפיש, אויף וועלכן בען בראַס מיטן נעגער זע־
נען איצט געשטאַנען, האָבן זיך אויך געפינען עטלעכע הארפו־
נעס.

בען בראַס איז געשטאַנען און האָט זיך ארומגעקוקט אין אלע
זייטן. ער האָט אָבער גאָרנישט געזען און האָט אראָפּגעלאָזן טרויעריק
זיין קאָפּ. ער האָט נישט געזען קיין שפּור פון א שיף.

„אומזיסט!" — האָט ער אויסגערופן. — די שיף מוז זיין ער־
גע‍ץ ווייט פון אונז. איך האָב נישט קיין האָפענונג. מיר זענען ווייט
פון יעדער שיף און פון יעדן מענטשן."

„אייניקע צייט זענען ביידע געשטאַנען אויפן וואַלפיש און
האָבן געשוויגן. ענדלעך האָט בען בראַס געזאָגט:

„וואָס העלפט עס? לאָמיר גיין צוריק אויף אונזער „אלבאַט־
ראָס."

„ניין," — האָט דער נעגער געענטפערט, — „לאָמיר זען, וואָס
מען קען מאכן פונם וואַלפיש, אפשר וועלן מיר קענען ציען עפּעס

א נוצן פון אים. ערשטנס, קענען מיר דאָך נעמען דאָס שמאַלץ פונם וואַלפיש. צווייטנס, קען אונז פּילייבט נוצן זיין פלייש.

„צו וואָס טויג אונז דאָס פיש־אייל?״ — האָט בען בראָס געפרעגט, — „און וואָס קענען מיר דען מאַכן מיט דעם שמאַלץ פונם וואַלפיש?״

„מיר קענען קאָכן דערמיט,״ — האָט דער נעגער געענט־פערט, — „מיר האָבן ביז אהער געגעסן רויע פיש און רוי פלייש, ווייל מיר האָבן נישט געהאַט וואו עס צו קאָכן און מיט וואָס עס צו קאָכן. ווען מיר וועלן אָבער האָבן פיש־טראָן אָדער פיש־אייל, וועלן מיר קענען קאָכן אונזער עסן.״

„און וואָס וועלן מיר אָבער האַלטן דעם פיש־טראָן?״ — האָט בען געפרעגט.

„מיר האָבן ליידיקע פעסער, מיר קענען זיי אָנגיסן מיט פיש־אייל. א פאַס מיט אייל אָדער מיט שמאַלץ קען שווימען אזוי לייכט און אזוי גוט, ווי א ליידיק פאַס. ווען מיר וועלן האָבן פעסער מיט פיש־טראָן, קענען מיר אויסהאַלטן א לענגערע צייט אויפן ים.״

בען בראָס איז געווען איינפארשטאַנען. ער האָט זער גוט גע־וואוסט, אז עס געפינען זיך ערטער אין קערפּער פונם וואַלפיש, וואו דאָס שמאַלץ איז אזוי ווייך און אפילו שיטער, אז מען קען עס שעפּן מיט לעפל אָדער מיט בלעכלעך. אלס מאַטראָז האָט בען שטענדיק געהאַט מיט זיך זיינע פייער־מכשירים, מיר וואָלטן דעריבער געקענט האָבן פייער זער לייכט. מיר האָבן נאָר נישט געהאַט קיין מאַטעריאַל, פון וואָס צו מאַכן פייער. איצט וועלן מיר ארייג־גיסן דאָס פיש־שמאַלץ אין א בלעך, מיר וועלן מאַכן א קנויט פון א שטיק לייוונט, צו פון א העמד און מיר וועלן האָבן פייער ביי אונז אויפן „אַלבאַטראָס.״

„קום ארויף, בילי!״ — האָט בען בראָס מיך גערופן, — „קום ארויף אויפן וואַלפיש. מיר האָבן ארבעט. ברענג מיט אונזערע בלעכלעך און א לאַנג מעסער.

איך האָב גענומען א פּאָר בלעכלעך און א לאַנג מעסער און

האָב אָנגעהויבן צו קלעטערן אויפֿן טויטן קערפּער פֿונם וואַלפֿיש. קוים האָב איך געבראַכט די בלעכלעך צום נעגער, האָט ער אויסגערופֿן:

„היינט איז יום־טוב, היינט װעלן מיר עסן אַ װאַרעם עסן."

ער האָט אויסגעשניטן אַ גרויס שטיק פֿלייש פֿונם װאַלפֿיש, האָט דאָרט אַרײַנגעשטעלט זײַן בלעכל און האָט גיך אַלד אָנגעגאָסן מיט פֿריש פֿיש־שמאַלץ. און אין אַ קורצע צײַט האָט געברענט אַ קנויט אין װאַלפֿיש און שניימאַן האָט זיך גענומען צו זײַן פֿרײַ־ערדיקער אַרבעט. ער האָט אָנגעהויבן צו בראָטן פֿיש.

„מיר מוזן נאָך האָבן אַ זופּ אויך," — האָט ער דאַן געזאָגט, — „היינט איז אַ יום־טוב און מיר דאַרפֿן לעבן."

אין דער צײַט װאָס שניימאַן האָט געקאָכט און געבראָטן, זענען מיר אויך נישט געזעסן ליידיק. מיר האָבן אָפּגעבונדן אַ פֿאַס פֿון אונזער „אַלבאַטראָס" און האָבן עס אָנגעגאָסן מיט פֿיש־שמאַלץ. בעת בראָס האָט אויסגעהאַקט אין װאַל־פֿיש אַ טיפֿן ברונעם און האָט דערגרייכט ביז צו די געדערעם פֿונם װאַלפֿיש. דאָרט געפֿינט זיך דאָס בעסטע און פֿיינסטע שמאַלץ. פֿון דאָרט האָבן מיר געשעפּט מיט בלעכלעך און פֿאַנען און האָבן געגאָסן אין פֿאַס.

איך מוז דערביי באַמערקן, אַז סנאָאי האָט מיטגענומען פֿון דער „ראַפּינע" אַ פּאָר פֿאַנען און אַנדערע נאָך זאַכן. ביז אַהער האָט ער זיי נישט געקענט באַנוצן. איצט האָט ער געהאַט די בעס־טע געלעגנהייט.

היינט האָבן מיר געגעסן װאַרעמס און מיר האָבן געלעבט, װי מענטשן. מען מוז ליידן אַזויפֿיל, װי מיר האָבן געליטן, צו פֿאַר־שטיין און צו פֿילן דאָס פֿאַרגעניגן, װאָס מיר האָבן געפֿילט פֿון אַ װאַרעמען עסן. לילי האָט אָפּגעלעבט. זי האָט געליטן זער שטאַרק הונגער, װאָס זי פֿלעגט עסן נאָר רוי פֿלייש. דער נעגער האָט זער ליב געהאַט דאָס שיינע קינד און האָט געװאָלט איר פֿאַרשאַפֿן אַ פֿאַרגעניגן דערמיט, װאָס ער װעט איר געבן אַביסל װאַרעמע זופּ.

מיר האָבן געגעסן אונזער מיטאָג אויף אונזער „אַלבאַטראָס".

נאָכן עסן האָבן מיר זיך אנידערגעזעצט אַלע פיר און האָבן זיך באַראטן, וואָס מיר זאָלן ווייטער טאָן. בען בראס, אלס שיפקאפיטאַן, האָט גערעדט צום ערשטן:

„מיר זעען דאָך, אז געקאָכטע פיש איז פיל בעסער פון רויע און געטריקנטע," — האָט ער געזאָגט גאַנץ ערנסט. — „מיר האָבן איצט א געלעגנהייט צו בראָטן דעם פראָוויאנט, וואָס מיר האָבן, איך וואָלט געזאָגט, אז מיר זאָלן שטענדיק קאָכן די פיש, וועלכע מיר וועלן כאפּן; ליידער איז עס אוממעגלעך, ווייל מיר האָבן ווייניק וואסער: מיר האָבן וואסער נאָר צו טרינקען, אָבער נישט צום קאָכן. מיר האָבן זיך דערלויבט היינט צו קאָכן אביסל זופּ, מיר קענען זיך אָבער נישט דערלויבן אזא פארגעניגן אלע טאָג. איך מיין אלזאָ, אז מיר זאָלן כאפּן פיש און מיר זאָלן זיי אויסבראָטן אויף דעם פייער, וואָס מיר וועלן מאכן פונם שמאלץ פון וואלפיש."

„מיר האָבן אָבער נישט קיין געשיר, אין וועלכע מען זאָל קענען מאכן א גרויסן פייער," — האָט דער נעגער באמערקט.

אלס קיכער האָט ער זער גוט געוואוסט, וואָס פאר א פייער מען מוז האָבן צו בראָטן א סך פיש מיטאמאָל.

בען בראס האָט געטראכט עטלעכע מינוט און האָט פּלוצלינג אויסגערופן:

„מיר דארפן נישט קיין געשיר! מיר וועלן מאכן פייער אויפן וואלפיש אַליין; דער וואלפיש וועט זיין אונזער קיך."

דער נעגער איז אויפגעשפרונגען פאר פרייד. דער פּלאַן איז אים זער געפעלן געוואָרן. דער פּלאַן איז איינפאך און גוט. מען דארף נאָר אויסשניידן א גרויס שטיק פונם וואלפיש, אריינלייגן א שטיק העמד און עס אָנצינדן. מען וועט דאן האָבן א גרויס פייער, אויף וועלכן מיר וועלן קענען אָפּבראָטן אן אָקס.

„עס וואָלט אלץ רעכט געוועזן," — האָט ער באמערקט, — „וואו נעמט מען אָבער פּראָוויאנט? מיר האָבן זער ווייניק געטריקנטע פיש. ווען דער שווערדפיש האָט צעשאָקלט אונזער „אלבאטראָס", איז פיל פראוויאנט אריינגעפאלן אין וואסער.

„מיר וועלן שוין געפינען פּראָוויאַנט," — האָט בען געענט־פערט. — „גיט נאָר א קוק, וואָס עס טוט זיך אין וואַסער ארום אונז."

מיר האָבן א קוק געטאָן און האָבן דערזען, ווי ארום דעם טויטן וואַלפיש האָט עס געקאָכט, ווי אין א קעסל: האַיפיש, שווערד־פיש און פיל אַנדערע רויבער און מערדער זענען זיך צונויפגעקומען אויף דעם באַל, וועלכן דער צופאַל האָט געמאַכט פאַר זיי. יעדער האָט געריסן, געביסן, געשטאָכן און געצופּט, וואו ער האָט געקענט און וואָס ער האָט געקענט.

„ווי אזוי וועלן מיר זיי אָבער פאַנגען?" — האָט דער נעגער געפרעגט.

„איצט האָבן מיר שוין מיט וואָס צופאַנגען," — האָט בען בראַס געענטפערט.

ער איז ארויפגעקראָכן אויפן וואַלפיש און האָט אָנגעהויבן ארויסצושלעפּן די האַרפונען פון זיין קערפּער.

„אָט איז געווער, מיט וועלכן מיר וועלן איצט כאַפּן גרויסע פיש," — האָט ער געזאָגט.

אזוי ווי עס איז שוין געווען נישט פרי און מיר זענען געווען מיד, איז געבליבן, אַז מיר זאָלן זיך לייגן שלאָפן און מאָרגן זאָלן מיר זיך נעמען צו דער אַרבעט.

קאפיטל זעקס.

די נאכט איז פארגאנגען רויק. מיר האָבן זיך אלע אויס־געשלאָפן און האָבן זיך אויסגערוט פון אונזערע ארבעט.

צומאָרגנס גאנץ פרי בין איך מיטן נעגער "ארויפגעקראָכן אויפן וואלפיש צו מאכן די נייטיקע הכנות פאר אונזער קיך און בען בראס האָט אָנגעהויבן זיך גרייטן צו טויטן א הייפיש אָדער אן אנ־דער גרויסן פיש.

דאָס איז געווען נישט שווער. מיר האָבן זיך געפונען אין אן אָרט, וואו עס קאָכט, זידט און רוישט פון אלערליי ים־ברואים. מיר האָבן זיך געפונען אין „פארגליווערטן ים" אָדער אין געדיכטן ים" ווי די מאטראָזן רופן עס.

איך מוז דעריבער געבן אייניקע ערקלערונגען. איך וויל געבן אייך א קליינעם באגריף, וואָס עס טוט זיך אין וועלט־ים.

דער וועלט־ים איז א סוד, וואָס קיינער האָט זיך נאָך נישט אויפגעקלערט. דער וועלט־ים איז א רעטעניש, וואָס קיינער האָט אים נאָך נישט פותר געווען. דער וועלט־ים איז א כישוף־שלאָס, וואָס קיינער האָט אים נאָך נישט געעפנט, ווייל קיינער האָט נאָך נישט דעם שליסל צו אים. דאָס וועלט־ים איז א וואונדער, וואָס קיינער האָט נאָך נישט דערקלערט.

עס זענען דאָ ערטער אין וועלט־ים, וואו עס געפינט זיך נישט קיין לעבעדיקע זאַך. מען קען אוועקפאָרן מייל־נוויים און נישט דער־

זען קיין פיש, קיין חיה און קיין פויגל. די ערטער זענען זעער ענלעך צו א מדבר אויף דער יבשה. מען פארט אוועק הונדערטער מיילן און מען זעט פאר זיך קיין ביימעלע, קיין גרעזעלע און קיין שפור פון לעבן. דאסזעלבע קומט פאר אין ים. א גרויסע שטרעקע פון טויזנטער מיילן איז שטיל, רויק אויסגעשטארבן. קיין פיש, קיין שום ים־גראז און קיין שפור פון לעבן. נאר וואסער און וואסער. דאס זענען די מדבריות פונם וועלט־ים.

אין אנדערע ערטער אבער קאכט עס, און רוישט אין ים פון טויזנטער פיש, פון מיליאנען פארשידענע באשעפענישן, פון גאנצע וועלדער פון אלערליי ים־גראזן און ים־פלאנצונגען. די ערטער אין ים ווייזן אויס, ווי די געדיכטע וועלדער פון אפריקע און אמעריקע, וואו עס געפינען זיך מיליאנען פייגל און ווילדע חיות. אין די ערטער פון ים לעבט אלץ, רירט זיך אלץ, רעגט זיך אלץ, באוועגט זיך אלץ. אזוי ווי אין די ווילדע וועלדער פון אפריקע אדער אמעריקע געפינען זיך פיל גרויסע חיות. ווי העלפאנטן, נאזהארנס, און אנדערע גרויסע ווילדע חיות, אזוי געפינען זיך אין דידאזיקע געגנטן פון וועלט־ים גרויסע און ווילדע חיות ווי וואלפיש, קאשעלאטן, האמערפיש, שווערדפיש און זעגפיש.

דאס איז אבער נאך נישט אלץ. אין די ערטער איז דער ים באדעקט מיט גאנצע וועלדער פון גראזן, בלומען און ביימער, אין וועלכע עס קאכט פון מיליאנען קלענערע חיות און באשעפענישן. עס מאכט זיך אמאל, אז די וועלדער ווערן אזוי צו וואקסן, אז די גראזן שטעקן ארויס פון וואסער און מען זעט אויפן ים בליענדיקע בלומען.

דידאזיקע ערטער הייסן „פארגליווערטער ים", אדער „געדיכט וואסער". די גרויסע פיש קומען אהער, ווייל זיי געפינען דא וואס צו עסן. דער וואלפיש איז דער גרעסטער פיש אויף דער וועלט, ריכטיקער געזאגט די גרעסטע חיה אויף דער וועלט, ווייל א וואלפיש איז אייגנטלעך גארנישט קיין פיש, נאר א זויג־חיה. א פיש ווערט געבוירן פון רויגן. א וואלפיש ווערט געבוירן לעבעדיקערהייט, ווי

אן אָקס אָדער א לייב. א פיש ווערט געבוירן פון רויגן און זוכט זיך באלד אליין צו עסן, א וואלפיש זויגט די מילך פון זיין מוטער, ווען ער איז יונג, ווי א קאלב זויגט די מילך פון דער קו. די וואלפיש־מאמע האָט אמאָל עטלעכע פעסער מילך אין איר ברוסט. ווי די גרויסע העלפאנט־מאמע.

דער וואלפיש איז איינער פון די מערקווירדיקסטע חיות אין דער וועלט. ער איז שרעקלעך גרויס. זיין קאָפּ פארנעמט א העלפט פון זיין קערפער. אין זיין מויל קען אריינפאָרן א באָט מיט צען מאטראָזן. מען וואָלט געקענט מיינען, אז אזא וואלפיש קען איינשלונגען א ראָטע סאָלדאטן. און דאָך נערט ער זיך מיט די קלענסטע באשעפענישן אין ים.. זיין האלז איז אזוי קליין, אז ער איז נישט אומשטאנד איינצושלינגען א הערינג. ער מוז שלינגען נאָר גאנץ קליינע פישלעך אָדער ים־ווערים.

דער וואלפיש האָט נישט קיין ציין, אנשטאט ציין האָט ער אין מויל א גאנצע נעץ פון לאנגע און דינע פאסן, שטעקעלעך און דראָטן. דאָס איז דער בארימטער „פיש־ביין”, וועלכע אונזערע דאמען טראָגן אין זייערע קאָרסעטן. דידאָזיקע נעץ פון ,פיש־ביין, דידאָזיקע וואונדערלעכער דראָטארבעט דינט דעם וואלפיש אלס נעץ. ער עפנט אויף זיין גרויס מויל און נעמט עס אָן מיט ים־וואסער, דאן זייט ער דורך דאָס וואסער דורך זיין נעץ פון פיש־ביין. דאָס וואסער גייט ארויס און די קליינע חיהלעך בלייבן און ער פארשלינגט זיי. וויפל מאָל אזא גרויסער וואלפיש דארף עפענען זיין מויל און אריינצונעמען אין אים וואסער און חיהלעך, ביז ער ווערט זאָט? — אויף אָט דער פראגע איז שווער צו ענטפערן. מען קען זיך אָבער לייכט פאָרשטעלן, וויפל מיליאָנען קליינע חיהלעך א גרויסער וואלפיש מוז פארשלונגען כדי זאט צו ווערן.

עס איז דעריבער נישט קיין וואונדער, וואָס דער וואלפיש און אנדערע גרויסע חיות פונם ים זוכן אויס דעם „פארגליווערטן ים”, אָדער דאָס געדיכטע וואסער, ווייל זיי ווייסן אז דאָרט זועלן זיי האָבן וואָס צו עסן.

מיר האָבן זיך געפונען אין אזא אָרט, אין ,,געדיכטן וואַסער", עס איז נישט קיין וואונדער, וואָס ארום אונז האָט עס אזוי געקאָכט. טויזנטער פיש, גרויסע און קליינע, מיליאָנען מינים חיות און פיש זענען געקראָכן, געשוואומען, געלאָפן און געגאנגען ארום אונזער ,,אלבאטראָס". מיר האָבן זיך געפונען אין א גרויסן און ווילדן גאָרטן אָדער פארק פונם וועלט-ים.

וואָס איז אָבער די סיבה דערפון? פארוואָס איז דער ים אין איי ניקע ערטער ליידיק, וויסט און טרויעריק און אין אנדערע ערטער איז עס פּאפּעלקערט און פול מיט לעבן? פארוואָס אנטלויפן פון אייניקע ערטער אלע לעבעדיקע ברואים? פארוואָס פארזאמלען זיי זיך ווידער אין אנדערע ערטער און וואוינען אזוי געדיכט איינער נעבן אנדערן, ווי די מענטשן אין א גרויסער שטאָט?

אויף דיזאָזיקע פראגן קען מען נאָך דערווייל נישט געבן קיין ריכטיקן ענטפער. מיר ווייסן נאָר אזוי פיל, אז אין ים געפינען זיך טייכן. אין מאנכע ערטער פליסט דאָס וואסער אין ים אויף עטלעכע מייל. ארום איז דער ים שטיל און רויק, עס ציט זיך נאָר א פּאס וואסער, וועלכעס לויפט, קאָכט, רוישט, שוימט און פליסט ערגעץ אוועק. אין ערטער קומען זיך צונויף דריי-פיר אזעלכע טייכן. עס ווערט פון זיי א ,,קעסלגרוב" וואו דער ים רוישט, גלייך ווי ער וואָלט אראָפּגעפאלן פון די רעדער פון א וואסער-מיל.

אזא קעסלגרוב געפינט זיך נישט ווייט פון נאָרוועגן. עס איז באקאנט אין דער וועלט אונטערן נאָמען ,,מאלסטרעם", דאָס הייסט, מיל-שטראָם, א שטראָם, וועלכער מאָלט, ווי א מיל. וויי איז צו דער שיף אָדער באָט, וואָס קומט צו זער נאָענט צום ,,מאלסטרעם". עס שלעפּט אים אריין, עס צורייסט אים, עס צוברעכט אים, עס צומאָלט אים אויף שטיקער.

פון אזעלכע ערטער אנטלויפן די פיש און די חיות פון ים. אזעלכע ערטער זענען וויסט און ליידיק. אויף זיי וואקסט נישט קיין גראָז, און קיין בלומען. עס זענען אָבער דאָ ערטער, וואו דער ים איז ווירקלעך גאנץ שטיל, וואו אלץ איז רויק און דאָס וואסער

איז אזוי געדיכט, אז אלע חיות קענען דאָרט לעבן און גדייען. אין אזעלכע ערטער קומען זיך צונויף די חיות פון אלע געגנטן, באַזעצן זיך דאָרט, פאַרמערן זיך און וואוינען זער געדיכט איינער נעבן אנדערן. זיי וואָלטן זיך אזוי שטאַרק פאַרמערט, אז זיי וואָלטן קיין פּלאַץ מער נישט האָבן, וואו זיך צו רירן. די גרויסע ים־מערדער און רויבער, ווי דער וואַלפיש, דער האַיפיש, דער האַמערפיש, דער שווערדפיש און דער אָקטאָפּוס פרעסן אויף מיליאָנען קלענערע חיות און רוימען אָפּ דעם פּלאַץ פאַר אנדערע.

מיר האָבן זיך איצט געפונען אין אזא ווילדן וואַלד אין וועלט־ים. טויזנטער פיש, גרויסע און קליינע, זענען געשוואומען ארום אונז. מיליאָנען וואַסער־פויגלען זענען געפלויגן איבער אונזערע קעפּ: זיי האָבן מורא געהאַט זיך אראָפּצולאָזן צום וואַסער. זיי האָבן אָבער נישט געוואָלט אוועקפליען פון אַן אָרט, וואו זיי האָבן געהאַט אזוי פיל צו עסן.

בען בראַס האָט געהאַט א לייכטע אַרבעט: ער האָט צוגעבונדן די האַרפּונע צו א לאַנגן שטריק און האָט זי אַנידערגעלייגט נעבן זיך. דאַן האָט ער אָפּגעשניטן א שטיק פלייש פון דעם טויטן וואַלפיש, האָט עס צוגעבונדן צו א שטריק און האָט עס אַראָפּגעלאָזן אין וואַסער: עס האָט געדויערט נאָר א מינוט און א גרויסער פיש איז צוגעקומען און האָט אריינגעכאַפּט דאָס שטיק פלייש. אין דער מינוט האָט בען בראַס אריינגעוואָרפן די גרויסע און שווערע האַרפונע אין קאָפּ פונם גרויסן פיש: ער האָט אים געטויט מיטאַמאָל.

„מיר האָבן שוין פּראָוויאַנט!“ — האָט ער אויסגערופן: — „איז דיין קיך פאַרטיק, סנאָאי?“

„מיין קיך איז פאַרטיק,“ — האָט דער נעגער געענטפערט. — „עס ברענט שוין אזא גרויס פייער, אז איך קען אָפּקאָכן א גאַנצן האַיפיש מיטאַמאָל.“

אין קאָפּ פונם וואַלפיש האָט איצט געברענט א גרויס פייער. דאָס שמאַלץ פונם וואַלפיש האָט זיך אָנגעצונדן און האָט געברענט

אזוי העל, אז מען וואָלט עס געקענט זען אויף מיילן ווייט. ווען א שיף זאָל געוועזן אָנקומען אין אָט דער צייט, וואָלט זי אויף קיין פאַל נישט געקענט פאַרשטיין, פון וואנען עס האָט זיך גענומען א פייער אינדערמיט פונם וועלט־ים: דער וואלפיש האָט איצט גע־ברענט גאנץ העל און האָט באַלויכטן א גרויסע שטרעקע פונם ים.

בען בראס, דער נעגער און איך האָבן צושניטן דעם גרויסן האיפיש, וועלכן בען האָט געטויט און מיר האָבן אים געבראָטן אויפן פייער. דער גערוך פונם פייער איז געווען נישט גאנץ אנגענעם: מיר האָבן זיך אָבער זער ווייניק געקימערט דעריבער. איצט ווען מיר וועלן האָבן געטריקנטע פיש, ריכטיקער געזאָגט, געדרויכערטע פיש, קענען מיר אויסהאלטן א לאנגע צייט: מיר האָבן אלזאָ א האָפ־נונג, אז מיר וועלן דאָך טרעפן א שיף, וואָס וועט אונז ענדלעך אויפ־נעמען.

אזוי איז פאַרגאנגען דער טאָג. מיט האָבן אויסגעטריקנט א האלבן האיפיש און האָבן אים אראָפּגענומען אויף אונזער „אלבאט־ראָס”: דאָס פייער אויפן וואלפיש האָבן מיר נישט אויסגעלאָשן און מיר האָבן געהאט די נאַכט א גרויסאַרטיקע אילומינאציע. צייט די „ראפינע” איז אונטערגעגאנגען, האָבן מיר נישט געזען ביי־נאַכט קיין פייער.

אין דער צייט, ווען אויפן קאָפּ פונם טויטן וואלפיש האָט גע־ברענט א גרויס פייער און האָט באַלויכטן דעם ים אויף א גרויסע שטרעקע ארום, האָט אין אן אנדער אָרט, נישט ווייט פונם טויטן וואלפיש, זיך אָפּגעשפּילט א גאנץ אנדערע סצענע: דאָ האָט זיך אָפּגעשפּיגלט א קאָמעדיע. דער וואלפיש האָט געברענט און די פייגל אין דער לופט, ווי די פיש אין ים האָבן זיך געווים געוואונ־דערט, ווער האָט עס פון זייערטוועגן געמאַכט אזא גרויסאַרטיקע אילומינאציע. דאָרט אָבער, עטלעכע מייל ווייטער, האָט זיך אָפּ־געשפּילט א שרעקלעכע דראַמע, א טרויער־שפּיל, וואו מענטשן

האָבן באַדאַרפט פאַרלירן זייער לעבן און שטאַרבן פון די הענט פון זייערע חברים.

די סצענע, אויף וועלכער אַט דאָס טרויער־שפּיל האָט זיך אָפּגעשפּילט, איז באַשטאַנען פון ברעטער, ווי די סצענע, אין אַ טעאַטער, אָבער די ברעטער זענען נישט געווען צוגעשלאָגן צו בעלקעס און זיילן, נאָר זענען געלעגן אויף אַ פּאָר קלעצער און האָבן געשוואוּמען אויפן גרויסן וועלט־ים. די אַקטיאָרן פונם טרויערשפּיל זענען געווען די מאַטראָזן פון דער „ראַפינע".

איך האָב ביז אהער דערציילט, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט מיר און בען בראַסן, צייט מיר האָבן זיך אָפּגעטיילט פון דעם גרויסן פּאַראָם, ווען מען האָט געוואָלט מיך קוילן און אויפעסן. וואָס אָבער איז געוואָרן פון די מאַטראָזן פון דער „ראַפינע"? וואו זענען זיי אהינגעקומען? דעריבער האָב איך נישט געטראַכט. איך בין געווען גליקלעך, וואָס איך האָב מיך געראַטעוועט פון זיי; איך בין געווען גליקלעך, וואָס מיר האָבן געפונען דעם נעגער מיט דער שיינער לילי. איך האָב גאָר פאַרגעסן אָן זיי און וואָלט געוויס קיינ־מאָל מער נישט געטראַכט פון זיי, ווען דער צופאַל וואָלט אונז נישט געווען נאָכאַמאָל צוזאַמענגעפירט.

איך וויל איצט דערציילן, וואָס עס איז פאָרגעקומען אויפן גרויסן פּאַראָם צייט מיר האָבן זיך צעשיידט. איך ווייס עס פון דעם מאַטראָז ענגלמאַן, וועלכער האָט מיר שפּעטער אַלץ דערציילט.

גאַנץ פרי, ווען עס איז נאָר וואָס ליכטיק געוואָרן, האָבן זיך אויפגעכאַפּט די מאַטראָזן פון דער „ראַפינע" און האָבן דערזען, אַז איך און בען בראַס זענען אַנטלאָפן. עס איז געוואָרן אַ געשריי און אַ געוואַלד, אַז מען זאָל אונז נאָכיאָגן, מען זאָל אונז כאַפּן און מען זאָל אונז ביידע טויטן. דאָס איז אָבער געווען לייכט צו זאָגן און שווער אויסצופירן. עס איז נישט געווען קיין ווינט און דער גרויסער פּאַראָם האָט זיך נישט געקענט רירן פונם אָרט. מען האָט פּראָבירט רודערן, מען האָט אָבער נישט געוואוסט אין וועלכער זייט מיר זענען אַנטלאָפן.

עס האָט זיי דעריבער גאָרנישט געהאָלפֿן. יעדער האָט זיך געזעצט אויף זיין אָרט טרויעריק און פאַרטראַכט. ביז אהער האָבן זיי געהאָפט, אז זיי וועלן מיך אויפעסן; איצט אָבער, ווען זיי האָבן געזען, אז איך בין אנטלאָפן, האָבן זיי געוואוסט, אז זיי וועלן מוזן וואַרפן א גורל און איינער פון זיי וועט מוזן שטאַרבן. יעדער פון זיי האָט מורא געהאַט, דער גורל זאָל נישט פאַלן אויף אים.

איך מוז נאָך זאָגן א פּאָר ווערטער איבער די צוויי פעסלעך געזאַלצענעם פלייש, וועלכע האָבן זיך געפונען אויפן פּראָם. דער לעזער וועט דאָך געוויס פרעגן, פאַרוואָס האָבן זיי נישט געגעסן דאָס געזאַלצענע פלייש אין דער נויט? — די תשובה איז אן איינפאַכע: זיי האָבן נישט געהאַט קיין געזאַלצן פלייש. דעם אנ־דערן טאָג נאָך זייער רעטונג פון דער „ראַפינע", ווען זיי האָבן גערעכנט, אז זיי האָבן גענוג סוכאַרעס, האָט דער פראַנצויז לעגראַ געפונען פאַר נויטיק אוועקצוואַרפן די צוויי פעסלעך געזאַלצן פלייש.

ער האָט עס נישט געטאָן פון שלעכטסקייט. ער האָט גע־וואוסט, אז אויפן פּראָם געפינט זיך זער ווייניג וואַסער: קוים וועלן די מענטשן אָנהייבן צו עסן דאָס געזאַלצענע פלייש, וועלן זיי מוזן טרינקען, זיי וועלן אויסטרינקען דאָס גאַנצע וואַסער און וועלן דאַן שטאַרבן פון דורשט. לעגראַ איז געווען אן אַלטער מאַ־טראָז. ער האָט געוואוסט, אז אין אזא פאַל איז וואַסער נייטיקער, ווי ברויט. א מענטש קען ליידן הונגער פון אכט ביז צען טעג. דורשט אָבער קען ער אויסהאַלטן נישט מער ווי פינף — זעקס טעג. ער האָט דעריבער געפונען פאַר נייטיק אוועקצוואַרפן די פעסלעך מיט דעם געזאַלצענעם פלייש. ער האָט עס אליין געטאָן און האָט ביי קיינעם קיין דעה נישט געפרעגט.

די מאַטראָזן פון דער „ראַפינאַ" זענען יעצט געזעסן יע־דער אויף זיין אָרט טרויעריק און פאַרטראַכט. דער הונגער איז גע־וואָרן שרעקלעך. זיי האָבן אָנגעהייבן צו בייסן דאָס לעדער פון זייערע שיך, דאָס איז אָבער זער א שלעכטער מיטל צו שטילן דעם

הונגער. פון צו צייט פלעגט זיך אויפהייבן איינער פון זיי און פלעגט צוגיין צום פעסל ראָם און פלעגט טרינקען אביסל ראָם. איניקע האָבן געטרונקען מער ווי זיי האָבן באַדאַרפט, זיי האָבן זיך אָנגעשיכורט.

פון רודערן, פון זוכן מיטלען ווי זיך צו ראַטעווען אין דער־דאָזיקער ביטערער נויט, איז קיין רייד נישט געווען. יעדער האָט זיך געזאָרגט פאַר זיך. דער פּאַראָם איז ארומגעשוואומען, וואו־הין דער ווינט האָט אים געטריבן, ווען עס איז געווען א ווינט. איז נישט געווען קיין ווינט, איז ער געשטאַנען אויף איין אָרט.

אזוי זענען פאַרגאַנגען איניקע טעג. ענדלעך איז דער הונגער געוואָרן אזוי שרעקלעך, אז זיי האָבן געמוזט זיך באַשליסן צו טויטן איינעם פון זיי און אים אויפצועסן. זיי האָבן עס אויך גע־טאָן. כדי דער גורל זאָל זיין ערלעך, האָבן עטלעכע מאַטראָזן אָב־געשניטן די קנעפּלעך פון זייערע קליידער. מען האָט אויסגעקליבן איין שווארצן קנאָפּ און דריי און זעכציק פארביקע קנעפּ, געלע, ווייסע און רויטע.

אַלע קנעפּ האָט מען אריינגעוואָרפן אין א הוט און מען האָט אים פאַרדעקט מיט א טוך. דעם הוט האָט מען אנידערגעשטעלט אין דערמיט פונם פאַראָם און יעדער פון זיי איז צוגעקומען צו אים און געצויגן א גורל פון לעבן און טויט: ווער עס האָט ארויס־געצויגן דעם שווארצן קנאָפּ, דער האָט געמוזט שטאַרבן.

דאָס ערשטע מאָל איז דער גורל געפאַלן אויף א־שטילן אומ־גליקליכן מענטשן. קוים האָט ער ארויסגעצויגן דעם שווארצן קנאָפּ, איז מען אויף אים ארויפגעפאַלן, ווי די שדים, און מען האָט אים באַלד צעשניטן אויף שטיקער. דערווייל האָט מען געשטילט דעם הונגער. דערווייל האָט מען זיך באַרויקט.

ווער עס וואָלט יעצט בעטראַכט דעם גרויסן פּאַראָם, דער וואָלט געזען א וואונדערבאַר בילד. אויפן פּאַראָם זענען געשטאַ־נען, געזעסן, ארומגעשפּאַצירט און ארומגעטאַנצט אויסגעדאַרטע,

אָבגעמאָגערטע געשטאַלטן. ערטערווייז זענען געלעגן ביינער, מענטשנביינער, אָפּגענאָגטע, צעבראָכענע, אויסגעוויגטע, אויס־געקוועטשטע מענטשנביינער.

די ווילדע מאַטראָזן פון דער „ראַפּינאַ" האָבן געהאַט אין זינען נור איין זאַך — עסן! זיי האָבן אפילו געכאַפּט אייניגע פיש, ווען עס האָט זיך זיי געמאַכט א געלעגנהייט, זיי האָבן זיך אָבער נישט איבערגעלייגט, נישט געאַרבעט צוזאַמען, נישט גע־טראַכט צוזאַמען, ווי זיך צו העלפן ווי זיך צו ראַטעווען, יעדער איז געווען פאַר זיך. יעדער האָט געטראַכט, וואָס ער וועט עסן און האָט זיך נישט געקימערט, וואָס די אַנדערע וועלן טאָן אָדער עסן. דערפאַר זענען זיי געווען אַזוי אומגליקלעך, דערפאַר האָבן זיי געליטן אַזוי פיל הונגער און נויט.

אַזוי איז עס געגאַנגען אויף דעם גרויסן פּאַראָם, אַזוי גייט עס אין דער גרויסער וועלט, ווען מענטשן פאַרגעסן, אַז כדי צו לעבן מיר אין א געזעלשאַפט, מוזן מיר טראַכטן איינער אָן דעם אַנדערן, מוזן מיר וויסן, אַז ווען יענער לעבט, קען איך אויך לעבן; מוזן מיר שטענדיק געדענקען אָן דעם ווערטל: „לעבן און לאָזן יענעם לעבן". ווען מיר ווילן לעבן, מוזן מיר זען אַז דער אַנדערער זאָל אויך לעבן.

אין דעם טאָג, ווען איך און בען בראַס האָבן צוליי‌גט א פייער אויפן טויטן וואַלפיש, איז דער הונגער און די נויט אויף דעם גרויסן פאַראָם געוואָרן אַזוי שטאַרק, אַז דער פראַנצויז לעגראַ האָט ענדלעך אויסגערופן:

„עס העלפט נישט! מיר מוזן ווידער שפּילן אין דער לאָטעריי פון לעבן און טויט. מיר מוזן עפּעס עסן אָדער מיר וועלן אַלע שטאַרבן פאַר הונגער".

אין ים האָבן געשוואומען טויזנטער פיש, קיינער האָט אָבער נישט געדאַכט דערפון, אַז מען זאָל זיי פאַנגען. זיי האָבן דאָך גע־האַט שפּייז ביי זיך אויפן פאַראָם. און דאָס איז געווען מענטשנ־פליייש.

לעגראַ האָט איצט געשפּילט די ראָלע פון אַ שיפסקאַפּיטאַן אויפן פאַראַם. זייט ער האָט ניט געהאַט געגן זיך זיין פיינד בען בראָס, איז ער געוואָרן דער ערשטער, דער שטאַרקסטער און דער אָנפירער פון דער דאָזיקער באַנדע. מען האָט פאַר אים מורא געהאַט, ווייל ער האָט געהאַט אַרום זיך עטלעכע שטאַרקע מאַטראָזן, וועלכע האָבן אים געפאָלגט, וואָס ער האָט זיי געהייסן, אַזוי ווי לעגראַ מיט זיין קליינער באַנדע זענען געווען שטאַרקער פון אַלעמען, האָבן זיי געטאָן, וואָס זיי האָבן געוואָלט.

„מיר מוזן עסן אָדער שטאַרבן" האָט אויסגערופן לעגראַ צום צווייטן מאָל.

די אויסגעהונגערטע, אויסגעצערטע, בלייכע און האַלב משוגענע מאַטראָזן האָבן אַ ציטער געטאָן, יעדער פון זיי האָט זיך געטראַכט:

„וועט אפשר פאַלן דער גורל אויף מיר? וועל איך אפשר איצט זיין דער קרבן?

מען האָט אָבער לאַנג נישט געטראַכט. מען האָט געמוזט צו געבן, אַז עס איז נישטאָ קיין אַנדער מיטל, קיין אַנדער אויסוועג. באַלד האָט מען צונויפגענומען די קנעפּלעך און מען האָט זיי אַריינגעוואָרפן אין שרעקלעכן הוט: אַלע האָבן געציטערט פאַר שרעק. די טרויעריקע צערעמאָניע האָט געדויערט זער לאַנג. קיינעם האָט זיך נישט געוואָלט שפּילן אין דער דאָזיקער בלוטיקער לאָטעריע.

מען האָט פאַרדעקט דעם הוט מיט אַן אַלטן ראָק און לעגראַ האָט אויסגערופן:

„זאָל יעדער צוגיין און אַרויסציען זיין גורל!"

לאַנגזאַם, און דערשראָקן איז יעדער פון די מאַטראָזן צוגעקומען צום שרעקליכן הוט. לאַנגזאַם און דערשראָקן האָט יעדער אַרונטערגעלייגט די האַנד אונטערן ראָק און האָט אַרויסגענומען אַ קנעפּל פונם הוט.

ווען איינער האָט אַרויסגעצויגן אַ קנעפּל, האָט ער געמוזט

עטענען די האנט און ווייזן אלעמען, וואס ער האט ארויסגעצויגן. פיל זענען געווען מער טויט, ווי לעבעדיק, ווען זיי האבן געהאלטן אין דער האנט זייער גורל, זייער לאטעריע־צעטל — דאס שרעקלעכע קנעפל: איינינגע פלעגן אזוי שטארק צונויפלייגן די האנט, אז עס איז געווען דערנאך שווער זי צו עפענען.

דער פראנצויז לעגרא איז געווען דער ריכטער, דער אויפזעהער פון דער לאטעריע. ער האט אבער זער געוואוסט, אז אין דעם פאל שטייט ער נישט העכער פון די אנדערע. אויך ער וועט מוזן שפילן אין אט דער לאטעריע, אויך ער מוז ריזיקירן מיטן לעבן.

איינער נאכן אנדערן זענען די מאטראזן פון דער „ראפינא" צוגעקומען צום שרעקליכן הוט. איינער נאכן אנדערן האבן זיי ארויסגעצויגן דאס קנעפל. אלע זענען געווען ווייסע, געלע, גרינע, רויטע. דער שווארצער קנאפ איז נאך נישט ארויס. ווי גליקלעך זענען געווען אייניגע, ווען זיי האבן געעפנט זייער האנט און האבן דערזען א פארביג קנעפל! אייניגע האבן געטאנצט פאר פרייד, אנדערע האבן געלאכט, און זענען ארומגעלאפן, ווי משוגע.

לעגרא איז געווארן אונרויק. אפשר וועט איצט פאלן דער גורל אויף אים? זיין געזיכט איז געווארן ממש טויט, ווען ער האט געזען, אז עס זענען געבליבן בלויז צוויי מענטשן: ער און א הויכער שטארקער אירלענדער. איינער פון זיי ביידן אלזא מוז שטארבן. איינער פון זיי ביידן וועט געוויס ארויסציען דאס שרעקלעכע שווארצע קנעפל.

אלע האבן זיך איצט ארומגעשטעלט ארום דעם שרעקליכן הוט. יעדער איז געווען פאראינטערעסירט צו זען, ווער פון די צוויי שטארקסטע און גרעבסטע מאטראזן וועט ארויסציען דעם שווארצן גורל. אלע האבן געוואוסט, אז די צוויי מענטשן האבן זיך פיינט. זייט בען בראס איז אוועק פון זיי, איז דער אירלענדער געווען דער שטארקסטער מאטראז אויפן פאראם. ער האט אלזא געוואלט זיין דער ערשטער. לעגרא האט עס נישט דערלאזן, דערפאר האבן זיי

זיך פיינט געהאט איינער דעם אנדערן און זיי וואָלטן זיך שוין נישט איין מאָל געשלאָגן, ווען ענגעלמאַן און איינעגע אנדערע וואָלטן זיי נישט געווען איינגעהאַלטן.

איצט זענען די צוויי מענטשן געשטאַנען איינער לעבן דעם אנדערן. איינער פון זיי האָט געמוזט צוגיין צום שרעקליכן הוט. זיי האָבן זיך אָבער נישט גערירט פון אָרט. יעדער פון זיי האָט זיך פאַרטראַכט. יעדער האָט געזוכט א מיטל זיך אויסצודרייען. קיינער האָט נישט געוואָלט ערלויבן, אַז דער אנדערער זאָל האָבן א נקמה אָן אים. פון צייט צו צייט פלעגט איינער אויפן אנדערן אַ וואָרף טאָן א בייזן, ווילדן שרעקליכן בליק פון האַס און פיינטשאַפט. דאָס זענען נישט געווען קיין מענטשן, דאָס זענען געווען צוויי ווילדע חיות, וועלכע זענען געשטאַנען איינער געגן אַנדערן און האָבן זיך אויפגעפרעסן מיט די אויגן.

פלוצלונג האָט זיך דער אירלענדער געווענדט צו די מאַטראָזן און האָט זיי געזאָגט:

„חברים, עס איז נישט גלייך, אַז איך און לעגראַ זאָלן ציען אונזער גורל. מיר זענען די צוויי שטאַרקסטע מאַטראָזן פון דער „ראַפינאַ”. איינער פון אונז ביידן מוז שטאַרבן. עס איז מעגלעך, אַז דער שטאַרקסטער פון אונז וועט מוזן שטאַרבן. דאָס טויג נישט. איר געפינט זיך איצט אין אַזאַ לאַגע, אַז דער שטאַרקסטער פון אייך מוזן לעבן!”

אַלע האָבן געשוויגן. קיינער האָט נישט געוואוסט, וואָס דער אירלענדער מיינט מיט זיינע רייד.

„וואָס מיינסטו דערמיט, אירלענדער כלב?” האָט לעגראַ אויסגערופן:

„איך מיין דערמיט, אַז מיר זאָלן זיך ביידע שלאָגן, ווי מען טוט עס אין אַלטן אירלאַנד. מיר וועלן זיך שלאָגן אויף לעבן און טויט. ווער עס וועט בייקומען דעם אנדערן, דער וועט לעבן, דער אנדערער וועט מוזן שטאַרבן: אַזוי אַרום וועלן מיר וויסן, ווער

עס איז דער שטארגסטער און דער ניצליכסטער מענטש אויפן פאַ־דאָס.″

איצט האָבן אַלע געוואוסט, וואָס דער אירלענדער פארלאנגט. מען האט געווארט אויף אן ענטפער פון לעגראַ: ער האָט אָבער געשוויגן. ער האָט אַליין נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. אים איז אפשר געווען אנגענעמער זיך צו שלאָגן מיטן אירלענדער, ער האָט עס אָבער נישט געקענט טאָן, ווייל ער האָט זיך געהאלטן פארן עלטסטן. ווי פארדאָרבן און געמיין ער איז געווען: איז ער דאָך געווען א פראנצויז. ער האָט דאָך אָפּגעשטאמט פון א פאָלק, ביי וועלכן דער כבוד איז טייערער פונם לעבן. ער איז געווען זיכער, אז ער וועט בייקומען דעם אירלענדער, אָבער דער כבוד? ער האָט מורא געהאט, אז זיינע חברים זאָלן דערנאָך נישט זאָגן:

„דו ביסט אונזער עלטסטער, דו האָסט אַליין פאָרגעשלאָגן, אז מיר זאָלן ווארפן גורל און דו האָסט מורא געהאט צו ציען דעם שרעקלעכן גורל.″

מיינע לעזער זאָלן זיך נישט וואונדערן, ווען איך דערצייל זיי, אז אזא גראָבער און ווילדער מענטש האָט אין אזא שרעקליכע מינוט געקענט טראכטן פון ערע און ערנגעפיל. מען מוז קאָנען דעם פראנצויז, מען מוז קענען דאָס פראנצויזישע פאָלק אום צו פארשטיין די סצענע. וואָס עס קומט צו דער ערע, איז יעדער פראנצויז גרייט צו אָפּפערן זיין לעבן. ביי קיין פאָלק אין דער וועלט געפינען מיר נים אזוי פיל דועלן, ווי ביי די פראנצויזן: דער גרע־סטער, ווי דער קלענסטער, דער רייכסטער, ווי דער אָרימסטער וועט אוועקגעבן זיין לעבן פאר זיין ערע. זיין נאָמען, זיין ערע איז ביי אים פיל טייערער איידער זיין לעבן און דאָס לעבן פון זיין פאמיליע.

מען דערציילט, אז אמאָל האָט זיך געקריגט א פראנצויז מיט א שפאניער. דער שפאניער האָט געזאָגט צום פראנצויז:

„מיר שלאָגן זיך פאר דער ערע, איר, פראנצויזן, אָבער שלאָגט אייך פאר געלד.″

„מיר שלאָגן זיך פאַר געלד, ווייל מיר האָבן ערע, איר אָבער שלאָגט זיך פאַר דער ערע, ווייל איר האָט זי נישט," האָט דער פראַנצויז געענטפערט שטאָלץ.

ער האָט אויך רעכט געהאַט: דער פראַנצויז קען טאָן אַלע געמיינהייטן פאַר געלט אָדער פאַר זיין נוצן, קוים בערירט עס אָבער זיין ערע, קוים ווייס ער, אַז עס קען ליידן זיין ערע, וועט ער קריכן דורך די נעגל און וועט באַשיצן זיין כבוד.

דאָס איז געווען די סיבה, וואָרום לעגראַ האָט זיך אַזוי פאַרטראַכט ער האָט זער געוואָלט אָנלערנען דעם אירלענדער, ער האָט אָבער מורא געהאַט פאַר זיין ערע. ענדלעך האָט ער זיך געשטעלט שטאָלץ פאַרן אירלענדער און האָט געזאָגט:

„מיינסטו, פּעטריק, אַז איך האָב מורא אַריינצולייגן די האַנט און הוט? איך האָב געהייסן וואַרפן גורל און איך מוז זיך אונטערוואַרפן. אַלע האָבן איינגעשטעלט זייער לעבן אין דער לאָטעריע, מיר דאַרפן נישט זיין בעסער פון די אַנדערע. מיר זענען אַלע אין נויט: איינער פון אונז מוז שטאַרבן צו ראַטעווען די איבריקע. איך און דו דאַרפן זיין גלייך מיט אַלע. קיין אויסנאַמען זענען נישטאָ.

דער אירלענדער האָט געשוויגן.

„לעגראַ האָט רעכט!" האָבן געשריען די איבריקע. „יעדער פון אונז האָט איינגעשטעלט זיין לעבן, פאַרוואָס זאָלן מיר איצט מאַכן אַן אויסנאַם? אַלע זענען גלייך!"

אַזוי ווי לעגראַ איז געווען דער אויפזעהער פון דער לאָטעריע, האָט ער געדאַרפט זיין דער לעצטער. קיינער האָט נישט געהאַט דאַגעגן. די קנעפּלעך זענען אַלע געווען גלייך. אַלע האָבן געזען, אַז ביז אַהער איז די לאָטעריע געווען גאַנץ ערלעך. יעדער האָט איינגעשטעלט זיין לעבן. יעדער האָט געוואוסט, וואָס פאַר אַ שרעקלעכן גורל ער ציט אַרויס.

דאָך האָט לעגראַ געוואָלט בעוויזן, אַז ער איז אַ פראַנצויז, אַז ער איז אַן ערנמאַן.

„חברים!‟ האָט ער אויסגערופן. „איך האָט אַלע געזען, ווי ערלעך די לאָטעריע איז געווען. איך בין אָבער דער אויפזעער, דער עלטערער פון אייך, און האָב דאָס רעכט צו ציען דער לעצטער, ווען איר פאַרלאַנגט עס אָבער, וועל איך ציען פריער.‟

„ניין!‟ האָבן אויסגערופן עטלעכע מיטאַמאָל. „אַזוי ווי אַלץ איז צוגעגאַנגען ערלעך, אַזוי דאַרף עס ווייטער גיין.‟

„איך בין דערמיט איינפערשטאַנען!‟ האָט געזאָגט דער איר־לענדער. „איך אָדער דו!‟ איינער פון אונז מוז אָפּטרעטן פון פּלאַץ.‟

ער איז האַסטיק צוגעגאַנגען צום הוט, האָט אַרונטערגערוקט די האַנט אונטערן ראָק און האָט זי האַסטיק אַרויסגענומען. „אין זיין האַנט איז געווען אַ ווייסער קנעפּל!‟

דער פראַנצויז האָט געהאַט אַ סך גוטע פריינט צווישן די מאַטראָזן פון דער „ראַפּינאַ‟. ווען זיי האָבן דערזען, אַז דער איר־לענדער האָט אַרויסגעצויגן אַ ווייסן קנעפּל, האָבן זיי אַ ציטער געטאָן און זענען געוואָרן געל פאַר צאָרן און פאַרדרוס.

וואָס האָבן זיי אָבער געקאָנט העלפן? אַ לאָטעריע איז אַ לאָטעריע. מען האָט איינמאָל אָפּגעמאַכט, עס איז פאַרפאַלן. לעג־ראַ אַליין האָט אויך געוואָלט באַווייזן, אַז ער איז אַן ערנמאַן.

„אין דר'ערד!‟ האָט ער אויסגערופן. „דאָס גליק איז קעגן מיר. איך מוז שטאַרבן. מיין ערע איז ביי מיר טייער. ציען דאָס לעצטע קנעפּל דאַרף איך שוין נישט, אָבער לאָמיך ווייניקסטנס זען דאָס העסלעכע קנעפּל, וואָס פאַרמשפּט מיך צום טויט.‟

ער האָט אַראָפּגעריסן דעם צודעק פונם הוט און האָט אַ קוק געטאָן אין הוט. ער איז באַלד אָפּגעשפּרונגען. דאַן האָט ער פּלוצ־לונג אַ כאַפּ געטאָן דעם איינציקן און לעצטן קנעפּל און האָט אים אַלעמען געוויזן: דער לעצטער קנעפּל איז געווען אַ געלער!‟

אַלע זענען געווען איבעראַשט און דערשראָקן.

„רמאות! שווינדל!‟ האָט איינער אויסגערופן.

„איך האָב אַליין געזען, ווי מען האָט אַריינגעלייגט אין הוט

א שווארצן קנעפל!" האָט געשריען א צווייטער, „דאָ איז עפּעס געשען."

דעם הוט! דעם הוט!" האָט געשריען ענגעלמאַן, „ווייזט מיר דעם הוט!"

ער האָט ארויסגעכאַפּט דעם הוט פון לעגראַס הענט און האָט אָנגעהייבן אים צו שאָקלען, ; פון הוט איז ארויסגעפאלן א שווארצער קנעפּל.

איצט האָבן אַלע ארויסגעזען, אז דאָסמאָל איז די לאָטעריע צוגעגאַנגען נישט ערלעך. עס איז געוואָרן א געשריי, א גוואלד און א ליארם.

„נישט ערלעך! פאַלש! רמאות! שווינדל!" האָט מען געשריען פון אַלע זייטן.

עס איז געוואָרן אזא ליארם, אז עס איז געווען אונמעגלעך צו הערן, וואָס מען האָט גערעט. ענדלעך האָט איינער אויסגעשריען אין דער הייך:

„עס העלפט נישט! מיר מוזן נאָכאמאָל ווארפן א גורל!"

„נאָכאמאָל! איבערנייס!" האָט מען אים אונטערגעהאלטן.

„דאָסמאָל וועלן מיר שוין זיין פּאָרזיכטיק: דאָסמאָל וועלן מיר זיך שוין גוט צופּאַסן."

יעדער איז געווען איבערצייגט, אז לעגראַ אָדער דער אירלענדער האָט בעגאַנגען דעם שווינדל. קיינער האָט עס אָבער נישט געוואָלט ארויסזאָגן. פיל האָבן אפילו בעמערקט, אז אייניגע פון לעגראַ'ס פריינט האָבן אים געוואונקן און האָבן אים געמאַכט געהיימע סימנים. דאָס איז זיי נישט געפעלן, זיי האָבן עס אָבער נישט געוואָלט זאָגן, ווייל זיי האָבן עס נישט געוואוסט אויף זיכער.

נור איין מענטש האָט געזען אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען און האָט געשוויגן. דאָס איז געווען דער אירלענדער לאררי אָ רורקע. זייט מען האָט אויסגעפונען, אז די לאָטעריע איז געווען פאלש, איז ער אוועקגעגאַנגען אָן א זייט, האָט נישט אראָפּגעלאָזן קיין אויג פון לעגראַ'ן און האָט געשוויגן.

ערשט ווען אַלע זענען געווען איינפאַרשטאַנען, אַז מען זאָל ציען אַ נייע לאָטעריע, האָט ער זיך אַרויסגערוקט און האָט געזאָגט פעסט און רויק:

„ניין, חברים! מיר דאַרפן נישט ציען קיין נייע לאָטעריע. איר זעט דאָך אַליין, אַז דאָ איז פאָרגעקומען אַ שווינדל. איך וואָלט אַפילו געקאָנט עפעס זאָגן וועגן דער שמוציקער בריאה, וואָס האָט נישט געוואָלט ריזיקירן זיין לעבן גלייך מיט אַלע אַנדערע. איך וויל עס אָבער נישט, ווייל איך מיין, אַז איך האָב געפונען אַ בעסער מיטל, ווי אַזוי אָנצולערנען דיזאָזיקע בריאה.

אַלע האָבן געקוקט אויפן אירלענדער: אַלע האָבן געוואַרט אויף עטוואָס נייס. אַלע זענען געווען פאַראינטערעסירט מיט דעם, וואָס דאָ וועט פאָרקומען.

לעגראַ איז געוואָרן אומרוהיק, זיין געזיכט איז געוואָרן ווייס, ווי קאַלך, אַפילו זיינע ליפּן זענען געוואָרן ווייס. ווער עס האָט אים פאַרשטאַנען, דער האָט געקאָנט זאָגן פאַר געווים, אַז לעגראַ פאַרשטייט, אַז מען ווייס, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. ער האָט געפילט, אַז ער קאָן דאָ פאַרלירן זיין ערע, דאָס האָט אים זער געקרענקט, ער האָט געציטערט, אפשר וועט מען געוואַר ווערן, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. ער האָט געמוזט ווייזן, אַז ער איז אַן ערנמאַן.

„הער אירלענדער!" האָט ער אַ געשריי געטאָן. מיינט איר דען, אַז איך האָב באַגאַנגען אַ שווינדל? מיינט איר, אַז איך האָב געהאַנדלט נישט ערלעך אין דער לאָטעריע?"

„געווים, מיין שטאָלצער פראַנצויז! מיין ערנמאַן! איר האָט געהאַלטן אין די הענט אַ געלן קנעפּל, ווען איר האָט אַריינגעקוקט אין הוט. איך קאָן אייך, מיסטער לעגראַ! איך ווייס, אַז איר ציטערט פאַר אייער לעבן."

„ליגנער! פחדן! ליגנער!" האָט דער פראַנצויז געשריען.

„רויק, הער פראַנצויז! זידלט זיך נישט! איך ווייס, ווער עס האָט אַריינגעלייגט דעם לעצטן געלן קנעפּל. איר האָט עס געטאָן!"

„קענט איר עס בעווייזן? פונוואנען ווייסט איר עס?‟ האָט מען געשריען פון אלע זייטן.

„וואָס פאַר באַווייזן ווילט איר דען?‟ האָט דער אירלענדער געפרעגט, האָט איר דען נישט געזען, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען? — ווען איך האָב אריינגעלייגט מיין האנט אין הוט, האָב איך אָנגעטאפּט נאָר צוויי קנעפּלעך. איך האָב אויסגעטאפּט דעם גאנצן הוט איך האָב געהאלטןביידע קנעפּלעך אין די הענט. איך האָב געוויילט, געקליבן צווישן זיי. ווען עס זאָלן געוועזן זיין דריי קנעפּלעך אין הוט, וואָלט איך עס געוועזן געפילט אין דער האנט. איך שווער אייך ביים הייליקן פּעטריק, אז אין הוט זענען געוועזן נאָר צוויי קנעפּלעך.

„דאָס איז נאָך נישט קיין באַווייז,‟—האָט לע גראָס א פּריינט באַמערקט, — „ עס איז זער מעגלעך, אז דאָס דריטע קנעפּל האָט זיך באַהאלטן אין א קנייטש פונם הוט.

„רעדט נישט קיין נאַרישקייטן!‟ — האָט דער אירלענדער געשריען. איך האָב זער גוט געזען, ווי איר האָט זיך געמאַכט צייכנס. עפּעס איז צווישן אייך פאָרגעקומען, איך ווייס עס געווים.‟

אַלע האָבן איצט געקוקט אויף לע גראָ, מען האָט אים שוין פריער חושד געוועזן, אז ער איז געוועזן נישט ערלעך. איצט האָט דער אירלענדער געשוואָרן, אז ער האָט אליין געפילט אין הוט נאָר צוויי קנעפּלעך.

„לאָמיר פרעגן דעם מענטשן, וועלכער האָט געצויגן א קנעפּל פאַר דעם אירלענדער,‟ — האָט אויסגערופן ענגלמאַן. — „אפשר ווייס ער אויך וויפל קנעפּלעך עס זענען געוועזן אין הוט, ווען ער האָט געצויגן זיין קנעפּל?‟

מען האָט אים געפרעגט און ער האָט געענטפערט, אז ער האָט אויך ארומגעטאפּט אין הוט און זיינע פינגער האָבן געפילט, אז דאָרט האָבן זיך געפונען נאָר דריי קנעפּלעך. איצט איז שוין אלע

געווען דייטלעך, איצט האָט שוין יעדער איינגעזען, אַז לעגרא האָט באַגאַנגען דעם שווינדל.

„נו, זעט איר שוין, חברים, אַז איך בין געווען גערעכט?“ — האָט דער אירלענדער אויסגערופן, — „איר זעט דאָך, אַז ער האָט געהאַרפט אַרויסציען דעם שוואַרצן קנעפּל, צו וואָס זאָלן מיר אַלזאָ וואַרפן אַ נייעם גורל? יעדער פון אונז האָט איינגעשטעלט זיין לעבן, דער גורל איז געפאַלן אויף לע גרא און ער מוז שטאַרבן.

„ליגנער! קאַנאַליע!“ — האָט געשריען דער פראַנצויז, — „איך בין אַן ערנמאַן! איך בין נישט קיין שווינדלער! איך האָב געשפּילט אין דער לעבנסלאָטעריע גלייך מיט אייך אַלעמען.“

„ווען דו האָסט געשפּילט ערלעך, טאָ ווער דען האָט געשפּילט פאַלש?“ — האָט זיך געקאָכט דער אירלענדער, — „אַלע אַנדערע האָבן געווים געשפּילט ערלעך, אַלזאָ, איך אָדער דו! איינער פון אונז מוז שטאַרבן, ווייל מיר זענען געווען די לעצטע.“

איצט האָבן מיר אַלע געשוויגן, קיינער האָט שוין נישט געפאָדערט, אַז מען זאָל וואַרפן אַ נייעם גורל, יעדער האָט איינגעזען אַז די לאָטעריע איז געפירט געוואָרן נישט ערלעך, יעדער האָט געוואוסט ביי זיך, אַז ער האָט ריזיקירט מיט זיין לעבן, טאָ פאַרוואָס זאָל זיך אויסדרייען דער מענטש, אויף וועלכן דער שוואַרצער גורל איז געפאַלן?“

„אַ דועל, — אַ דועל!“ — האָט דער אירלענדער געענטפערט גאַנץ רויק.

באַלד האָבן זיך געבילדעט צוויי פּאַרטייען, אייניקע זענען צוגעקומען צום פראַנצויז לע גרא און האָבן זיך געשטעלט אַרום אים, אַנדערע זענען צוגעקומען צום אירלענדער און האָבן זיך געשטעלט אַרום אים.

מען האָט אָנגעהויבן צו רעדן, מיט וואָס פאַר אַ געווער מען זאָל זיך שלאָגן, אויפן פּאַראָם האָבן זיך געפונען העק, שפּיזן, האַרפונען און אַנדערע מינים געווער. סוף כל סוף איז געבליבן, אַז ביידע זאָלן זיך שלאָגן מיט איינפאַכע מאַטראָזן־מעסערס.

מען האָט באַלד געבראַכט צוויי שאַרפע מאַטראָזן־מעסערס און מען האָט דערלאַנגט יעדן א מעסער.ביידע מעסערס זענען געווען שאַרף, ביידע זענען געווען לאַנג און שטאַרק. די מאַטראָזן האָבן אָפּגעטרעטן פון ביידע זייטן פונם פּאַראָם. עס האָט זיך געבילדעט א פרייער פּלאַץ פאַרן דועל.

עס איז שוין געווען נישט פרי, ווען דער דועל האָט געדאַרפט זיך אָנהייבן. די זון האָט שוין געהאַלטן ביים אונטערגיין. דער ים איז געווען געפאַרבט בלוי־רויט. אַלע זענען געשטאַנען שטיל אויפן פּאַראָם. יעדער האָט געוואוסט, אז באַלד וועט זיך אָפּשפּילן דער לעצטער, טרויעריקסטער אקט פון דער דראַמע, און איינער אָדער צוויי וועלן דעם מאָרגנדיקן טאָג נישט דערלעבן. עס איז געווען א טרויעריקער מאָמענט פאַר אַלעמען.

באַלד האָבן זיך ביידע פיינט געשטעלט איינער קעגן אַנדערן. יעדער האָט אויפגעהויבן זיין שאַרף מעסער אין דערהויך. יעדער האָט מיט אים א מאַך געטאָן, גלייך ווי ער האָט געוואָלט מיט אים אָנפאַלן אויף זיין פיינט. יעדער איז אָבער געבליבן שטיין אויף זיין אָרט. די צעשויער, דער עולם איז געוואָרן אומגעדולדיק. זיי האָבן געוואָלט, עס זאָל שנעלער נעמען א סוף. דער הונגער איז געווען שרעקלעך און די בלוטיקע צערעמאָניע האָט שוין פאַר זיי געדויערט צו לאַנג.

אויסער דעמדאָזיקן עולם האָט זיך געפונען און אַנדער עולם, וואָס איז נישט אָפּגעטרעטן פונם גרויסן פּאַראָם. דאָז איז געווען א גאַנץ אַנדערע סאָרט פּובליקום. דאָס זענען געווען די האַיפיש. זיי האָבן געפילט, אז פריער אָדער שפּעטער וועלן זיי אויפפרעסן אַלעמען פון פּאַראָם און האָבן נישט אָפּגעטרעטן פון אים.

אזוי זענען פאַרגאַנגען עטלעכע שרעקלעכע מינוטן. ביידע קעגנער זענען געשטאַנען איינער קעגן אַנדערן. יעדער האָט געזוכט דעם אָרט, וואו ער זאָל טרעפן זיין פיינט און זאָל אים טויטן מיט־אַמאָל. די מאַטראָזן האָבן ענדלעך זיך אָנגעהויבן צו לאַנגווײַלן.

„זעט נאָר, צוויי העגער שטייען איינער נעבן אַנדערן און

האָבן מורא אַנצופאַלן איינער אויפן אַנדערן!" — האָבן געשריען אייניקע.

„גיב אים, לע גראַ! לערן אים אָן! ווייז אים, ווער דו ביזט!" — האָבן געשריען אַנדערע.

„שטעך אים! ווייז אים! דעם פראַנצויז!" — האָבן געשריען די אַנדערע.

ביידע קעגנער האָבן עס געהערט און זענען געוואָרן אויפגערעגט. עס איז זער מעגלעך, אַז זיי האָבן געוואַרט ביז אַהער, אפשר וועט זיך נאָך איינער אַריינמישן און וועט שטערן דעם דועל; איצט אָבער, ווען אַלע האָבן אָנגעהויבן צו שרייען, אַז דאָס בלוטיקע שפּיל זאָל זיך שוין אָנהייבן, האָבן זיי געמוזט ווייזן, אַז זיי שפּאַסן אויך נישט, אַז עס איז אַ בלוטיקער ערנסט.

ביידע קעגנער זענען צוגעגאַנגען נענטער איינער צום אַנדערן, האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן איינער אויפן אַנדערן, יעדער אָבער האָט אויסגעמיטן דעם אַנדערנס מעסער; זיי האָבן זיך נאָר געראַנגלט. באַלד האָט די לינקע האַנט פון יעדן אָנגעכאַפּט די רעכטע האַנט פונם קעגנער. זיי האָבן זיך אַרומגענומען, און יעדער האָט געזוכט פריי צו מאַכן זיין רעכטע האַנט און דערשטעכן דעם צווייטן. יעדער האָט געוואָלט אומוואַרפן דעם אַנדערן.

אַלע האָבן געקוקט אויף די דערדאָזיקער שרעקלעכער סצענע. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער אירלענדער איז געשיקטער און פלינקער פון דעם דיקן פראַנצויז. ער האָט אים געהאַלטן פעסט און האָט געריסן זיין רעכטע האַנט מיטן מעסער. דער פראַנצויז האָט עס באַמערקט, האָט איינגעבויגן דעם קאָפּ און האָט אָנגעהויבן צו בייסן דעם אירלענדער מיט די ציין.

דער אירלענדער איז אויפגעשפּרונגען פאַר שמערץ און האָט אומגעוואָרפן דעם פראַנצויז אויף די ברעטער פונם פּראָם. ער איז געווען אַ געשיקטער באָקסער, אַ שלעגער, אַ פייטער, ווי אַלע אירלענדער זענען. אין אייניקע מינוטן האָט ער אַרויסגעדרייט לע גראַס

האנט אונטער אים, האט געכאפט זיין מעסער און האט אים גע־וואלט דערשטעכן.

אין אט דער מינוט האט איינער פון די מאטראזן אויסגע־רופן:

„טויט אים נישט! מיר זענען געראטעוועט!"

„פייער! איך זע פייער!" — האט געשריען א צווייטער.

„ליכט! פייער! מענטשן, א שיף!" — האבן געשריען עטלעכע מיטאמאל.

ווי בייז און אויפגערעגט דער אירלענדער איז געווען, האט ער דאך געמוזט אפלאזן דעם פראנצויז, די ווערטער: פייער, ליכט, מענטשן, א שיף, האבן געווירקט, ווי א כישוף אויף אלעמען. אלע האבן זיך אומגעקוקט.

און אלע האבן זיך דערפרייט. אייניקע האבן געטאנצט פאר פרייד.

„ענדלעך זענען מיר געראטעוועט! א סוף צו אונזערע ליידן!" — האט מען געשריען פון אלע זייטן.

אין די ערשטע עטלעכע מינוט האט קיינער נישט געוואוסט, וואס עס טוט זיך מיט אים. יעדער איז געווען פול מיט פרייד, וואס ער וועט מער נישט דארפן שפילן אין דער שרעקלעכער לאטעריע פון לעבן און טויט. עס איז פארגאנגען א שטיק צייט, ביז מען האט זיך בארויקט, ביז מען האט געקענט עפעס באטראכטן און עפעס באקלערן.

„יבשה! יבשה!" — האט אויסגערופן איינער פון זיי.

די איבעריקע האבן זיך צעלאכט. יעדער פון זיי האט געוואוסט, אז זיי געפינען זיך אין דער מיט פונם אטלאנטישן וועלט־ים.

„א שיף! דאס מוז זיין א שיף!" — האט אן אנדערער גע־שריי.

„דאס איז נישט קיין שיף!" — האט געזאגט אן אלטער דער־פארענער מאטראז. — „דאס איז נישט קיין שיף. עס איז אומ־מעגלעך, אז אויף א שיף זאל ברענען אזא גרויס פייער."

„אלזא, וואס דען איז עס? מיר זעען דאך פייער."

„אויף א שיף ברענגען ביינאכט צוויי־דריי לאמטערנעס," — האט דער אלטער דערפארענער מאטראז דערקלערט. — מיר אבער זעען פאר אונז א פייער, ווי קומט א פייער אויף א שיף?"

ערשט איצט האט מען אנגעהויבן צו טראכטן, אז דאס פייער, וואס מען זעט, איז נישט קיין געווענלעך פייער.

„מיר זעען דאך פייער, — האט דערקלערט דער שפאניער. — וואו עס איז דא פייער, דארט זענען דא מענטשן און מיר דארפן דאך מענטשן."

„ ווי קומט אבער א פייער אין דער מיט פונם אטלאנטישן וועלט־ים?" — האט געפרעגט א פערטער. — „דאס איז א רעטעניש. דאס איז א כישוף! אונזערע אויגן זענען פארבלענדט, דער רוח שפילט זיך מיט אונז!"

עס איז געווארן א געשריי און א גוואלד, אז עס איז אוממעגלעך געווען צו הערן, וואס איינער האט גערעדט. עס איז פארגאנגען א שטיק צייט, איידער מען האט זיך אביסל בארויקט און מען האט געקענט קומען עפעס צו א באשלוס.

דער פראנצויז לע גרא, וועלכער איז דאך געווען דער בעסטער מאטראז אויפן פראם, איז ענדלעך געקומען צו זיך און האט זיך אביסל בארויקט נאך דער שרעקלעכער סצענע, וועלכע ער האט נארוואס דורכגעלעבט מיט זיין קעגנער. ער האט זיך אויך צוגעקוקט צום פייער.

„חברים!" — האט ער אויסגערופן. — „איך בין אן אלטער מאטראז און איך קען אייך פארזיכערן, אז אזא פייער אויפן ים האב איך קיינמאל נישט געזען, אויסער ווען די „ראפינע" האט געברענט. דאמאלס אבער איז דאס פייער געווען פיל שטארקער. איך קען מיר דעריבער אויף קיין פאל נישט דערקלערן, וואס דאס פייער איז און פון וואנען דאס קומט. איך זע אבער דאך א פייער, אלזא, מוזן דארט זיין מענטשן. לאמיר צופארן אהין! לאמיר זען, ווער דארט איז. אפשר וועלן מיר דארט קריגן, וואס צו עסן.

די זון איז אונטערגעגאנגען. עס האָט זיך אויפגעהויבן א ווינטל. לאָמיר אויפציען דעם זעגל און לאָמיר זיך נעמען צו די רודערס. איך בין זיכער, אז מיר וועלן אלע רודערן פלייסיק, וועלן מיר אָנ־קומען צום פייער אין צוויי — העכסטנס אין דריי שעה ארום. מיר וועלן דאן זען, וואָס דאָרט טוט זיך."

דאָס איז געווען דער ריכטיקער וועג צו וויסן, וואָס דאָס איז פאר א פייער. אלע האָבן עס פארשטאנען. אלע זענען געווען לעבע־דיק. ווער עס האָט נאָר געהאַט א שטיקל האָלץ, א רודער, א ברעט אָדער וואָס ער האָט נאָר געקענט געפינען, האָט זיך גענומען צו דער ארבעט און האָט אָנגעהויבן צו רודערן און צו טרייבן דעם פּראָם.

פון צייט צו צייט פלעגט זיך אויפשטעלן איינער און פלעגט שרייען מיט אלע כוחות פון זיינע לונגען:

"ווער זענט איר דאָרט? מיר זענען אומגליקלעכע! אונזער שיף איז פארברענט געוואָרן און מיר ליידן הונגער! ראטעוועט אונז!"

קיינער האָט נישט געענטפערט. האָט מען נישט דערהערט זייערע געשרייען אויף יענער שיף? געפינט זיך דאָס פייער אזוי ווייט, אז מען קען נישט הערן, וואָס מען שרייט אויפן פּראָם? — אויף דידאָזיקע פראגן האָט קיינער נישט געקענט ענטפערן. אלע האָבן געוואָרט, אז דאָס פייער וועט זיך ענדערן, און אויף יענער שיף וועט מען גיבן עפּעס א צייכן, אז מען האָט זיי דערהערט. ליידער, איז אלץ געבליבן שטיל, ווי פריער. דאָס פייער האָט גע־ברענט, ווי פריער און קיין זאך האָט זיך נישט געענדערט.

דאָס האָט איבערראשט די מאטראָזן פון דער "ראפינע". זיי האָבן זיך אויף קיין פאל נישט געקענט דערקלערן, וואָס דאָס זאָל באדייטן.

"מיר זענען גענוג שטארק אָפּצונעמען א שיף!" — האָט אויס־געדופן איינער פון זיי. — "פאר וועמען האָבן מיר דען מורא?

וועלן זיי אונז אויפנעמען מיט גוטן איז רעכט, ווען נישט, וועלן מיר זיך מיט זיי שלאָגן."

אַלע האָבן ווידער אָנגעהויבן צו רודערן און צו אַרבעטן מיט אַלע כוחות. פון דעם אָרט, וואו דער פּאַראָם האָט זיך געפונען פאַר־נאַכט, ביז צום אָרט, וואו עס איז געלעגן דער טויטער וואַלפיש, אויף וועלכן דער נעגער האָט געמאַכט פייער, איז געווען אַ שטרע־קע פון צוואַנציק ענגלישע מייל. אַזוי ווי די נאַכט איז געווען אַ שטילע און אַ פינסטערע, האָט מען געקענט זען דאָס פייער אויפן וואַלפיש אויף אַ גרויסער שטרעקע. צו רודערן אָבער אַזאַ שטרעקע איז אַ שווערן, אומגעלומפּערטן פּאַראָם איז געווען נישט אַזוי לייכט.

דער פּאַראָם איז געגאַנגען זער לאַנגזאַם. די מענטשן זענען געווען אויפגערעגט און שוואַך פון הונגער און דורשט. זיי האָבן אָנפאַנגס גערעכנט, אַז אין צוויי — דריי שעה וועלן זיי צוקומען צום פייער, עס איז אָבער פאַרגאַנגען איין שעה נאָך דער אַנדע־רער און זיי זענען נאָך אַלץ געווען ווייט פון אים.

צו האַלבע נאַכט, ווען עס האָט זיך זיי אויסגעוויזן, אַז זיי זענען שוין גאַנץ נאָענט, איז פּלוצלינג דאָס פייער אויסגעלאָשן געוואָרן. עס איז פאַרשוואונדן געוואָרן, די פינסטערניש איז גע־וואָרן נאָך געדיכטער, נאָך שרעקלעכער און נאָך אימהדיקער.

דאָס פייער האָט זיך פאַרלאָשן מיטאַמאָל. עס האָט אַ פלאַם געטאָן און איז באַלד פּלוצלינג אויסגעלאָשן געוואָרן, גלייך ווי מען וואָלט אַרויפגעגאָסן דערויף וואַסער.

אַלע זענען געבליבן זיצן, ווי פאַרשטיינערט. וואָס האָבן זיי געקענט מאַכן אין אַזאַ פינסטערניש? זיי האָבן דאָך נישט געקענט רודערן, ווייל זיי וויסן נישט וואוהין. אַזוי ווי זיי האָבן אָבער גע־רודערט ביז אַהער מיט אַלע זייערע כוחות און זיי האָבן שוין גע־זען דאָס פייער גאַנץ נאָענט, האָבן זיי געקענט פּשוט פאַרבלאָנ־דזשען.

די פינסטערניש איז איצט געוואָרן נאָך שטאַרקער און נאָך

שרעקלעכער עס האָט זיך אויפגעהויבן א לייכטער נעבל און האָט אַלץ פאַרדעקט און אַלץ פאַרהילט מיט זיין גרויען מאַנטל. די מאַטראָזן פון דער „ראַפּינע“, וועלכע האָבן געהאַפּט, אַז זיי וועלן זיך באַלד זען מיט מענטשן, וועלן רעדן מיט מענטשן און דער עיקר זיי וועלן עפּעס עסן, שטילן זייער שרעקלעכן הונגער, זענען געוואָרן פאַרצווייפלט. אַלע זייערע האָפנונגען זענען מיט איינמאָל פאַרשוואונדן געוואָרן. דער הונגער האָט אויפסניי אָנגעהויבן זיי צו מאַטערן נאָך שטאַרקער און נאָך ערגער, ווי פריער.

וואָלט נישט געווען אַזוי שרעקלעך פינסטער, וואָלטן זיי גערווים געפּאָדערט, אַז דער פראַנצויז מיטן אירלענדער זאָלן ענדיקן זייער שרעקלעכן דועל און איינער פון זיי אָדער בײדע זאָלן שטאַרבן און מען זאָל זיי אויפעסן. איצט אָבער אין דער פינסטער איז עס געווען אוממעגלעך. מען האָט איינמאָל באַשלאָסן, אַז זיי זאָלן זיך שלאָגן אויף א דועל און מען מוז עס האַלטן.

די אומגליקלעכע, פאַרצווייפלטע מאַטראָזן פון דער „ראַפּינע“ זענען געזעסן טרויעריק, בייז און אויפגערעקט. ענדלעך האָבן זיי זיך אַנידערגעלייגט. יעדער האָט געוואָלט אַנטשלאָפן ווערן, אפשר וועט ער וויניקסטנס אויף א פּאָר שעה פאַרגעסן דעם שרעקלעכן הונגער. איניקע זענען ווירקלעך באַלד אַנטשלאָפן געוואָרן, אַנדערע אָבער האָבן נישט געקענט שלאָפן און האָבן זיך געקייקלט אויף די האַרטע ברעטער פון זייער פּראָם

פון צייט צו צייט פלעגט אויפשטיין איינער פון זיי, פלעגט אַרומקריכן אויפן פּראָם, פלעגט זיך אַנידערזעצן און פלעגט זיך צוריקלייגן, אָדער פלעגט צוקריכן צו אַן אַנדערן און פלעגט אים פרעגן שטילערהייט:

„דו שלאָפסט נישט?“

„איך שלאָף נישט,“ — פלעגט דער אַנדערער ענטפערן. — „לייג זיך נעבן מיר און לאָמיר רעדן.“

אין אַנדערע ערטער זענען געזעסן צוויי מענטשן אָנגעשפּאַרט

אָן א ברעט אָדער אָן א קלאָץ און האָבן גערעדט צווישן זיך שטילערהייט, אויפן אויער.

נעבן ליידיקן פעסל פון ראָם איז געלעגן איינער און איז געשלאָפן געשמאַק, וווּיניקסטנס אַזוי האָט זיך עס אויסגעוויזן, ווייל ער האָט געכראָפּעט אין דער הויך, ווי אַן אָקס. דאָס איז געווען דער אירלענדער און אין דער אַנדערער זייט פונם פאַראָם זענען געזעסן צוויי מענטשן און האָבן גערעדט שטילערהייט.

„ער שלאָפט געשמאַק, ער כראָפּעט,“ — האָט געזאָגט איינער פון זיי, — „מיר מעגן רעדן, ער הערט נישט.“

„איך מוז מיך צוהערן צו אים,“ — האָט דער אַנדערער געענטפערט, — „איך גלויב אים נישט.

ער האָט זיך צוגעקייקלט שטילערהייט צום שלאָפנדיקן אירלענדער און האָט זיך געלייגט נעבן אים אייניקע מינוט. דאַן האָט ער זיך צוריקגעקייקלט צו זיין חבר און האָט אים געזאָגט:

„יאָ, ער שלאָפט, ווי א דערהרגעטער.“

„גוט! דאַן מוזן מיר זען עס אַזוי צו מאַכן, אַז ער זאָל שוין קיינמאָל נישט אויפשטיין. ווי מיינט איר?

„איך מיין גאָרנישט. זאָגט מיר, נאַר, וואָס מיר זאָלן טאָן.“

„מיר דאַרפן נישט מאַכן קיין ליאַרם: איין ריכטיקער שטאָך מיט א מעסער אין האַרצן — און ער איז פאַרטיק. די גאַנצע געשיכטע וועט דויערן אייניקע מינוטן.“

„איך גלויב נישט, אַז מען זאָל עס קענען אָפּמאַכן אַזוי גאַנץ שטיל. ער קען זיך אויפכאַפּן. ער וועט אָנהייבן זיך צו וואַרפן, צו צאַפּלען. עס וועט ווערן א גוואַלד. עס קען דערפון אַרויסקומען א געשלעג.“

„זייט נישט קיין נאַר! די מיטן איטאַליענער וועלן צוגיין צו אים. איינער וועט אים צוהאַלטן און דער אַנדערער וועט אים אַריינשטעכן דאָס מעסער אין האַרצן.“

„וואָס וועט אָבער זיין מאָרגן? לאָמיר זאָגן, אַז עס וועט געשען אַזוי שטיל, ווי איר מיינט. וואָס וועלן זיי אָבער זאָגן מאָרגן